ר׳ נחמן בראַצלעווער

סיפּורי-מעשיות

4 אילוסטראַציעס

3 ניגונים

פֿראַגמענטן פֿון פֿאָרשאַרבעטן
צו דער כאַראַקטעריסטיק
און זכרונות

אַרײַנפֿיר און רעדאַקציע
פֿון
שמואל ראָזשאַנסקי

Reb Nachmen Bratzlewer — Sipurei - Maises

Reb Najmen Bratzlewer — Cuentos

Copyright 1967, by
ATENEO LITERARIO EN EL IWO
Pasteur 633
Buenos Aires

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Queda hecho el depósito que previene la ley 11.723

69 A 1457

Este libro se terminó de imprimir el día 20 de julio de 1967, en los Talleres Gráficos "Zlotopioro Hnos.", San Luis 3149, Bs. Aires.

30סטער באַנד פֿון ציקל

מוסטערווערק פֿון דער יידישער ליטעראַטור

אַרויסגעגעבן פֿון

יוסף ליפֿשיץ־פֿאָנד

פֿון דער

ליטעראַטור־געזעלשאַפֿט בײַם ייִוואָ
אין אַרגענטינע

אונטער דער רעדאַקציע
פֿון
שמואל ראָזשאַנסקי

קאָרעקטור
יעקבֿ יהושע לערמאַן

טיראַזש: 1.200 עקז׳

יאָר: ה׳תשכ״ז — 1967

ליטעראַטור־געזעלשאַפֿט ביים ייוואָ אין אַרגענטינע

תוכן

ביאָגראַפֿישע שטריכן 8

שמואל ראָזשאַנסקי — דער חסידישער רבי וואָס האָט פֿאַרפֿי־
שופֿט אונדזער וועלטלעכע ליטעראַטור 9

סיפּורי־מעשיות 21

אַ מעשה מיט אַ מלך וואָס האָט אײַנגענומען כּמה מדינות 22

אַ מעשה מיט אַ חכם און אַ תּם 30

מעשה מיט די זיבן בעטלערס 62

מעשה מיט אַ רבֿ און אַ בן־יחיד 107

אַ מעשה פֿון אַ פֿאַרלוירענער בת־מלך 113

אַ מעשה פֿון אַ מלך מיט אַ חכם 124

אַ מעשה פֿון אַ מלך וואָס האָט גוזר שמד געווען 128

אַ מעשה מיט אַ בן־מלך 136

אַ מעשה פֿון אַ פֿאַרביטענעם בן־מלך מיט אַ פֿאַרביטענעם בן־
שפֿחה 141

אַ מעשה מיט אַ הינקענדיקן 170

אַ מעשה מיט אַ ענגלשטעכטער 189

צו דער כאַראַקטעריסטיק 191

אַהרן צייטלין — ר׳ נחמן 192



יעקב גלאַטשטײן — דער בראַצלעוװער צו זײַן סופר 196

ש. צ. זעצער — ר׳ נחמן בראַצלעוװערס פֿאַרהערלעכן ארץ־ישראל 198

אַלף כ״ץ — ר׳ נתן דער סופֿר 201

שמעון דובנאָװ — ר׳ נחמן בראַצלעוװער און דער צדיקיזם ... 202

הלל צײטלין — שקרים, בילבולים אויף ר׳ נחמן בראַצלעוװער
און דער מקור פֿון די רדיפֿות 205

לײב פֿײַנבערג — נחמן בראַצלעוװער 209

שמואל ניגער — די ליטעראַרישע װערטן אין סיפורי־מעשיות 211

יעפֿים ישורין — ר׳ נחמן בראַצלעוװער־ביבליאָגראַפֿיע 214

ש. ר. — נאָכבאַמערקונגען 220

מוזיק און אילוסטראַציעס:

ניגון צו אשת חיל 106

〃 〃 כן יאובדו 135

〃 〃 ויהי בחצי הלילה 188

אומאַן און ר׳ נחמנס אוהל 7

מעזשיבוזש 21

א. מערזער — צום פֿאָלקסליד „אַז דער רבי אלימלך 61

א. מערזער — חסידים טאַנצן 123

ר׳ נחמן בראַצלעווער, געבוירן ראש־חודש ניסן תקל״ב—1772 אין מעזשיבוזש, אַן אוראייניקל פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, פון מאַמעס צד, אויך פון חסידישן יחוס פון טאַטנס צד, האָט צו די 6 יאָר שוין געוויזן חסידישן ברען: גענומען זיך אָפּזונדערן, פאַסטן, דאַווענען מיט התלהבות און זוכן סודות התורה. פרי געקראָגן אַ שם פון אַ חריף און עילוי.

צו בר־מצווה האָבן די עלטערן אים פאַרקנסט און גיך חתונה געמאַכט, באַזעצנדיק אים אין שווערס הויז, אין דאָרף קוסטין. ער גייט־אַריבער אין מעדוועדיעווקע און דאָ נעמען צו אים גיין חסידים. דאָס באַפרידיקט אָבער נישט דעם יונגן רבין. ער פילט, אַז כדי ראוי צו זיין צו דער שליחות, מוז ער אַפריער זײַן אין ארץ־ישראל. ער פאַרקויפט דעריבער אויס די גאַנצע שטוב, הייסט דער פרוי און קינדער גיין צום שווער און לאָזט זיך אַוועק אייר תקנ״ח—1798 קיין אָדעס. די נסיעה איז פול מיט סכנות. פראַנצויזן פירן מלחמה קעגן די טערקן און ענגלענדער. פאָרן אויפן ים איז אַ גרויסע געפאַר. דאָך קומט ר׳ נ. ערב ראש־השנה תקנ״ט אין חיפה.

נאָר אויב ס׳ווערט ווייניק וואָס דערציילט וועגן זײַן באַזוך אין א״י, איז אָבער בלי ספק קלאָר, אַז אין די עטלעכע חדשים, וואָס ער איז דאָרטן געווען, איז אין אים פאָרגעקומען אַ גוואַלדיקע ענדערונג: אַלע זײַנע חיבורים האָט ער געשאַפן נאָכן צוריקקומען פון א״י, סײַ לקוטי מוהר״ן, וואָס ווײַזט ר׳ נחמנס דרך אין חסידות, סײַ זײַנע סיפורי מעשיות, וואָס ער פלעגט דערציילן אויף יודיש, נאָר זײַן סעקרעטאַר, זײַן הייסטער חסיד, ר׳ נתן, פלעגט איבערזעצן אויף לשון קודש.

*

צוריקגעקומען פון א״י, האָט ר׳ נחמן זיך באַזעצט אין זלאַטאָפּאָליע און פון דאַנען האָט זײַן שם שנעל צעקלונגען ווײַט און ברייט, אָבער נישט בלויז צווישן הייסע אָנהענגערס, נאָר אויך צווישן פײַערדיקע קעגנערס. זײַן זאָג „איך גיי אויף אַ נײַעם וועג, אויף וועלכן קיינער איז נאָך נישט געגאַנגען״, ווי זײַן קריטיקירן דאָס פּראַווען צדיקיזם ווי אַ מסחר, האָט אים פאַרשאַפן אַ סך שונאים. איינער פון זיי איז געווען דער שפּאָלער זיידע.

ר׳ נחמן איז אין 1800 אַריבער אין בראַצלאַוו, דאָ האָט ער געוווינט 10 יאָר, און פון אָט דער שטאָט האָט ער געקראָגן דעם נאָמען בראַצלעווער. מ׳רופט אים אויך דער אומאַנער, ווײַל אין 1810 האָט ער זיך אַריבערגעצויגן אין אומאַן, וווּ ער איז אינעם זעלביקן יאָר נפטר געוואָרן, פון טובערקולאָז, י״ח תשרי תקע״א. זײַנע חסידים האָבן דעריבער אײַנגעפירט צו קומען אויף ראש־השנה אין אומאַן, כדי צו פראַווען יאָרצייט בײַם רבינס קבר, ווי אויף קבר־אָבות.

דער חסידישער רבי וואָס האָט פאַרכישופט אונדזערע וועלטלעכע שרייבערס

אונטער די פליגלען פון בעש״ט

ר׳ נחמן בראַצלעווער איז נישט בלויז פאַר זײַן פאַרליבטן תלמיד „דאָס גרויסע ליכט״ [1]. אויך דער וועגווײַזער פון אונדזער וועלטלעכקייט און אַלוועלטלעכקייט פאַלט פאַר אים אַרײַן אין התפעלות. ער זאָגט: „דער ערשטער פאָלקסדיכטער איז ר׳ נחמן בראַצלעווער״ [2]. און דער ייִדישיסטישער סאָציאַליסט, נאָך אין די צײַטן פון חלב־אַפּיקורסות, וואַגט אָנצושרײַבן: „איך ווייס ניט, אויב אין דער גאַנצער וועלטלעכער סימבאָלישער ליטעראַטור וועלן מיר געפינען (אפשר איין מעטערלינק אָפּגערעכנט) אַ גלײַכן צו איר, צו דער חסידישער מעשה פון די זיבן בעטלערס״ [3]. דערלויבט זיך שוין אַפילו דער סאָוועטישער ליטעראַטור־היסטאָריקער צו מאַכן אַזאַ ווײַטגייענדיקע הנחה: אַז „די מעשיות. נחמנס פון בראַצלאַוו, זײַנען אויפן ענגסטן אופן פאַרבונדן מיט דער טראַדיציע פון די ייִדישע פאָלקסטימלעכע מעשה־ביכער און באַזונדערס מיט די וואָס שטאַמען אורשפּרינגלעך פונעם מערב־איראָפּעישן ראָמאַנטישן ריטער־ראָמאַן״ [4]...

אונטער די פליגלען פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב איז אויסגעוואַקסן אַן אוראייניקל — אי אַ רבי, אי אַ קינסטלער. אין ר׳ נחמנען

[1] רבי נתן נעמיראָווער — ערשטע הקדמה צו סיפורי־מעשיות, מיט אָפּהאַנדלונגען פון ש. צ. זעצער, ניו־יאָרק תרפ״ט, ז׳ נה.

[2] י. ל. פרץ — עפענונג־רעדע פון דער 1טער ייִדישער שפּראַך־קאָנפערענץ, 1908 אין טשערנאָוויץ, ייִוואָ־בוך, ווילנע 1931, ז׳ 75.

[3] חיים זשיטלאָווסקי — „אַ בריוו פון אַ ייִדישן סאָציאַליסט״ (1906), געזאַמלטע שריפטן, ב׳ 2, וואַרשע 1931, ז׳ 16.

[4] מ. ווינער — צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט, ב׳ 1, נ״י 1945, ז׳ 34.

„האָבן מיר אַ זעלטענע קאָמבינאַציע פֿון אַ גרויסן קינסטלערישן טאַלאַנט און הייליקן פֿילאָסאָפֿישן זוכן, פֿון פֿרײַען פּאָעטישן שווונג און אַרויפֿגעצווונגענער דידאַקטישער אײַנגעצאַמטקייט, פֿון ריין קינסטלערישער אַקטיוויטעט, וועלכע איז גלײַכצײַטיק אויך אַ מין עבֿודת־השם פּראַווען פֿון אַ גרויסן צדיק, וואָס איז פֿאַרנומען כּל ימיו מיט גאָט דינען"[5].

איז אויב אַזאַ מין רבי זעט־אויס אינעם 20סטן יאָרהונדערט ווי אַ גרויסער חידוש, אַ זעלטנקייט, אַ וווּנדער, קען מען זיך פֿאָרשטעלן, אַז אָנהייב 19טן יאָרהונדערט האָט אַזאַ פּערזענלעכקייט באַדאַרפֿט זײַן מער ווי קוריאָז. עס איז דערפֿאַר נישט מער ווי נאַטירלעך, וואָס „דער גרעסטער טייל צדיקים פֿון יענעם דור האָט אים באַטראַכט ווי אַ פֿרעמדן אַרײַנרײַסער, וואָס איז בײַ קיינעם פֿון זיי נישט געווען קיין תּלמיד און איז פֿון קיינעם פֿון זיי נישט אָנערקענט געוואָרן פֿאַר אַ גוטן ייִדן"[6]. וואָרן אין דער זעלביקער צײַט, וואָס דער דאָזיקער צדיק זוכט צו פֿאַרשטאַרקן און פֿאַרטיפֿן און אויסברייטערן די הייסע פֿרומקייט, האָבן זײַנע סיפּורי־מעשׂיות „גורם געווען דעם אויפֿקום פֿון דער משׂכּילישער אַנטיחסידישער בעלעטריסטיק" און אָן זיי „וואָלט, חוץ דעם, נישט געקאָנט געמאָלט זײַן דער אויפֿקום פֿון דער נעאָ־חסידישער ליטעראַטור אין סוף פֿונעם יאָרהונדערט"[7].

ר' נחמן בראַצלעווער, אַ רײַכפֿאַרביקע פּערזענלעכקייט, האָט אין זײַן קורצן לעבן כּסדר זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין און מיט זײַן סבֿיבֿה. די סתּירות האָבן פֿון אים אַרויסגעשפּאַרט און ער האָט זיך מיט זיי נישט אויסבאַהאַלטן. ער האָט, למשל, געפּריידיקט תּמימות ווי די העכסטע מדרגה, צו וועלכער דער מענטש דאַרף שטרעבן, נאָר אַליין האָט ער ליב געהאַט זיך צו באַרימען אויף די גאָר הויכע טעבער, זיך געשטעלט העכער פֿון די אַנדערע צדיקים, זאָגנדיק: „איך

[5] ש. צ. זעצער — אײַנלייטונג צו סיפּורי־מעשׂיות, נ"י 1929, ז' ט.
[6] שמעון דובנאָוו — געשיכטע פֿון חסידיזם, ב' 1, ב"א 1957, ז' 240.
[7] ש. ניגער — דערציילערס און ראָמאַניסטן, ב' 1, נ"י 1946, ז' 23.

גיי אין אַ נײַעם וועג, אויף וועלכן קיינער איז נאָך נישט געגאַנגען". יאָ, „ר' נחמן איז געווען קראַנק אויף נאַרציסיזם, און עס איז פּשוט ניט צו פֿאַרשטיין, ווי אַזוי ער האָט געקענט ריידן — און ער האָט גערעדט — וועגן זײַן ענִיוות"[8]...

וואָלט ר' נחמן נישט געהאַט אין זיך אַזעלכע גרויסע סתּירות, וואָלט ער געוויס נישט געוואַגט צו אַנטפּלעקן דעם קינסטלער, וואָס איז געווען אין אים, דעם צדיק. וואָרן אַפֿילו זײַן איבערגעגעבנסטער תּלמיד האָט מיט כּלערליי אַרײַנטײַטשונגען געזוכט אויפֿצוווײַזן, אַז „אין די מעשׂיות איז דאָ זייער גרויסע סודות התּורה און „עס איז אין זיי ניטאָ קיין איין וואָרט, וואָס עס זאָל זײַן פּשוט"[9]. בראַצלאַווער חסידים האָבן דערפֿאַר געלערנט די סיפּורי־מעשׂיות, מיט גרויס און קליין, ווי תּורה... געלערנט יעדן טאָג, בציבור, אויף אויסווייניק... ווי אַ שיעור.

מ'האָט אים געלערנט, באַוווּנדערט, אָבער אין זײַן גאַנצער גרייס בשום אופֿן נישט באַנומען.

אין היסטאָרישן ליכט

חסידות — „די תּורה פֿאַר אַלע"[10] — איז „די טאָכטער פֿון קבלה"[11].

אין פֿלוג זײַנען די דאָזיקע צוויי דעפֿיניציעס זיך סותר איינע די אַנדערע. תּורה פֿאַר אַלע דאַרף זײַן — פּאָפּולער, המוניש. קבלה איז רזי דרזינדיק, סודות אויף סודות, וואָס איז שווער צו דערגיין אַפֿילו

[8] ש. ניגער — „אַרײַנפֿיר צו יונה ספּיוואַקס ר' נחמן בראַצלעווער", בלעטער געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, נ"י 1959, ז' 129.
[9] ר' נתן נעמיראָווער — „הקדמה אויף טײַטש" צו דער 1טער אויסגאַבע פֿון סיפּורי־מעשׂיות, תּקע"ה/ו.
[10] י. ל. פּרץ — א"צ, אויף דער 1טער ייִדי' שפּראַך־קאָנפֿערענץ, ז' 75.
[11] הלל צייטלין — אַרײַנפֿיר אין חסידות און דער וועג פֿון הב"ד, נ"י 1957, ז' 15.

נאָך אַלע תּעניתים, שלאָפֿלאָזע נעכט און קאָפּברעכענישן... ווי זשע איז מעגלעך צו מאַכן שותּפֿות צווישן אַזעלכע צוויי עקסטרעמען?

דאָך איז חסידיזם אַ שותּפֿות פֿון די צוויי עקסטרעמען. „חסידות איז כּולל אין זיך אַלע גײַסטיקע ווערטן און גוטע מידות, סײַ צווישן מענטש און גאָט, סײַ צווישן מענטש און מענטש, סײַ אין דער וועלט פֿון אַבסטראַקציע און סײַ אין דער וועלט פֿון זאַכלעכקייט"[12]. פּונקט ווי ס'איז געמאָלט, אַז „דער חסידיזם איז נישט אָריגינעל און נישט נײַ"[13], און פֿון דעסט וועגן דורך נײַע פֿאָרמען געמאַכט אַלטע אמתן, צוזאַמענגענומענע, פֿאַראייניקטע, פֿאַר גאַנץ נײַע...

דער חסידיזם ברענגט רעליגיעזן פֿאַנאַטיזם מיט ברען און דאָך איז ער אַ רעוואָלט קעגן אַ נאָך גרעסערן רעליגיעזן פֿאַנאַטיזם — ער שווענקט ממש אָפּ דורות פֿון פֿאַרגליווערונג... ער שטעלט־אויף נײַע פֿעסטונגען קעגן פֿאָרשריט פֿון מענדעלסאָנס אַסימילאַטאָרישער השׂכּלה אין רוסלאַנד, פּוילן און ליטע, און פֿון דעסט וועגן איז ער אַ רעוואָלוציע קעגן אַריסטאָקראַטיזם אין נאָמען פֿון דעמאָקראַטיע — יחדיו. אויפֿגעקומען אויף די האָלאָוועשקעס פֿון כמעלניצקיס פּאָגראָמען, אין אַן אַטמאָספֿערע פֿון יאוש, פּחד פֿאַרן גוי, פֿאַרן דרויסן, פֿון דעסט וועגן לערנט ער, אַז מ'קען דינען גאָט אומעטום און אין פֿאַרשיידענע פֿאָרמען, ווײַל אומעטום און אין אַלץ איז דאָ גאָטס יצירה. איז דאָווענען אויפֿן מאַרק פּונקט אַזוי אָנגעלייגט ווי אין בית־מדרש און זינגען חסידישע לידלעך אויף פּויליש, כאַכליש, פּונקט אַזוי יידיש ווי אויף לשון קודש... אַבי די כּוונה איז דאָ! און התבודדות אין וואַלד אָדער פֿעלד איז פֿאַרן חסיד נישט ווייניקער יחוד ווי אין אָפּגעשלאָסענעם, פֿינצטערן חדר... אַזוי האָט דער נײַער רעליגיעזער התלהבֿותדיקער פֿאַנאַטיזם געפֿירט צו ליב האָבן די נאַטור, באַוווּנדערן אומעטום דעם נס פֿון יצירה און שירה... די דאָזיקע פֿילאָסאָפֿיע האָט געצילט נישט בלויז צום המון, נאָר אויך געלערנט ווי זיך צו

[12] אליעזר שטיינמאַן — גן החסידות, ירושלים, תשי"ז, זז' 15—16.

[13] ש. א. האָראָדעצקי — חסידיזם, בערלין 1924, ז' 10.

באַצײַען צום גוי, צו מאָל צום מושל און אונטער
דו זאָלסט וויסן, אויב מ'וויל, אַז איינער פֿון די
פֿרײַנדלעך צו יידן, דאַרף מען קענען די מדרגה
באַשעפֿער", ווײַל „אויב דער צדיק זאָגט די זעלבי
זאָגט זײַן שׂר, און דינט גאָט אין דער זעלביקער
שׂר ליב האָבן דעם מענטשן, וועלכער דינט גאָט
זאָגט די זעלביקע שירה צו אים"[14]. אַזוי פֿיל עק
נען זיך אינעם חסידיזם! לבֿ טובֿ און שׂמחת הנפֿש
דער מוסר־תּקופֿה געווען דער עיקר ספֿרים צום
חזרן, זײַנען פֿאַרן חסידיזם געוואָרן אַ וועגווײַז
לעבן. פּונקט ווי דער ואָהבֿת. ליבע — איבער אַלץ
שאַפֿטן — אַהבֿת המקום, אַהבֿת ישׂראל און אַהבֿ
דער חסיד צו גאָט, אָט די דרײַ ליבשאַפֿטן האָט גע
פֿון חסידות, ר' ישׂראל בעל־שם־טובֿ", און אַז א
שאַפֿטן ליגט „דער וועג צו דבֿיקות"[15].

ווי דער חסידיזם האָט התלהבֿותדיק אָנגעטראָ
לעכן רעליגיעזן פֿאַנאַטיזם, איז ער געווען — תּור
רעוואָלטירט קעגן „די גרויזאַמע תּשובֿה־רעצעפּטן
פֿון 16טן און 17טן יאָרהונדערט האָבן פֿאַרשריבן"
צעממיתבֿדיק דעם יידנס גוף — ער „איז געקומ
און געלערנט, אַז דער קערפּער איז פּונקט אַזוי הי
און מען דאַרף אים ניט צעברעכן, כּדי זיך אָפּצורי
אַ ריקוד קען זײַן נישט ווייניקער ווי תּפֿילה, און
און אַפֿילו אַ שנעפּסל. דער עיקר איז נאָר — די
„זײַנען געקומען די חסידים און האָבן אַראָפּגעב

[14] אַהרן מרכוס — החסידות, תל־אָביבֿ, תשי"ד, ז' 2

[15] הלל צייטלין — א"צ, ז' 25.

[16] שמואל תּלפּיות — „אַנטשטייונג פֿון חסידיזם",
מאָנטרעאָל, זז' 85—88.

געבראַכט אַ מעכטיקן שטראָם פון לעבן אין דער יידישער מוזיק. „דער בעש״ט האָט געעפנט דעם וועג צו דער חסידישער נגינה, זי האָט זיך אויסגעברייטערט, פאַרצווייגט, און עס זיינען אין איר אַנט־פלעקט געוואָרן שעפערישע כּוחות און פאַרשיידענע אינסטרומענטן״[21], וואָס אָן זיי קענען מיר זיך נישט פאָרשטעלן דעם אויפבלי פון דער מאָדערנער יידישער מוזיק. דער חסידיזם האָט געוויזן אויפן פעלד פון נגינה וווּנדער: זי האָט גענומען פון אַלע גוייִשע סביבות געזאַנ־גען, האָפקעס און שאָפקעס, און האָט אין זיי אַזאַ אייגענעם נוסח אַריינגעגעבן, אַזעלכע ענדערונגען געמאַכט ביים צופּאַסן צום אייגע־נעם געמיט, אין מינאָר־טאָן, מיט בענקשאַפט, פאַרחלומט, אָדער גאָר דביקותדיק און חדוהדיק, יראת־שמימדיק, אַז אַלע זיינען זיי געוואָרן עכט יידישע מוזיק. אין דעם שטעקט די חכמה פון קענען פאַראייגע־נען, וואָס מ׳לערנט פון אַנדערע, צופּאַסן צו דער אייגענער פסיכיק, מענטאַליטעט, גייסטיקע פאָדערונגען. די אמונה, וואָס חסידיזם האָט אַריינגעבראַכט, האָט געשטאַרקט דאָס געבראָכענע יידישע געמיט און אין אים דערוועקט פרישע כּוחות צו ראַנגלען זיך. „אין די מעשׂיות פון ר׳ נחמן קומט בולט צום אויסדרוק, אין אַ מאָס וואָס איז צו באַ־וווּנדערן, דער יידישער אַף על פּי כן; אַפילו ווען כ׳גיי אין דעם טאָל פון טויט, וועט מיך קיין שלעכטס נישט טרעפן, ווייל איך האָב די אייגנשאַפט, כּוח אָדער חכמה צו פאַרוואַנדלען אויך דעם טרויער און קרעכץ — אין אַ קוואַל פון פרייד און שׂמחה״[22].

כאַראַקטעריסטיש, וואָס אין די חורבן־יאָרן אונטער די נאַציס איז אין פוילן (אַזוי זאָגט מען) אַרומגעגאַנגען אָט אַ דאָס זמרל:

„ר׳ נחמן בראַצלעווער האָט געהייסן
זיך נישט מייאש זיין,
כאָטש עס קומען שווערע ציַיטן,

[21] מ. ש. גשורי — הניגון והריקוד בחסידות, תל־אָביב תשט״ו, ז׳ 6.
[22] אליעזר שטיינמאַן — כתבי רבי נחמן מברסלב, ת״אָ תשי״א, ז׳ 23.

דאַרף מען אַ טענצעלע גיין!
דעם בטחון — נישט פאַרלירן,
שטענדיק גלייב און האָף,
אַז די שונאים פון ישראל
וועלן האָבן אַ שוואַרצן סוף!"

ר׳ נחמן בראַצלעווער איז דאָך דער וואָס האָט געשאַפן די לאָזונג געוואַלד, ייִדן, זייט זיך נישט מייאש!

ר׳ נחמן האָט פאַרמאָגט אַ שאַרפן חוש פאַר ברענענדיקע פּראָבלעמען. דאָס, וואָס ער פירט־אַריין אין זיינע מעשׂיות אַזוי פיל קייסאָרים, מלכים, פּרינצן און בת־מלכּהס, איז נישט אַזוי ווייל ער האָט נאָכגעטאָן די אַלטע מעשׂה־ביכלעך, נאָר ווייל ער האָט געלעבט אין אַ צייט, ווען נאַפּאָלעאָן האָט אויפגעהויבן און אומגעשליידערט טראָנען און קרוינען ווי קינדער־שפּילערייען, און די חכמות פון זיגערס און די נאַרישקייטן פון באַזיגטע זיינען געווען די טעגלעכע טעמעס — די אייביקע טעמעס פון דערפאָלג און דורכפאַל, גליק און אומגליק.

אין ר׳ נחמנס עקזאַלטירטן געראַנגל שפּיגלט זיך אָפּ, חוץ אַן אינטערעסאַנט, ממש שפּאַנענדיק קאַפּיטל חסידות, אויך די שטורמישע צייט, אין וועלכער עס האָט ליידנשאַפטלעך פאַרברענט זיין יונג לעבן דער רבי, וואָס זיינע חסידים האָבן נאָך זיין טויט זיך אָנגערופן טויטע חסידים.

ר׳ נחמנס אייגענער דרך און אומאויסשעפּלעכע ירושה

ווי אַ וועגווייזער אין חסידות איז ר׳ נחמן בראַצלעווער נישט געווען קיין פאַרגייער און אַוודאי נישט קיין איינציקער. ער אַליין, וואָס איז קיין מאָל קיין עניו נישט געווען, „אויף זיך האָט ר׳ נחמן געקוקט ווי אויפן לעצטן צדיק האמת, וואָס דאַרף אויסטרעטן אַ וועג

פאַרן לעצטן גואל" [23], ער אַליין האָט כּסדר אַרויפגעקוקט, ווי צו דער זון, אויף זיין עלטערזיידן, דעם בעש"ט, וועלכער איז געווען גאַנצער, קלאָרער, מער אויסגעהאַלטן. ר׳ נחמן איז פול געווען מיט „טראַגישע ווידעראַנאַנדן" און „אויפפּאַלנדיקע סתירות" [24]. מיט זיין האַרציקער באַציִונג צו ייִדיש, אַפילו מיטן רבונו של עולם זיך מתווכח זיין אויף ייִדיש, איז ער נישט געווען דער איינציקער. האָט דאָך פאַר אים נאָך אויסגעזונגען ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער זיין דין־תורה מיטן רבונו של עולם [25]. ס׳איז דאָך אַ פאַקט, אַז שבחי הבעש"ט איז געדרוקט געוואָרן אין העברעיִש 26 מאָל, אין ייִדיש 22 מאָל [26], און הגם ר׳ ישׂראל בעל־שם־טוב האָט גאָר נישט געשאַפן אויף ייִדיש — ער אַליין האָט אויך ניט געשריבן אויף לשון קודש און קיין סעקרעטאַר, ווי ר׳ נחמן האָט געהאַט, איז ביים בעש"ט נישט געווען — דאָך זיינען „די מעשׂיות פון שבחי הבעש"ט, קהל חסידים און אַנדערע מעשׂה־ביכלעך געווען אַ קוואַל פון אינספּיראַציע פאַר ייִדישע שריפטשטעלערס און פּאָעטן", און „דער ערשטער וואָס האָט מיט פולע עמערס געשעפּט פון חסידישן קוואַל און זיך באַנוצט מיט בעש"ט־מאָטיוון אין זיינע דערציילונגען איז געווען י. ל. פּרץ" [27].

ר׳ נחמנס קעמפערישקייט און זיין באַקעמפּט ווערן איז אויך אַ רינגעלע אין דער קייט פון חסידות, וואָס איז געווען קעמפעריש און האָט ממילא אַרויסגערופן האַס פון קעגנערס אָדער גרינגשאַצונג פון משׂכּילים. די צייט, די לערערקע פון געדולד, האָט זיך אָבער אויסגעלאַכט פון דעם מין צאָרן. אַזוי, למשל, האָט געקאָנט געמאָלט זיין,

---

[23] הלל צייטלין — ר׳ נחמן בראַצלעווער, נ"י 1952, ז׳ 145.
[24] ישׂראל צינבערג — די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי ייִדן, באַנד 7, בוך 2, נ"י 1943, ז׳ 174.
[25] דער דערבאַרעמדיקער, ווי מ׳האָט אים גערופן (1809—1840), האָט עס אויך אָנגערופן קדיש.
[26] מנשה אונגער — „ייִדישע ווערטער אין שבחי הבעש"ט", יודישע שפּראַך, ב׳ 21, נ׳ 3, נ"י 1961, ז׳ 65.
[27] מנשה אונגער — ר׳ ישׂראל בעל־שם־טוב, נ"י 1963, ז׳ 382 און 384.

אַז אין אַ בוך לכּבוד אַ גרויסן משׂכּיל, וואָס האָט געמאַכט מיט דער בלאָטע צו גלײַך די חסידישע רבּיים און באַזונדער געחוזקט פֿון ר׳ נחמנס לשון, זאָל דער קריטיקער, אַ פֿילאָלאָג, שרײַבן אין זײַן אַרײַנפֿיר: ווי אַ מוסטער פֿון אויטענטישער ריידשפּראַך, וואָס איז נאָענט אין צײַט און אָרט צו פּערלס שפּראַך אין גדולת ר׳ וואָלף מטשאָרני אָסטרה, קען דינען דאָס ייִדיש פֿון ר׳ נחמן בראַצלעוועס סיפּורי־מעשׂיות... דאָ האָבן מיר די ריינע ריידשפּראַך מיט אַלע „שטריכן"[28].

דאָס האָבן נאָר מאָמענטאַנע אַבעראַציעס, וואָס זײַנען געגליכן צו ליקוי חמה, געקאָנט באַוועגן צו זאָגן, אַזוי פֿאַראַלגעמיינערט, „די צײַטן פֿון נחמן בראַצלעווער זײַנען פֿאַרבײַ, די ייִדישע שפּראַך איז הײַנט אַ גאַנץ אַנדערע"[29]. יאָ, די צײַטן האָבן זיך איבערגעדרייט און די צײַטן האָבן זיך צוריקגעדרייט... „אַז הײַנט איז השׂכּלה ווי אויסגעוועפּטער ווײַן"[30]. אַפֿילו אַ היסטאָריקער, וואָס איז היסטאָריקער (מיט אַ ה׳ הידיעה), האָט צו מאָל אין די גלאַנציאָרן פֿון אונדזער רענעסאַנס נישט געקאָנט אין זיך גובֿר זײַן דעם יצר־הרע פֿון דער השׂכּלה און געזאָגט: „אַלע מעשׂיות, ר׳ נחמנס, זײַנען נאָך מײַן מיינונג פֿיבער־פֿאַנטאַזיעס פֿון אַ מענטשן וואָס איז קראַנק אויפֿן גוף און אויף דער נשמה, און אומזיסט האָבן מאָדערנע פֿאָרשערס זיך געמיט נאָכצוגיין די בראַצלעווער חסידים און צו זוכן אַ טראָפּן געדאַנק אין אָט דעם הויפֿן פּלוידערײַען", אין וועלכע ס׳איז „נישטאָ קיין רעליגיעזער געדאַנק און נישט קיין שײנקייט פֿון פּאָעטישער שאַפֿונג"[31]... מיר הערן, אַזוי אַרום, טיף אין 20סטן יאָרהונדערט, נאָך אַלץ די אָפּקלאַנגען פֿון די דיסקוסיעס צווישן משׂכּילים און חסידים.

ר׳ נחמן בראַצלעווער, וועלכער זאָגט אין זײַן ספֿר המידות, אַז אַ מענטש דאַרף זיך אַליין שטראָפֿן יעדן פֿרימאָרגן און אַז די וועלט

---

[28] ז. קלמנאָוויטש — יוסף פּערלס ייִדישע כּתבֿים, ווילנע 1937, ייִוואָ, ז׳ 97.

[29] ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — לידער און עסייען, ב׳ 2, נ״י 1932, ז׳ 213.

[30] מ. י. בערדיטשעווסקי — ייִדישע כּתבֿים, נ״י 1951, ז׳ 140.

[31] שמעון דובנאָוו — געשיכטע פֿון חסידיזם, ב׳ 1, ב״א 1957, ז׳ 246.

לעבט אין צדיקס זכות, און אין יעדן דור זײַנען דאָ צדיקים (ער האָט דערפֿאַר געהאַלטן, אַז אַ ייִד דאַרף קומען צום צדיק זיך מתוודה זײַן), האָט מיט זיך אַליין כּסדר מלחמה געהאַלטן. ער איז בלי שום ספֿק אַ פֿענאָמענאַלע געשטאַלט פֿאַר אַ גרויסער דראַמע.

ר׳ נחמנס עקסטרעמער אינדיווידואַליזם דריקט זיך אויס אין דער פֿאָדערונג (אין זײַן ספֿר ליקוטי מוהר״ן) אַז דער מענטש דאַרף זאָגן: די וועלט איז נאָר צוליב מיר באַשאַפֿן געוואָרן און דערפֿאַר דאַרף איך אויסבעסערן די וועלט און דורך געבעט זי אויפֿהייבן. אַז אמונה קען מען דאָס נישט דערגרייכן. דער גאַנצער גלות — זאָגט ער — קומט נאָר דערפֿון, וואָס עס פֿעלט גלויבן. אַז איר ווילט, איז דאָס די פֿרומקייט, וואָס איז פֿאַרבונדן מיטן בית־מדרש, מיט טלית און תּפֿילין, מיט טעאָלאָגיע... איר קענט אָבער דאָס זעלביקע אַרײַנפּאַסן נישט בלויז אין די וועלטלעכסטע קאָנצעפּציעס, נאָר אַפֿילו אין די סאַמע אַנטירעליגיעזסטע... ווײַל אַלע אומגליקן פֿון דער וועלט נעמען זיך „נאָר דערפֿון, וואָס עס פֿעלט גלויבן"... אַפֿילו בײַ אַ סך פּאַרטייליײַט, וואָס טראָגן דעם פּאַרטיי־קאַרנעט אין קעשענע, איז אויסגערונען דער גלויבן...

און ר׳ נחמן איז געווען דער אַפּאָטעאָז פֿון גלויבן. און אַלע זײַנע טוּונגען זײַנען געווען געצילט אויף אַרויסצורופֿן אַפּאָטעאָז פֿון גלויבן. און דער הויכפּונקט פֿון זײַנע זוכענישן און געפֿינסן האָט ר׳ נחמן בראַצלעווער אויפֿגעבויט, ווי אַ לײַכטטורעם פֿון גלויבן, אין זײַנע סיפּורי־מעשׂיות, ווו ער רעדט זייער אָפֿט וועגן די וואָס פֿאַרשלאָפֿן די יאָרן, פֿאַרשלאָפֿן די בעסטע געלעגנהייטן פֿון לעבן, און מען דאַרף זיי דערפֿאַר אויפֿוועקן... ער פּראָקלאַמירט דערפֿאַר, מיט זײַן כאַראַקטעריסטישער התלהבֿות:

— די וועלט זאָגט, אַז מעשׂיות זײַנען אַ סגולה צום אײַנשלאָפֿן, און איך זאָג, אַז דורך סיפּורי־מעשׂיות וועקט מען מענטשן אויף פֿון שלאָף.

דער חסיד, וואָס האָט מורא צוצולאָזן וועלכן ס׳איז געדאַנק חוץ פֿון יראת־שמים, זעט דערפֿאַר אין זיי, ווי זײַן טרײַער תּלמיד רבי

נתן, אַז „איטלעך וואָרט, וואָס דאָ שטייט אין דעם הייליקן ספֿר, איז קודש קדשים, לויטער סודות התורה" [32]. אָבער דער מאָדערנער נאָציאָנאַלער ליטעראַטור־קריטיקער געפֿינט אין די סיפּורי־מעשׂיות נישט בלויז דעם התלהבֿותדיקן כּהן גדול פֿון חסידות, נאָר אויך אַ פּאָעט מיט אוניווערסאַלן גײַסט און שווונג, „אַ בענקענדיקער, זוכנדיקער, רעליגיעז־מיסטישער גײַסט, פּונקט אַזוי נאָענט דעם ענלעך פֿילנדיקן ענגלענדער, פֿראַנצויז, דײַטש, ווי דעם ייִדן", און פֿאַר אונדז איז זײַן מעשׂה „דער גאָלדענער יד, וואָס טײַטלט אויף דעם וועג, וווהין עס מוז נאָך גיין די וואַקסנדיקע ליטעראַטור" [33]. ס'איז גענוג צו נעמען די מעשׂה פֿון די זיבן בעטלערס, כּדי צו זען, אַז „אויך אָן די פֿאַרבאָרגענע מעטאַפֿיזישע כּוונות האָט די פּאָעמע נישט קיין גלײַכן צו זיך אין דער ייִדישער ליטעראַטור" [34] — נישט קיין וווּנדער, וואָס זי האָט פֿאַרכּישופֿט און געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף אַ סך ייִדישע שרײַבערס, גאַנץ באַזונדער אויף י. ל. פּרצן („די וועלט מוז האָבן אויך אַ האַרץ" אין די גאָלדענע קייט), דוד איגנאַטאָוון („די וועלט איז אַ מעשׂה"), דער נסתּר. מיר געפֿינען „בײַ ר' נחמנען ניט זעלטן געדאַנקען־בליצן, פֿון טרערן און צער געשאַפֿענע פּערל אונטער זאַמד און שפּליטער" [35]. כּסדר שפּאַנענדיק, נישט געקוקט אויף זײַן מעשׂהנען (ישׂראל אַקסענפֿעלדס אַ טערמין). דורכזיכטיק קלאָר, נישט געקוקט אויפֿן אַרײַנשפּרינגען מיט איין מעשׂה אין דער צווייטער. דער תּם (איש תּמים) זיגט, הגם אויסגעווייקט אין פּײַן. ווײַל פֿון יעדער רגע איז אָפּהענגיק די אייביקייט.

שמואל ראָזשאַנסקי

---

[32] ר' נעמיראָווער — „להתודע ולהגלות" צו סיפּורי־מעשׂיות.

[33] בעל־מחשבות — „דאָס דרום־רוסישע ייִדנטום און די ייִדישע ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט" (1920), געקליבענע ווערק, נ"י 1953, ז' 91.

[34] ש. ניגער — בלעטער געש' פֿון דער ייד' ליט', ז' 162.

[35] ישׂראל צינבערג — די געשיכטע פֿון דער ליטעראַטור בײַ יידן, 7טער באַנד, בוך 2, ז' 174.

סיפּורי - מעשׂיות

מעזשיבוזש, וווּ דער בעש"ט איז געשטאָרבן און ר' נחמן איז געבוירן געוואָרן

און, מן הסתם, וווהין גייט אַ שפּין? צו דער פֿליג!

דערווײַל, ווי די שפּין איז געקראָכן און געגאַנגען צו דער פֿליג, איז געקומען אַ ווינט און האָט אויפֿגעהויבן דאָס בלעטל פֿון דעם ספֿר.

האָט די שפּין שוין נישט געקענט גיין צו דער פֿליג. האָט זי זיך אומגעקערט.

זי האָט זיך קלאָמפּערשט געמאַכט, גלײַך ווי זי וויל שוין נישט גיין צו דער פֿליג.

דערנאָך האָט זיך דאָס בלעטל פֿון ספֿר אומגעקערט אויף זײַן אָרט.

האָט ווידער די שפּין געוואָלט גיין צו דער פֿליג.

האָט זיך דעמאָלט נאָך אַ מאָל אויפֿגעהויבן דאָס בלעטל און האָט איר נישט געלאָזט.

האָט זיך די שפּין ווידער אומגעקערט.

און אַזוי איז געווען עטלעכע מאָל.

נאָך דעם איז די שפּין ווידער געגאַנגען צו דער פֿליג און איז אַזוי געקראָכן, ביז זי האָט זיך שוין אַריבערגעכאַפּט מיט איין פֿיסל אויף דעם בלעטל.

האָט זיך ווידער אויפֿגעהויבן דאָס בלעטל.

און די שפּין איז שוין געווען אַ ביסל אויף דעם בלעטל.

האָט זיך דעמאָלט דאָס בלעטל אין גאַנצן אַנידערגעלייגט, ביז דער שפּין איז געבליבן אונטערן בלעטל, אין חלל, וואָס צווישן איין בלעטל און אַנדערן.

זי איז דאָרטן אַרומגעקראָכן און איז געגאַנגען אַלץ מער מטה מטה, ביז עס איז פֿון איר גאָר נישט געבליבן.

און די פֿליג — וועל איך אײַך גאָר נישט דערציילן, וואָס מיט איר האָט זיך אָפּגעטאָן.

*

אַ מעשה מיט אַ מלך וואָס האָט איינגענומען כמה מדינות

מעשׂה. אַמאָל איז געווען אַ מלך, וואָס ער האָט אויף זיך געהאַט כּמה מלחמות שווערע. ער האָט מנצח געווען אין זיי און האָט גענומען אַ סך שבֿוּיים [1].

האָט דער קיסער געמאַכט אַ גרויסן באַל אַלע יאָר אין דעם טאָג, וואָס ער האָט געוווּנען די מלחמה.

זײַנען דאָרט געווען, אויף דעם באַל, אַלע שׂרי מלוכה און אַלע שׂררות, אַזוי ווי דער סדר איז בײַ מלכים.

און מען האָט דאָרט געמאַכט קאָמעדיעס, און מען האָט געלאַכט פֿון אַלע אומות, פֿון טערק און פֿון אַלע אַנדערע אומות. זיי האָבן נאָכגעקרימט דעם נמוס [2] מיט דער הנהגה פֿון איטלעכער אומה.

און מן הסתם האָבן זיי פֿון ייִדן אויך געמאַכט געלעכטער.

און דער מלך האָט געהייסן, מען זאָל אים ברענגען דעם ספֿר, וואָס דאָרטן איז פֿאַרשריבן דאָס פּירעכץ פֿון איטלעכער אומה.

איז אומעטום, ווו דער מלך האָט געעפֿנט דעם ספֿר, האָט ער געזען, אַז עס זײַנען אין אים פֿאַרשריבן די הנהגה מיט די נמוסים פֿון איטלעכער אומה, פּונקט אַזוי ווי זיי האָבן געמאַכט די קאָמעדיע פֿון זיי. וואָרעם מן הסתם האָט דער, וואָס האָט געמאַכט די קאָמעדיע, אויך געזען דעם ספֿר הנ״ל.

דערווײַל, ווי דער מלך איז געזעסן איבער דעם ספֿר, האָט ער געזען ווי אַ שפּין קריכט אויף דעם שאַרף פֿון די בלעטער פֿון דעם ספֿר. און פֿון דער צווייטער זײַט אויף דעם בלעטל פֿון ספֿר, וואָס איז געווען אָפֿן פֿאַר דעם מלך, איז געשטאַנען אַ פֿליג.

---

[1] געפֿאַנגענע. — [2] שטייגער, פּירונג, עטיקעט.

און דער מלך האָט דאָס אַלץ געזען און האָט זיך זייער געוווּנדערט.

און ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין לערע זאַך, נאָר מען ווײַזט אים מיט דעם עפּעס.

האָבן געזען אַלע שׂרים, ווי דער מלך קוקט און וווּנדערט זיך דערויף. און דער מלך האָט אָנגעהויבן טראַכטן פֿון דעם:

— וואָס איז דאָס און אויף וואָס איז דאָס?

און איז אײַנגעדרימלט געוואָרן אויף דעם ספֿר.

און עס האָט זיך אים געחלומט, אַז ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ דימענט און האָט אויף אים געקוקט. זײַנען פֿון אים אַרויסגעגאַנגען גוזמאות מענטשן. דערנאָך האָט ער אַראָפּגעוואָרפֿן דעם דימענט פֿון דער האַנט.

און דער סדר איז בײַ מלכים: עס הענגט איבער זיי זייער פּאָרטרעט. און איבער דעם פּאָרטרעט הענגט די קרוין.

האָט ער געזען אין חלום, ווי די מענטשן, וואָס זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון דעם דימענט, האָבן גענומען דעם פּאָרטרעט און האָבן אים אָפּגעשניטן דעם קאָפּ.

און דערנאָך האָב זיי גענומען די קרוין און אַרײַנגעוואָרפֿן זי אין בלאָטע אַרײַן.

אָט דאָס אַלץ האָט זיך אים געחלומט.

דערנאָך זײַנען זיי צוגעלאָפֿן צו אים, זיי זאָלן אים הרגענען.

האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ בלעטל פֿון דעם ספֿר, הנ״ל, וואָס ער איז געלעגן אויף אים, און האָט אים פֿאַרשטעלט.

האָבן זיי אים גאָר נישט געקענט טאָן און זיי זײַנען אַוועקגעגאַנגען פֿון דאָרט.

דערנאָך האָט זיך דאָס בלעטל אומגעקערט אויף זײַן אָרט. זײַנען זיי ווידער געלאָפֿן אים הרגענען.

דעמאָלט האָט זיך דאָס בלעטל ווידער אויפֿגעהויבן, כּנ״ל.

און אַזוי איז געווען כּמה מאָל.

האָט דער קייסער זייער געגאַרט צו זען: וואָס פֿאַר אַ בלעטל

באַשיצט אים? די נמוסים פֿון וועלכער אומה זײַנען דאָרט אָנגעשריבן. ער האָט אָבער מורא געהאַט צו קוקן, און ער האָט אָנגעהויבן שרײַען:

— גוואַלד, גוואַלד.

און די אַלע שׂרים, וואָס זײַנען דאָרט געזעסן, האָבן געהערט זײַן געשריי.

האָבן זיי אים געוואָלט אויפֿוועקן.

עס איז אָבער נישט קיין נמוס, מען זאָל אַ מלך וועקן.

האָבן זיי געקלאַפּט אַרום אים, כּדי זיי זאָלן אים אויפֿוועקן.

ער האָט אָבער אַלץ נישט געהערט.

דערווײַל איז צו אים געקומען אַ הויכער באַרג און האָט אים געפֿרעגט:

— וואָס שרײַסטו אַזוי? איך שלאָף שוין אַזוי לאַנג, האָט מיך נאָך קיין שום זאַך נישט אויפֿגעוועקט, און דו האָסט מיך אויפֿגעוועקט.

האָט ער אים געזאָגט:

— ווי זאָל איך נישט שרײַען, אַז זיי ווילן מיך הרגענען, נאָר דאָס בלעטל איז אויף מיר מגין [3].

האָט אים דער באַרג געענטפֿערט:

— אַז דאָס בלעטל איז אויף דיר מגין, דאַרפֿסטו קיין מורא נישט צו האָבן פֿאַר קיין שום זאַך. וואָרעם אויף מיר שטייען אויך אויף אַ סך שׂונאים, נאָר דאָס בלעטל איז אויף מיר מגין. קום, וועל איך דיר ווײַזן.

און ער האָט אים געוויזן, ווי אַרום דעם באַרג שטייען אַלפֿים ורבֿבֿות שׂונאים, און זיי מאַכן סעודות און זײַנען פֿריילעך, און כּלי־זמר שפּילן, און מען טאַנצט. און די שׂמחה איז, וואָס איינער פֿון זייערע פֿאַלט אויף אַ חכמה, ער קלערט־צו, ווי אַזוי מען זאָל אַרויפֿגיין אויף דעם באַרג. דעמאָלט מאַכן זיי אַ גרויסע סעודה, און מען

[3] באַשיצט מיך.

שפּילט און מען טאַנצט, און אַזוי קומט־פאָר מיט איטלעכער כּיתּה פון זיי.

— אָט דאָס בלעטל פון נמוסים, וואָס איז אויף דיר מגין, איז אויך אויף ׳מיר מגין.

אויף דעם שפּיץ באַרג איז געווען אַ טאָוול. און אויף דער טאַב־ליצע איז געשטאַנען אויפגעשריבן דער נאָמען פון דער אומה מיט אירע נמוסים, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף דעם בלעטל, וואָס האָט אויף אים מגין געווען. נאָר מחמת דער באַרג איז זייער הויך, האָט מען נישט געקאָנט לייענען דאָס כּתב. נאָר אונטן איז געווען אַ טאַבליצע, איז דאָרט געווען אָנגעשריבן, אַז ווער עס האָט אַלע ציין, דער קען אַרויפגיין אויף דעם באַרג.

און השם יתברך האָט געגעבן, אַז עס זאָל וואַקסן אַזאַ גראָז דאָרט, ווו מען באַדאַרף אַרויפגיין אויף דעם באַרג — איז ווער עס קומט־צו אַהין, פאַלן אים אַרויס אַלע ציין. סײַ ווען ער איז געגאַנגען צו פוס, סײַ ווען ער האָט געריטן, סײַ ווען ער איז געפאָרן אין אַ וואָגן מיט בהמות — זײַנען אַלץ זײַנע ציין אַרויסגעפאַלן. זײַנען דאָרט געלעגן הויפנווײַז ציין, אַזוי ווי בערג.

*

דערנאָך האָבן די מענטשן פון דעם דימענט, הנ״ל, גענומען דעם פּאָרטרעט און האָבן אים ווידער צונויפגעשטעלט אַזוי ווי פריִער.

די קרוין האָבן זיי אָפּגעוואַשן און האָבן אַלץ ווידער אויפגע־האַנגען אויף זייער אָרט.

אַז דער מלך האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער תּיכף אַ קוק געטאָן אויף דעם בלעטל, וואָס האָט אויף אים מגין געווען: דער נמוס פון וואָסער אומה איז דאָס?

און ער האָט געזען, אַז עס שטייט דאָרט דער נמוס פון ייִדן.
האָט ער זיך אָנגעהויבן צוקוקן צום בלעטל מיט דעם אמתן דרך, האָט ער שוין פאַרשטאַנען דעם גאָר גאַנצן אמת.

און ער האָט זיך מיישב געווען: ער וועט שוין זײַן אַ ייִד.
נאָר וואָס טוט מען, אַז מען זאָל די גאַנצע וועלט ברענגען צום אמת, אַז מען זאָל זיי אַלע מחזיר למוטב זײַן?

האָט ער זיך מיישב געווען: ער וועט פאָרן זוכן אַ חכם, וואָס זאָל אים פּותר זײַן דעם חלום כּהויתו[4].

און ער האָט מיט זיך גענומען צוויי מענטשן און איז געפאָרן אויף דער וועלט.

און נישט ווי אַ מלך איז ער געפאָרן, נאָר ווי אַ פּראָסטער מענטש.

און ער איז געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און פון מדינה צו מדינה.

און אומעטום האָט ער זיך נאָכגעפרעגט:
— ווו געפינט מען אַזאַ חכם, וואָס זאָל פּותר חלום זײַן כּהויתו?
האָט מען אים מודיע געווען, אַז דאָרטן און דאָרטן געפינט זיך אַזאַ חכם.

איז ער געפאָרן אַהין.

און ער איז געקומען צום חכם, און האָט אים דערציילט דעם אמת: ווי אַזוי ער איז אַ מלך און ווי אַזוי ער האָט געווונען מלחמות, און די גאַנצע מעשׂה וואָס איז פאָרגעקומען, כּנ״ל.

און ער האָט אים געבעטן, ער זאָל אים פּותר חלום זײַן.
און דער חכם האָט אים געענטפערט:
— איך אַליין קען נישט פּותר חלום זײַן, נאָר עס איז פאַראַנען אַ צײַט אין דעם און דעם טאָג און אין דעם און דעם חודש, נעם איך דעמאָלט צונויף אַלע סממני הקטורת[5], כּלומר אַלע קרײַטעכצער, וואָס פון זיי פלעגט מען מאַכן קטורת. איך מאַך פון זיי אַ מורכּב[6]. איך מיש זי אויס און מ׳רויכערט־אויס דעם מענטשן מיט דער דאָ־

[4] ווי עס דאַרף צו זײַן. — [5] פּערפומען. — [6] געמיש, אַ קאָמבינאַציע.

זיקער קטורת. און דער מענטש האָט בשעת מעשׂה אין זינען, וואָס ער וויל זען און וואָס ער וויל וויסן — ווייסט ער דעמאָלט אַלצדינג.

האָט זיך מיישבֿ געווען דער מלך: אַז ער האָט שוין יאָ אַזוי פֿיל צײַט פֿאַרבראַכט, וועט ער נאָך וואַרטן ביז דעם טאָג אין דעם חודש, וואָס דער חכם האָט אים געזאָגט.

און דער טאָג איז געקומען.

און דעמאָלט האָט אים דער חכם געטאָן, כּנ״ל, און האָט אים אויסגערויכערט מיט דער קטורת, כּנ״ל.

האָט דער מלך אָנגעהויבן צו זען אַפֿילו דאָס, וואָס מיט אים האָט זיך גאָך געטאָן איידער ער איז געבוירן געוואָרן, דעמאָלט ווען די נשמה איז נאָך געווען בעולם העליון, כּלומר, אויף יענער וועלט. און ער האָט געזען, אַז מען האָט זײַן נשמה געפֿירט דורך אַלע וועלטן, און מען האָט אויסגערופֿן:

ווער עס האָט עפּעס מלמד חובֿ זײַן, כּלומר, צו ריידן שלעכטס אויף דער נשמה, זאָל ער קומען.

און עס האָט זיך קיינער נישט געפֿונען וואָס זאָל מלמד חובֿ זײַן אויף איר.

דערווײַל איז איינער אָנגעקומען און געשריִען:

— רבונו־של־עולם, הער־צו מײַן געבעט. אַז דער וועט קומען אויף דער וועלט, וואָס וועל איך שוין האָבן צו טאָן? אויף וואָס זשע האָסטו מיך באַשאַפֿן?

און אָט דער־אָ איז דאָס געווען דער סמ״ך מ״ם [7] אַליין. ער האָט געשריִען, אַז די נשמה וועט אַראָפּקומען אין דער וועלט אַרײַן, האָט ער שוין נישט וואָס צו טאָן.

האָט מען אים געענטפֿערט:

— די נשמה מוז אַוודאי אַראָפּגיין אויף דער וועלט, און דו גיב דיר אַן עצה!

[7] (אויף נישט אָנצורופֿן דעם טײַוול) סמאל, שטן.

איז ער אַוועקגעגאַנגען.

און מע האָט ווײַטער די נשמה געפֿירט דורך וועלטן, ביז מע האָט די נשמה שוין געבראַכט צום בית־דין של מעלה, מע זאָל זי באַשווערן, כּדי זי זאָל שוין אַראָפּגיין אויף דער וועלט. און ער, דהײַנו, דער סמ״ך מ״ם, וואָס האָט פֿריִער געשריִען, איז נאָך נישט געקומען.

האָט מען געשיקט נאָך אים אַ שליח.

איז ער געקומען און האָט געבראַכט מיט זיך אַן אַלטיטשקן, אַן אײַנגעבויגענעם, וואָס ער האָט זיך געקענט מיט אים פֿון לאַנג, דהײַנו, דער בעל־דבֿר האָט זיך מיט דעם דאָזיקן אײַנגעבויגענעם אַלטיטשקן געקענט פֿון לאַנג.

און ער האָט געלאַכט און געזאָגט:

— איך האָב מיר שוין אַן עצה געגעבן. די נשמה מעג שוין אַריבערגיין אויף דער וועלט.

האָט מען נאָך דעם אָפּגעלאָזט די נשמה. איז זי אַראָפּגעגאַנגען אויף דער וועלט.

אָט דאָס אַלץ האָט געזען דער מלך.

און נאָך דעם האָט ער געזען אַלצדינג, וואָס האָט זיך מיט אים איבערגעטאָן פֿון אָנהייב, ווען ער איז געבוירן געוואָרן, ביז צום סוף — אויך ווי אַזוי ער איז געוואָרן מלך, ווי אַזוי ער האָט מלחמות געפֿירט און האָט פֿיל שבֿויִים גענומען, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען אַ יפֿת־תּואר, וואָס זי האָט געהאַט אַלערליי חנען פֿון דער וועלט, נאָר דעם חן, וואָס זי האָט געהאַט, איז נישט געווען פֿון איר אַליין, נאָר עס איז אויף איר געהאַנגען אַ דימענט. האָט דער דאָזיקער דימענט געהאַט אַלערליי חנען. איבער דעם האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי האָט אַלערליי מינים חן...

*

און אויף דעם דאָזיקן באַרג קענען נישט אַרויפֿקומען נאָר חכמים און עשירים.

פֿאַרשטענדיקער מענטש, האָט נישט געוואָלט זיך נעמען צו אַזאַ פּראָסטער מלאכה. האָט ער זיך מיישבֿ געווען, ער וועט זיך לאָזן אויף דער וועלט און וועט זיך אַרומקוקן וואָס ער זאָל טאָן.

האָט ער זיך איין מאָל אַרומגעדרייט אין מאַרק. האָט ער דערזען אַ גרויסע ברישטשקע מיט פֿיר פֿערד איז דורכגעלאָפֿן. האָט ער זיך אָנגערופֿן צו די סוחרים:

— פֿון וואַנען זײַט איר?

האָבן זיי אים געענטפֿערט:

— פֿון וואַרשע.

— וווהין פֿאָרט איר?

— קיין וואַרשע.

האָט ער זיי געפֿרעגט:

— אפֿשר באַדאַרפֿט איר אַ משרתל?

האָבן זיי געזען, די סוחרים, אַז ער איז אַ קלוגער יונג, אַ בריה. איז ער זיי געפֿעלן און זיי האָבן אים מיטגענומען מיט זיך. איז ער געפֿאָרן מיט זיי און האָט זיי באַדינט אויף דעם וועג זייער פֿײַן.

ווי ער איז געקומען אין וואַרשע, איז מחמת ער איז געווען אַ בר־הבֿנה, האָט ער זיך מיישבֿ געווען: „אַז איך בין שוין אין וואַרשע, נאָך וואָס זאָל איך מיך האַלטן בײַ די סוחרים? טאָמער איז דאָ אַ בעסער אָרט ווי בײַ זיי? לאָמיר גיין זוכן, וועל איך זען“...

און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין מאַרק. און ער האָט אָנגעהויבן נאָכפֿרעגן אויף די מענטשן, וואָס האָבן אים געבראַכט, אויב עס איז נישטאָ עפּעס אַ בעסער אָרט ווי בײַ זיי.

האָט מען אים געענטפֿערט, אַז די לײַט, וואָס האָבן אים אַהער געבראַכט, זײַנען ערלעכע לײַט און עס איז גוט בײַ זיי צו זײַן. מער נישט, עס איז זייער שווער בײַ זיי צו זײַן מחמת זייער משא־ומתן איז אין זייער ווײַטע ערטער.

דערווײַל איז ער געגאַנגען און האָט דערזען געוועלב־משרתים, ווי זיי זײַנען געגאַנגען אין מאַרק. און זיי זײַנען געגאַנגען, ווי זייער שטייגער איז, מיט די אַלע מינהגים חן זייערע: מיט זייערע היטעלעך,

אַ מעשה מיט אַ חכם און אַ תם

— א —

אַמאָל זײַנען געווען צוויי באַלעבאַטים אין אַ שטאָט. די באַלע־באַטים האָבן געהאַט גרויס עשירות און גרויסע הײַזער.

און זיי האָבן געהאַט צוויי זין, דהײַנו, איטלעכער האָט געהאַט איין זון.

און די צוויי קינדער האָבן בײדע געלערנט אין איין חדר.

און די דאָזיקע צוויי קינדער — איינער פֿון זיי איז געווען אַ בר־הבֿנה[1], אַ חכם, און איינער איז געווען אַ תם; ניט וואָס ער איז געווען אַ נאַר, נאָר זײַן שׂכל איז געווען פּראָסט, אָן חכמות.

און די דאָזיקע צוויי קינדער האָבן זיך זייער ליב געהאַט. כאָטש איינער איז געווען אַ חכם און איינער אַ תם, און זײַן מוח איז געווען אַ פּראָסטערער, פֿון דעסט וועגן האָבן זיי זיך פֿאָרט זייער ליב געהאַט.

אין אַ צײַט אַרום האָבן אָנגעהויבן די בײדע באַלעבאַטים אַראָפּ־צוגיין פֿון זייער עשירות. זיי זײַנען אַראָפּ אַלע מאָל מטה, מטה, ביז זיי האָבן אַלץ פֿאַרלוירן און זיי זײַנען געוואָרן אבֿיונים. עס איז זיי מער גאָר נישט געבליבן, נאָר זייערע הײַזער.

האָבן די באַלעבאַטים הנ״ל[2] געזאָגט צו די קינדער:

— מיר קענען נישט צאָלן פֿאַר אײַך, מיר זאָלן אײַך אויסהאַלטן. טוט אײַך, וואָס איר וועט קענען.

איז געגאַנגען דער תם און האָט זיך געלערנט שוסטערײַ. און דער חכם, וואָס איז געווען אַ בר־הבֿנה, כּלומר[3], אַ קלוגער, אַ

[1] אַ מענטש מיט אַ לויטערן פֿאַרשטאַנד. — [2] (הנזכר למעלה) אויבן דער־מאָנט. — [3] אַזוי צו זאָגן.

מיט זייערע שפּיציקע שיך און מיט די אַלע איבעריקע מיני חן, וואָס זיי האָבן אין זייער גאַנג און אין זייערע מלבושים. און ער איז דאָך געווען אַ בר־הבנה און אַ שאַרפער קאָפּ: איז אים די זאַך געפעלן, מחמת עס איז אַ שיינע זאַך און עס איז אין דער היים, אויף איין אָרט.

איז ער געגאַנגען צו די מענטשן, וואָס האָבן אים געבראַכט, און האָט זיי אָפּגעדאַנקט זייער שיין און האָט צו זיי געזאָגט, אַז עס איז פאַר אים נישט גוט ביי זיי צו זיין; און דאָס, וואָס זיי האָבן אים געפירט אַהער, דערפאַר האָט ער זיי באַדינט אויף דעם וועג.

און ער איז געגאַנגען און האָט זיך געשטעלט ביי אַ באַלעבאָס.

און דער סדר פון די משרתים איז, אַז פריִער מוז מען זיך פאַרדינגען פאַר ווייניק, מע מוז פריִער זיין אַן אונטער־משרת און מע מוז טאָן שווערע אַרבעט. דערנאָך ווערט מען ערשט אַן איבער־משרת.

האָט דער באַלעבאָס געטאָן מיט אים שווערע אַרבעט און מע פלעגט אים שיקן צו שררות, ער זאָל טראָגן סחורה, אַזוי ווי דער סדר איז פון משרתים, וואָס זיי טראָגן געוואַנט אויף דעם עלנבויגן.

איז אויף אים שווער געווען די אַרבעט. אַ מאָל האָט ער אויך געדאַרפט אַרויפגיין מיט דער משׂא הנ״ל אויף אַ הויכן גאָרן. איבער דעם איז אויף אים די אַרבעט זייער שווער געפאַלן.

האָט ער זיך מיישב געווען, מחמת ער איז געווען אַ פילאָסאָף, אַ בר־הבנה: „וואָס טויג מיר די דאָזיקע אַרבעט? דער עיקר איז זיך נאָר פון דעם תּכלית וועגן, אַז איך זאָל קענען חתונה האָבן און זאָל מיך קענען מפרנס זיין. באַדאַרף איך נאָך דערויף נישט קוקן. דערויף וועט צייט זיין שפּעטער. דערווייל וועל איך בעסער אַרומפאָרן אין פאַרשיידענע מדינות, איך זאָל אויסזען אַ וועלט״...

איז ער געגאַנגען אין מאַרק און דערזען דאָרטן, ווי עס פאָרן סוחרים אויף אַ גרויסער בריטשקע. האָט ער זיי געפרעגט:

— וווהין פאָרט איר?

— קיין לאַגורנאַ.

— וועט איר מיך נעמען אַהין?

— יאָ.

און זיי האָבן אים גענומען אַהין. און פון דאָרט האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין איטאַליע. פון איטאַליע האָט ער זיך ווייטער אַוועקגעלאָזט קיין שפּאַניע.

דערווייל זיינען אַוועק כּמה יאָרן און ער איז דורך דעם געוואָרן נאָך מער חכם, מחמת ער איז געווען אין אַ סך מדינות.

האָט ער זיך מיישב געווען: „איצט באַדאַרף מען שוין קוקן אויף אַ תּכלית״. האָט ער אָנגעהויבן צו טראַכטן מיט זיין פילאָסאָפיע, וואָס ער זאָל טאָן. איז אים געפעלן געוואָרן, אַז ער זאָל זיך לערנען גאָלדאַרבעט. וואָרעם עס איז אַ גרויסע, שיינע מלאָכה, און עס איז אין איר פאַראַנען חכמה, און זי איז אויך אַ רייכע מלאָכה.

און מחמת ער איז געווען אַ בר־הבנה און אַ פילאָסאָף, האָט ער נישט באַדאַרפט לערנען די מלאָכה כּמה שנים, נאָר אין אַ קליינער צייט, אין אַ פערטל יאָר, האָט ער מקבל געווען די אומנות און איז געוואָרן זייער אַ גרויסער בעל־מלאָכה. ער האָט שוין דעמאָלט געקענט די מלאָכה בעסער פון דעם מייסטער.

דערנאָך איז ער זיך מיישב געווען: „כאָטש איך האָב אַזאַ מלאָכה אין דער האַנט, פון דעסט וועגן וועל איך מיך פאָרט מיט דעם נישט באַנוגענען, וואָרעם היינט איז חשוב דאָס. טאָמער וועט אָבער אין אַן אַנדער צייט עפּעס אַנדערש חשוב זיין?״

און ער איז געגאַנגען און האָט זיך געשטעלט ביי אַ שטיינשניידער. און מחמת זיין חכמה האָט ער די מלאָכה אויך איבערגענומען אין אַ קליינער צייט, אין אַ פערטל יאָר.

דערנאָך האָט ער זיך מיישב געווען מיט זיין פילאָסאָפיע: „כאָטש איך האָב אין דער האַנט צוויי מלאָכות: ווער ווייס? טאָמער וועלן זיי ביידע נישט חשוב זיין; בכן איז פאַר מיר גוט, איך זאָל מיך לערנען אַזאַ אומנות, וואָס זי זאָל תּמיד חשוב זיין״. האָט ער אויסגעקלערט מיט זיין פילאָסאָפיע, אַז ער זאָל זיך לערנען דאָקטאָריע, וואָרעם דאָס איז אַ זאַך, וואָס מע דאַרף תּמיד, וואָס איז שטענדיק אין חשיבות. און דער סדר איז, אַז אויב מע וויל לערנען דאָקטאָריע, מוז מען פריִער לערנען לאַטיין, דאָס לשון און דאָס כּתב. מע מוז אויך שטודירן די

חכמת הפֿילאָסאָפֿיע. און מחמת זײַן גרויסער הבֿנה, האָט ער אויך דאָס אויסגעלערנט אין אַ קורצער צײַט, אין אַ פֿערטל יאָר — און ער איז געוואָרן אַ גרויסער דאָקטער און אַ פֿילאָסאָף און אַ חכם אין אַלע חכמות.

דערנאָך האָט בײַ אים די גאַנצע וועלט אָנגעהויבן ווערן כּלא, כּלומר: די גאַנצע וועלט איז בײַ אים געוואָרן גאָר נישט. דהײַנו: ער האָט געהאַלטן, אַז קיינער האָט קיין שׂכל נישט. וואָרעם מחמת זײַן חכמה, וואָס ער איז געווען אַזאַ גרויסער בעל־מלאָכה און אַזאַ חכם און אַזאַ דאָקטער, איז איטלעכער אין דער וועלט בײַ אים געווען גלײַך ווי גאָר נישט.

און ער האָט זיך מיישבֿ געווען, אַז ער זאָל שוין טראַכטן וועגן אַ תּכלית און נעמען אַ ווײַב. האָט ער זיך געטראַכט אין דער דעה:

— אַז איך וועל דאָ חתונה האָבן, ווער וועט וויסן, וואָס פֿון מיר איז געוואָרן? לאָמיך מיך בעסער אומקערן אַהיים, כּדי מע זאָל זען וואָס פֿון מיר איז געוואָרן. איך בין אַוועק אַ קליין ייִנגל און הײַנט בין איך געקומען צו אַזאַ גדולה.

און ער איז געפֿאָרן אַהיים.

און אויף דעם וועג האָט ער כּסדר געהאַט גרויסע יסורים.

וואָרעם מכּוח זײַן חכמה האָט ער מיט קיינעם נישט געהאַט וואָס צו שמועסן.

און ער האָט אויך נישט געקענט געפֿינען אַזאַ אַכסניא, ווי ער האָט געוואָלט.

האָט ער תּמיד געהאַט גרויסע יסורים.

*

דערווײַל לאָמיר אַוועקלייגן דעם חכם: מיר וועלן אָנהייבן דער־ציילן פֿון דעם תּם.

דער תּם הנ״ל האָט זיך געלערנט שוסטערײַ. און מחמת ער איז געווען אַ תּם, האָט ער געמוזט לערנען די מלאָכה זייער לאַנג, ביז ער האָט זי מקבל געווען. און אויך דערנאָך האָט ער די מלאָכה נישט

געקענט בשלימות. און ער האָט גענומען אַ ווײַב און האָט זיך מפֿרנס געווען פֿון דער מלאָכה. און מחמת ער איז געווען אַ תּם און האָט די מלאָכה נישט געקענט אַזוי ווי מע דאַרף, איז זײַן פּרנסה געווען מיט גרויס דוחק און זייער בצימצום. און ער האָט קיין צײַט נישט געהאַט אַפֿילו צו עסן, וואָרעם ער האָט תּמיד געמוזט אַרבעטן, מחמת ער האָט נישט געקענט די מלאָכה אין גאַנצן.

נאָר בשעת ער האָט געאַרבעט, אַז ער האָט אַרײַנגעשטעקט די נאָל און דורכגענומען די דראַטווע, ווי דער שטייגער איז פֿון שוס־טערס, דעמאָלט האָט ער אַ ביס געטאָן אַ שטיק ברויט און געגעסן.

און זײַן שטייגער איז געווען: ער איז תּמיד פֿריילעך געווען. און ער האָט תּמיד געהאַט אַלערליי מאַכלים און אַלערליי משקאות און אַלערליי מלבושים.

ער פֿלעגט זאָגן צו זײַן ווײַב:

— מײַן ווײַב, גיב מיר עסן!

האָט זי אים געגעבן אַ שטיק ברויט און ער האָט עס אויפֿגעגעסן. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— גיב מיר די יויך מיט קאַשע!

האָט זי אים אָפּגעשניטן נאָך אַ שטיק ברויט און ער האָט אויך דאָס דאָזיקע שטיק ברויט געגעסן און געהאַלטן אין איין לויבן און זאָגן: — וואָס פֿאַר אַ טײַערע יויך דאָס איז. עס איז גאָר אויסגע־צייכנט.

און אַזוי האָט ער זיך געהייסן געבן פֿלייש.

האָט זי אים ווידער געגעבן ברויט און ער האָט געגעסן און האָט אויך דאָס שטיק ברויט זייער געלויבט און געזאָגט: — וואָס פֿאַר אַ טײַער פֿלייש דאָס איז!

און אַזוי האָט ער זיך אַלץ געהייסן געבן אַנדערע גוטע מאַכלים. און פֿאַר איטלעכן מאַכל, וואָס ער האָט זיך געהייסן געבן, האָט זי אים אַלץ געגעבן אַ שטיק ברויט. פֿלעגט ער אַלע מאָל דערפֿון זייער גרויס תּענוג האָבן און לויבן שטאַרק, „ווי גוט דער דאָזיקער מאַכל איז,

ווי וויל ער איז״, גלײַך ווי ער וואָלט טאַקע דעם דאָזיקן מאכל געגעסן.

און אין אמתן פֿלעגט ער טאַקע פֿילן אין דעם ברויט, וואָס ער האָט געגעסן, דעם טעם פֿון כל המאכלים, וואָס ער האָט נאָר געוואָלט, מחמת זײַן גרויס תּמימות און זײַן שטענדיקער שׂמחה.

און אַזוי פֿלעגט ער זאָגן:

— מײַן ווײַב, גיב מיר אַ טרונק ביר!

האָט זי אים געגעבן וואַסער.

פֿלעגט ער לויבן: — וואָס פֿאַר אַ טײַערע ביר דאָס איז!

נאָך דעם האָט ער געהייסן:

— גיב מיר מעד!

האָט זי אים געגעבן וואַסער.

האָט ער אויך אַזוי געלויבט: — וואָס פֿאַר אַ גוטער מעד דאָס איז!

און אַזוי, אַז ער האָט איר געהייסן „גיב מיר ווײַן״. אָדער ער האָט זיך געהייסן געבן אַנדערע משקאות, פֿלעגט זי אים דעמאָלט אַלץ געבן וואַסער, און ער פֿלעגט אַלץ לויבן די משקה, וואָס ער האָט זיך געהייסן געבן, טרינקענדיק דאָס וואַסער, גלײַך ווי ער וואָלט זי טאַקע איצטער געטרונקען.

און מיט מלבושים איז אויך אַזוי געווען.

ער מיט זײַן ווײַב האָבן ביידע געהאַט בשותּפֿות איין פעלץ. איז ווען ער האָט באַדאַרפֿט אָנטאָן אַ פעלץ, ווי בשעת ער האָט, למשל, באַדאַרפֿט גיין אין מאַרק אַרײַן, פֿלעגט ער זאָגן: — מײַן ווײַב, גיב מיר דעם פעלץ!

זי האָט אים געגעבן דעם פעלץ.

און אַז ער האָט באַדאַרפֿט אָנטאָן אַ טוליפּ[4], גיין צווישן מענטשן, האָט ער געזאָגט:

— מײַן ווײַב, גיב מיר דעם טוליפּ!

[4] לעדערנער מאַנטל, לענגלעך, נישט געדעקט מיט שטאָף.

האָט זי אים געגעבן דעם פעלץ, און ער פֿלעגט האָבן גרויס תּענוג דעמאָלט. ער פֿלעגט אָנטאָן דעם פעלץ און לויבן און זאָגן בשעת מעשׂה:

— וואָס פֿאַר אַ שיינער טוליפּ דאָס איז!

און ער האָט געדאַרפֿט אַ קאַפּטאַן[5] אין שול אַרײַן צו גיין, האָט ער געזאָגט:

— מײַן ווײַב, גיב מיר דעם קאַפּטאַן!

האָט זי אים געגעבן דעם פעלץ, און ער פֿלעגט האַלטן אין איין לויבן און זאָגן: — וואָס פֿאַר אַ שיינער און ווילער קאַפּטאַן דאָס איז!

און אַזוי, אַז ער האָט געדאַרפֿט אָנטאָן אַ יופּע[6], האָט זי אים אויך געגעבן דעם פעלץ, פֿלעגט ער אויך דעמאָלט גרויס תּענוג האָבן, און האָט געהאַלטן אין איין לויבן און זאָגן — „וואָס פֿאַר אַ שיינע יופּע דאָס איז״, כּנ״ל. און אַזוי מיט אַלע זאַכן.

און ער איז תּמיד מלא שׂמחה וחדווה געווען.

אַז ער פֿלעגט פֿאַרענדיקן אַ שוך — און מן הסתּם האָט דער שוך געהאַט דרײַ עקן, ווארעם ער האָט דאָך די מלאָכה נישט געקענט בשלימות — פֿלעגט ער נעמען דעם שוך אין דער האַנט אַרײַן און האָט גרויס תּענוג געהאַט פֿון אים און פֿלעגט אים לויבן און זאָגן:

— מײַן ווײַב, וואָס פֿאַר אַ שיינקייט, וואָס פֿאַר אַ ווילקייט, וואָס פֿאַר אַ זיסקייט דאָס שיכל איז, וואָס פֿאַר אַ האָניקדיק, וואָס פֿאַר אַ צוקערדיק שיכעלע דאָס איז...

פֿלעגט זי אים דעמאָלט פֿרעגן:

— אַז עס איז יאָ אַזוי, טאָ פֿאַר וואָס זשע נעמען אַנדערע שוסטערס דרײַ גילדן פֿאַר אַ פּאָר שיך, און דו נעמסט נאָר אַ האַלבן טאַלער, דהײַנו, אַ גולדן[7] מיט אַ האַלבן?

האָט ער איר געענטפֿערט:

— וואָס אַרט עס מיך? דאָס איז מײַן אַרבעט און דאָס איז זייער

[5] אייבער־לײַבל. — [6] וואַרעמער אייבערראָק. — [7] (געמיינט) גילדן?

אַרבעט. און, ווידער, וואָס האָבן מיר צו שמועסן פֿון אַנדערע לײַט? לאָמיר נאָר אָנהייבן צו באַרעכענען, וויפֿל איך פֿאַרדין דאָ אין דעם שיכל מיד ליד. די לעדער קאָסט מיר אַזוי פֿיל, זשיוויצע און דראָט־וועס [8] קאָסט אַזוי פֿיל, און נאָך אַנדערע זאַכן אַזוינע אַזוי פֿיל, לאָפּ־קעס [9] אַזוי פֿיל. הײַנט נאָך דעם חשבון פֿאַרדין איך מיד ליד צען גראָשן. נו, וואָס אַרט עס מיך, אַז איך האָב אַזאַ ריווח מיד ליד?

און אַזוי איז ער געווען נאָר פֿריילעך און לוסטיק תּמיד.

*

און בײַ דער וועלט איז עס געווען אַ געשעפֿט. זיי האָבן דאָ גע־קראָגן, וואָס זיי האָבן געוואָלט. זיי האָבן דורך אים ממלא געווען זייער תּאווה. וואָרעם זיי האָבן געפֿונען פֿון וועמען צו שפּעטן, ווי זיי האָבן געוואָלט. וואָרעם ער האָט אַ פּנים געהאַט בײַ זיי ווי אַ משו־גענער.

פֿלעגן מענטשן קומען און אומישנע [10] אָנגעהויבן מיט אים צו שמועסן, כּדי זיי זאָלן האָבן עפּעס אַ שפּאַס.

און דער תּם פֿלעגט צו זיי זאָגן:

— נאָר אָן לצנות.

און תּיכּף ווי זיי האָבן אים געענטפֿערט „אָן לצנות“, האָט ער זיי אויסגעהערט און אָנגעהויבן מיט זיי צו שמועסן.

וואָרעם ער האָט ווײַטער קיין חכמות נישט געוואָלט טראַכטן: טאָמער איז דאָס אַליין לצנות? וואָרעם ער איז געווען אַ תּם.

נאָר אַז ער האָט דערנאָך פֿאַרט געזען, אַז זיי מיינען לצנות, פֿלעגט ער זאָגן:

— וואָס וועט שוין זײַן, אַז דו וועסט שוין קליגער זײַן פֿון מיר, וועסטו דאָך ערשט זײַן אַ נאַר. וואָרעם וואָס טרעף איך דען אָן?

אָט אַזוי איז אַלץ געווען דער שטייגער פֿון דעם תּם.

*

---

[8] קליי פֿון ביימער און לעדער־פֿאָדעם צו נייען פּאָדעשוועס. — [9] פּיס־לעך. — [10] בכּיוון.

און איצט לאָמיר זיך אומקערן לענין ראשון. לאָמיר ווידער אָנ־הייבן דערציילן פֿון דעם חכם.

נאָך איידער דער חכם איז געקומען צוריק אין זײַן געבורטשטאָט, איז שוין דאָרט געווען אַ גרויסער רעש: „דער חכם פֿאָרט און ער קומט־אָן אַהער מיט גרויס גדולה און מיט גרויס חכמה“.

איז דער תּם אויך געלאָפֿן אים אַנטקעגן מיט גרויס שׂמחה. ער האָט געזאָגט צום ווײַב:

— גיב מיר די יופּע. לאָם איך גיין אַנטקעגן מײַן ליבן חבֿר. לאָם איך אים זען.

האָט זי אים געגעבן דעם פּעלץ און ער איז אים אַנטקעגנגעלאָפֿן.

און דער חכם איז געפֿאָרן אין אַ קאַרעטע מיט גרויס גדולה.

איז אים אַנטקעגנגעקומען דער תּם און האָט אים געגעבן שלום מיט גרויס ליבשאַפֿט און מיט גרויס שׂמחה. ער האָט צו אים געזאָגט:

— מײַן ליבער ברודער, וואָס מאַכסטו? געלויבט איז גאָט, וואָס ער האָט דיך געבראַכט און איך בין זוכה דיך צו זען.

און דער חכם הנ״ל קוקט אים אָן. בײַ אים איז דאָך די גאַנצע וועלט אויך געווען גאָרנישט, אַזוי ווי אויבן איז געשטאַנען, אַז אַלע מענטשן אויף דער וועלט האָבן בײַ אים גאָר נישט אָנגעטראָפֿן. וואָ־רעם ער איז בײַ זיך קליגער געווען פֿון גאָר דער וועלט; מכּל־שכּן אַזאַ מענטש, וואָס האָט אַ פּנים ווי משוגע.

נאָר פֿון דעסט וועגן, מחמת דער אַהבֿה פֿון דער יוגנט, וואָס זיי האָבן זיך זייער ליב געהאַט, האָט ער אים מקרבֿ געווען און איז מיט אים אַרײַנגעפֿאָרן אין שטאָט אַרײַן.

*

און די צוויי באַלעבאַטים הנ״ל, די פֿאָטערס פֿון די דאָזיקע צוויי זין, זײַנען געשטאָרבן אין דער צײַט וואָס דער חכם איז אויסן געווען און האָבן איבערגעלאָזט זייערע הײַזער.

דער תּם איז געווען אויף זײַן אָרט, איז ער אָרײַן אין זײַן פֿאָ־טערס הויז און האָט עס גערשנט.

דער חכם אָבער איז געווען אין פֿרעמדע מדינות. איז קיינער נישט געווען אויף אָפּצונעמען דאָס הויז. איז עס כּלה ונאבֿד[11] געוואָרן.

האָט דער חכם נישט געהאַט קיין שטוב, ער זאָל דאָרט אַרײַנגיין בשעת ער איז געקומען. איז ער פֿאַרפֿאָרן, דער חכם, אין אַ האַרבעריק אַרײַן. האָט ער דאָרט געהאַט יסורים, וואָרעם עס איז נישט געווען אַזאַ האַרבעריק ווי ער האָט געוואָלט.

און דער תּם הנ״ל האָט שוין הײַנט געהאַט אַ נײַע עובֿדא. ער פֿלעגט לויפֿן אַלע מאָל פֿון זײַן היים צום חכם מיט ליבשאַפֿט און מיט שׂמחה. און ער האָט געזען: דער חכם האָט יסורים פֿון דעם האַרבעריק. האָט דער תּם געזאָגט צום חכם:

— ברודער, גיי צו מיר אַרײַן אין מײַן שטוב אַרײַן, וועסטו בײַ מיר אײַנשטיין. איך וועל צונויפֿנעמען אַלץ, וואָס איך האָב, אין איין זשמעניע און גאָר מײַן שטוב וועט זײַן פֿאַר דיר.

איז דאָס געפֿעלן דעם חכם. ער איז געקומען צו אים אין שטוב אַרײַן און דאָרטן אײַנגעשטאַנען בײַ אים.

— ב —

און דער חכם איז געווען פֿול מיט יסורים תּמיד, וואָרעם ער האָט געלאָזט אַ שם, אַז ער איז אַ גרויסער חכם און אַ גרויסער בעל־מלאָכה און אַ גרויסער דאָקטער. איז געקומען אַ שׂררה און האָט געהייסן, ער זאָל אים מאַכן אַ גילדן פֿינגערל.

האָט ער אים געמאַכט זייער אַ ווויל פֿינגערל. ער האָט אויף דעם אויסגעקריצט זייער פֿײַנע געמעלן מיט אַ בוים, וואָס איז געווען גאָר אַ חידוש.

אַז דער שׂררה איז געקומען, איז אים אָבער דאָס פֿינגערל גאָר נישט געפֿעלן געוואָרן. האָט ער געהאַט גרויסע יסורים. וואָרעם ער

[11] אַ תּל געוואָרן און געגאַנגען אין ניוועץ.

האָט בײַ זיך געוווּסט, אַז דאָס פֿינגערל מיט דעם ביימל זאָלן געווען זײַן אין שפּאַניע, וואָלט עס געווען אַ חידוש, און דאָ געפֿעלט עס גאָר נישט.

און אַזוי איז געקומען אַ מאָל אַ גרויסער שׂררה און האָט געבראַכט אַ טײַערן דימענט פֿון ווײַטע לענדער. מיט דעם דימענט האָט ער אים געבראַכט נאָך אַ דימענט מיט אַן אויסגעקריצט געמעל אין אים, און ער האָט אים געהייסן אויסקריצן אַזוי ווי דאָס געמעל איז אויף דעם דימענט, וואָס ער האָט געבראַכט פֿון ווײַטע לענדער.

האָט ער אויפֿגעקריצט פּונקט אַזוי ווי דאָס געמעל, נאָר עס האָט געפֿעלט אין זאַך, וואָס קיין שום מענטש איז דערויף קיין מבֿין נישט געווען, נאָר ער אַליין.

איז געקומען דער שׂררה און האָט אָפּגענומען דעם דימענט, און ער איז אים ווויל געפֿעלן. דער חכם האָט אָבער געהאַט גרויסע יסורים פֿון דעם פֿעלער, וואָס ער האָט געפֿעלט. ער האָט זיך געטראַכט: „אַזוי קלוג ווי איך בין, זאָל איך גאָר מאַכן אַ פֿעלער?״

און אַזוי אין דאָקטאָריע האָט ער אויך געהאַט גרויסע יסורים. אַז ער פֿלעגט קומען צו אַ חולה, פֿלעגט ער אַ מאָל געבן דעם חולה אַ רפֿואה, וואָס ער האָט געוווּסט קלאָר, אַז באַם דעם חולה איז באַשערט צו לעבן, איז ער מחויבֿ אַוודאי געהיילט צו ווערן פֿון די רפֿואות, וואָרעם זיי זײַנען זייער ווילע רפֿואות. דערנאָך איז אָבער דער חולה געשטאָרבן. האָט דער עולם געזאָגט, אַז ער איז געשטאָרבן דורך אים. האָט ער גרויסע יסורים דערפֿון געהאַט. און אַזוי אַ מאָל האָט ער געגעבן רפֿואות אַ חולה, און דער חולה איז טאַקע געזונט געוואָרן. דער עולם האָט אָבער געזאָגט: „עס איז פֿון דער נאַטור, נישט פֿון אים״. האָט ער דערפֿון אויך גרויסע יסורים געהאַט.

איז ער געווען פֿול מיט יסורים תּמיד.

אַז ער האָט געדאַרפֿט אַ מלבוש, האָט ער גערופֿן אַ שנײַדער און האָט זיך מיט אים געמוטשעט, ביז ער האָט אים אויסגעלערנט, אַז ער זאָל מאַכן דעם מלבוש מיט דער מאָדע, אַזוי ווי ער וויל, אַזוי ווי ער האָט געוווּסט.

האָט דער שנײַדער צוגעטראָפֿן און האָט אים געמאַכט דעם מלבוש, אַזוי ווי ער האָט געוואָלט, נאָר איין לעפּל[12] האָט דער שנײַדער נישט גוט צוגעטראָפֿן. האָט ער דערפֿון גרויסע יסורים געהאַט. וואָרעם ער האָט בײַ זיך געוווּסט, כאָטש דאָ איז דער מלבוש גוט, וואָרעם קיינער איז דאָ דערויף קיין מבֿין נישט: „איך זאָל אָבער זײַן אין שפּאַניע מיט דעם לעפּל, וואָלט מען אויס מיר געלאַכט, און איך וואָלט אַ פּנים געהאַט ווי חוזק״.

און אַזוי איז ער געווען פֿול מיט יסורים תּמיד.

און דער תּם פֿלעגט קומען צו לויפֿן אַלע מאָל צום חכם מיט שׂמחה.

האָט ער אים געטראָפֿן פֿאַרזאָרגט און מלא יסורים תּמיד. פֿלעגט ער אים דעמאָלט פֿרעגן:

— אַזאַ חכם און אַזאַ עושר, ווי דו ביסט, וואָס האָסטו אַלץ יסורים תּמיד? פֿאַר וואָס בין איך תּמיד פֿריילעך?

איז דאָס בײַם חכם געווען אַ געשפּעט און ער האָט בײַ אים אַ פּנים געהאַט פֿאַר משוגע.

און דער תּם האָט צו אים געזאָגט:

— אַפֿילו גלאַט מענטשן, אַז זיי שפּעטן אויס מיר, זײַנען זיי אויך נערנים[13]. וואָרעם, אַז זיי זײַנען שוין קליגער פֿון מיר, זײַנען זיי זיך, אַדרבא, ערשט „נערנים״, מכּל־שכּן אַזאַ חכם ווי דו ביסט. וואָס איז, אַז דו ביסט שוין קליגער פֿון מיר?

און דער תּם האָט צו אים ווײַטער געזאָגט: — הלוואַי גיט דער איבערשטער, אַז דו זאָלסט קומען אויף מײַן שטייגער, כּלומר, דו זאָלסט אויך אַ תּם ווערן!

האָט דער חכם געענטפֿערט:

— עס קען געמאָלט זײַן, אַז איך זאָל קומען אויף דײַן שטייגער, אַז גאָט זאָל בײַ מיר דעם שׂכל אָוועקנעמען, חס ושלום, אָדער איך

---

[12] אַ לאַץ. — [33] בכּיוון אויסגעלייגט אַנשטאָט נאַראָנים גאָר ווי עס וואָלט געווען פֿון וואָרט נער, ייִנגלש.

זאָל, חס ושלום, קראַנק ווערן... קען זײַן, אַז איך וועל אויך ווערן משוגע. וואָרעם, וואָס ביסטו? דו ביסט דאָך משוגע. נאָר אַז דו זאָלסט זײַן אויף מײַן שטייגער? דאָס קאָן נישט געמאָלט זײַן אויף קיין אופֿן, אַז דו זאָלסט זײַן אַזאַ חכם ווי איך.

דער תּם האָט געענטפֿערט:

— בײַ השם יתברך איז אַלץ מעגלעך. עס קען ווערן אין איין כהרף־עין, אַז איך זאָל האָבן, וואָס דו האָסט.

האָט דער חכם פֿון אים זייער געלאַכט.

*

און די דאָזיקע צוויי קינדער פֿלעגט די וועלט רופֿן חכם און תּם. דעם האָבן זיי גערופֿן חכם און דעם האָבן זיי גערופֿן תּם. און כאָטש עס זײַנען פֿאַראַן אַ סך חכמים און תּמים אויף דער וועלט — דאָך האָט מען אָבער געקענט וויסן וועמען מע מיינט. וואָרעם זיי זײַנען בײדע געווען פֿון איין שטאָט און האָבן אין איין חדר געלערנט, און דער איז געווען אַ ווילדער חכם, און דער איז געווען זייער אַ גרויסער תּם.

און אין דער „סקאַזקאַ״[14], וואָס דאָרטן פֿאַרשרײַבט מען זיך איטלעכן מיט אַ צונאָמען פֿון זײַן פֿאַמיליע, האָט מען אָנגעשריבן אויף דעם — דעם צונאָמען חכם, און אויף דעם — דעם צונאָמען תּם.

איין מאָל איז דער מלך געקומען איבער דער „סקאַזקאַ״, האָט ער געפֿונען די צוויי, ווי זיי זײַנען פֿאַרשריבן: דער מיט דעם צונאָמען חכם, און דער מיט דעם צונאָמען תּם. איז דאָס בײַם מלך געווען אַ וווּנדער, וואָס די צוויי האָבן אַזוינע צונעמען: חכם און תּם. האָט ער געוואָלט זיי זען.

האָט זיך דער מלך מיישבֿ געווען: אַז איך וועל פּלוצלינג שיקן נאָך זיי, זיי זאָלן קומען צו מיר, וועלן זיי זיך איבערשרעקן, ווע̇ט

---

[14] (רוסיש) מעשׂהלע, פֿאָלקס־מעשׂהלע.

דער חכם גאָר נישט וויסן וואָס צו ענטפֿערן און דער תּם וועט אפֿשר משוגע ווערן מחמת פּחד.

האָט זיך דער מלך מיישבֿ געווען, אַז ער זאָל שיקן אַ חכם צום חכם און אַ תּם צום תּם.

נאָר ווי קריגט מען אין אַן עיר המלוכה אַ תּם?

וואָרעם אין אַן עיר מלוכה, דהיינו, די שטאָט ווו דער מלך זיצט, זײַנען דאָס רובֿ חכמים. נאָר דער וואָס איז אַ ממונה איבער די אוצרות, ער איז דווקא אַ תּם. וואָרעם אַ חכם וויל מען נישט מאַכן פֿאַר קיין ממונה איבער די אוצרות. וואָרעם טאָמער דורך זײַן חכמה, מיט זײַן שׂכל, וועט ער אויסברענגען די אוצרות. איבער דעם מאַכט מען פֿאַר אַ ממונה איבער די אוצרות אַ תּם דווקא.

האָט דער מלך גערופֿן אַ חכם און יענעם תּם הנ״ל, וואָס איז אַ ממונה איבער די אוצרות, און האָט זיי געשיקט צו די צוויי זין הנ״ל, דהיינו, צום חכם און צום תּם. און ער האָט דורך זיי געשיקט בריוו צו איטלעכן באַזונדער. אויך האָט ער זיי געגעבן אַ בריוו צו דעם „גאַבירנער״ [15] פֿון דער גובערניע, וואָס דער חכם מיט דעם תּם זײַנען אונטער אים. און דער מלך האָט געהייסן אין דעם בריוו, אַז דער גאַבירנער זאָל שיקן בריוו אין זײַן נאָמען צום חכם און צום תּם, כּדי זיי זאָלן זיך נישט דערשרעקן, און ער זאָל זיי שרײַבן, אַז דער מלך איז נישט גוזר דווקא, אַז זיי זאָלן קומען, נאָר עס איז בײַ זיי די ברירה: אַז זיי ווילן, זאָלן זיי קומען, מער נישט, דער מלך וואָלט זיי וועלן זען.

זײַנען געפֿאָרן די דאָזיקע שלוחים, דער חכם מיט דעם תּם, און זיי זײַנען געקומען צום גאַבירנער און האָבן אים אָפּגעגעבן די בריוו. און דער גאַבירנער האָט זיך נאָכגעפֿרעגט אויף די דאָזיקע צוויי קינדער.

האָט מען אים געזאָגט, אַז דער חכם איז אַ ווילדער חכם און אַ

15 גובערנאַטאָר.

גרויסער עושר. און דער תּם איז זייער אַ גרויסער תּם און אַז ער האָט פֿאַר זיך אַלערליי מלבושים פֿון דעם פֿעלץ, כּנ״ל.

האָט זיך דער גאַבירגיר מיישבֿ געווען: עס איז אַוודאי נישט שיין, אַז מע זאָל אים ברענגען פֿאַר דעם מלך אין אַ פֿעלץ. האָט ער אים געמאַכט קליידער, אַזוי ווי עס קער צו זײַן, און האָט זיי אַרײַנגעלייגט אין דער קאַרעטע פֿון דעם תּם.

און דער גאַבירנער האָט געגעבן בריוו די שליחים — און זיי זײַנען אַוועקגעפֿאָרן.

זײַנען זיי געקומען אַהין און האָבן איבערגעגעבן די בריוו.

דער חכם — דעם חכם.

און דער תּם — דעם תּם.

*

און דער תּם, ווי מע האָט אים אָפּגעגעבן דעם בריוו, האָט ער זיך אָנגערופֿן צו דעם שליח, וואָס איז אויך געווען אַ תּם, כּנ״ל, וואָס ער האָט אים געבראַכט דעם בריוו:

— איך ווייס זיך נישט, וואָס אין דעם בריוו שטייט. לייען אים פֿאַר מיר!

האָט ער אים געענטפֿערט:

— איך וועל דיר זאָגן אויסנווייניק, וואָס אין אים שטייט: דער מלך וויל, אַז דו זאָלסט צו אים קומען.

האָט ער תּיכף געפֿרעגט:

— נאָר אָן לצנות?

האָט ער אים געענטפֿערט:

— עס איז אַוודאי אמת, אָן לצנות.

איז ער תּיכף מלא שׂמחה געוואָרן און איז געלאָפֿן און האָט געזאָגט צום ווײַב:

— מײַן ווײַב, דער מלך האָט נאָך מיר געשיקט.

האָט זי אים געפֿרעגט:

— וואָס איז דאָס? נאָך וואָס האָט ער נאָך דיר געשיקט?

האָט ער קיין צײַט נישט געהאַט, ער זאָל איר עפּעס ענטפֿערן. ער האָט זיך תּיכּף מזרז געווען מיט שׂמחה, און איז געגאַנגען און האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין דער קאַרעטע, ער זאָל פֿאָרן מיט דעם שליח.

דערווײַל האָט ער דאָרטן דערזען די קליידער, וואָס דער גאָבירניר האָט געמאַכט פֿון זײַנעט וועגן, כּנ״ל.

האָט ער זיך נאָך מער געפֿרייט: ער האָט שוין קליידער אויך.

און אַזוי איז ער אַלץ מער און מער פֿריילעך געוואָרן.

*

דערווײַל האָט מען דערלאַנגט צום מלך מסירות אויף דעם גאָבירניר, באַשר ער טוט פֿאַלשקייט.

האָט דער מלך אים אַראָפּגעזעצט.

דערנאָך האָט זיך דער מלך מיישב געווען: עס איז גוט, אַז עס זאָל זײַן אַ גאָבירניר אַ פּראָסטער מענטש, דהײַנו, אַ תּם. וואָרעם אַ תּם וועט פֿירן די מדינה מיט אמת און מיט יושר, מחמת עס ווייסט נישט קיין חכמות און המצאות.

איז דעם מלך געפֿעלן, אַז ער זאָל מאַכן דעם תּם הנ״ל פֿאַר גאָבירניר.

האָט דער מלך געשיקט אַן אוקאַז[16], אַז דער תּם, דהײַנו, דער תּם וואָס ער איז דער חבֿר פֿון דעם חכם, וואָס דער מלך האָט נאָך אים געשיקט, ער זאָל ווערן גאָבירניר: אַזוי ווי ער מוז פֿאָרן דורך דער הויפּטשטאָט פֿון דער גובערניע, בכן, זאָל מען זיך שטעלן אויף די טויערן פֿון דער שטאָט, כּדי אַז ווען דער תּם וועט אָנקומען, זאָל מען אים פֿאַרהאַלטן און אָפּגעבן דעם טשין[17], אַז ער זאָל זײַן גאָבירניר.

האָט מען אַזוי געטאָן. מע איז געשטאַנען אויף די טויערן, און תּיכּף, ווי ער איז דורכגעפֿאָרן, האָט מען אים פֿאַרהאַלטן און מע האָט אים געזאָגט, אַז ער איז געוואָרן גאָבירניר.

[16] אַ באַפֿעל. — [17] (טיטל) אויף אַן אַמט.

האָט ער געפֿרעגט:

— נאָר אָן לצנות?

האָט מען אים געענטפֿערט:

— אַוודאי אָן שום לצנות.

איז דער תּם געוואָרן תּיכּף גאָבירניר בתּוקף ועוז[18].

— ג —

און הײַנט, אַז דאָס מזל איז אים דערהויבן געוואָרן, און מזל מחכּים, מזל מאַכט דאָך קלוג, האָט ער שוין געקראָגן אַ ביסל פֿאַרשטאַנד.

פֿון דעסט וועגן האָט ער זיך גאָר ניט באַנוצט מיט זײַן חכמה, נאָר ער האָט זיך געפֿירט מיט זײַן תּמימות אַזוי ווי פֿריִער. ער האָט געפֿירט די מדינה מיט אמת און יושר און ער האָט קיין שום עוולה קיינעם ניט געטאָן.

און אין אמתן, אויף פֿירן אַ מדינה, באַדאַרף מען ניט קיין גרויסן שׂכל און חכמות, נאָר יושר און תּמימות.

אַז עס זײַנען געקומען צוויי מענטשן זיך לאָדן פֿאַר אים, האָט ער געזאָגט:

„דו ביסט זכּאי, און דו ביסט חייבֿ״. לויט זײַן תּמימות באמת, אָן שום רמאות און אָן פֿאַלשקייט.

און אַזוי האָט ער אַלץ געפֿירט מיט אמת. האָט אים די מדינה זייער ליב געהאַט. ער האָט אויך געהאַט געטרײַע יועצים, וואָס האָבן אים ליב געהאַט באמת. און מחמת ליבשאַפֿט האָט אים איינער אַן עצה געגעבן:

— באַשר דו וועסט דאָך אַוודאי מוזן קומען פֿאַר דעם מלך, וואָרעם ער האָט שוין נאָך דיר געשיקט, און ווי דער סדר איז, מוז אַ גאָבירניר קומען פֿאַר דעם מלך, בכן, כאָטש דו ביסט זייער ערלעך, און דער מלך וועט ניט געפֿינען קיין שום פֿאַלשקייט אין דײַן

[18] מיט דער גאַנצער מאַכט.

פּירעכץ פֿון דער מדינה, פֿון דעסט וועגן פֿאָרט איז דאָס דער סדר פֿון דעם מלך, אַז ער שמועסט, ער זאָל אַראָפּגיין אין זײַן שמועס אין אַ זײַט, ער זאָל אָנהייבן שמועסן חכמות און לשונות. בכן, איז דער דרך־ארץ, אַז דו זאָלסט אים קענען ענטפֿערן. איבער דעם איז רעכט, אַז דו זאָלסט זיך אויסלערנען חכמות און לשונות.

איז דאָס געפֿעלן דעם תּם. ער האָט זיך מיישבֿ געווען:

— וואָס אַרט עס מיך, אַז איך וועל זיך אויסלערנען חכמות און לשונות?

האָט ער זיך געלערנט, דער תּם, און מקבל געווען אַ סך חכמות און לשונות. איז אים תּיכּף געקומען אויף דעם זינען, וואָס דער חכם, זײַן חבֿר, האָט אים געזאָגט, אַז עס איז ניט געמאָלט בשום אופֿן, ער זאָל קומען אויף זײַן חכמה.

— אָט בין איך שוין געקומען אויף זײַן חכמה! — האָט ער צו זיך דעמאָלט געזאָגט.

און פֿון דעסט וועגן, כאָטש ער האָט שוין געקענט חכמות, האָט ער זיך גאָר ניט באַנוצט מיט די חכמות, נאָר ער האָט זיך געפֿירט מיט זײַן תּמימות אַזוי ווי פֿריִער. דערנאָך האָט דער מלך געשיקט, אַז דער תּם, דער גאָבירגיר, זאָל צו אים קומען.

איז ער צו אים געפֿאָרן.

האָט דער מלך פֿריִער געשמועסט מיט אים פֿון דער פּירעכץ פֿון דער מדינה.

איז ער דעם מלך זייער וויל געפֿעלן. ער האָט געזען, אַז ער פֿירט די מדינה מיט זייער גרויס אמת און מיט יושר, אָן אַ שום עוולה און גאָר אָן פֿאַלשקייט.

נאָך דעם האָט דער מלך אָנגעהויבן צו שמועסן חכמות און לשונות. האָט אים דער תּם געענטפֿערט אַזוי ווי מען באַדאַרף.

איז דאָס דעם מלך נאָך בעסער געפֿעלן. און דער מלך האָט געזאָגט:

— איך זע, אַז ער איז אַזאַ חכם און פֿון דעסט וועגן פֿאָרט פֿירט ער זיך מיט אַזאַ תּמימות.

איז ער דעם מלך זייער געפֿעלן געוואָרן און ער האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ מיניסטער איבער אַלע מיניסטאָרן. און ער האָט געהייסן, מען זאָל אים אָפּגעבן אַ באַזונדערע שטאָט, וואָס דאָרטן זאָל ער זיצן. און ער האָט געהייסן, אַז מען זאָל מויערן פֿאַר אים זייער שיינע מויערן, אַזוי ווי עס קער צו זײַן. און ער האָט אים געגעבן אַ כּתבֿ אויף דער דאָזיקער התמנות, אַז ער זאָל זײַן אַ מיניסטער כּנ״ל.

און אַזוי איז געווען. מען האָט אים אויסגעמויערט זייער ווילע מויערן שיינע, אויף דעם אָרט וואָס דער מלך האָט געהייסן, און ער איז געגאַנגען און איבערגענומען די גדולה בתוקף.

*

און דער חכם, דער חבֿר פֿון דעם תּם, אַז עס איז אים אָנגעקומען דער בריוו פֿון דעם מלך, האָט ער געענטפֿערט דעם חכם, וואָס האָט געבראַכט דעם בריוו: „וואַרט און נעכטיק דאָ איבער, וועלן מיר איבערשמועסן און מיר וועלן זיך מיישבֿ זײַן“.

אויף דער נאַכט האָט ער געמאַכט פֿאַר אים אַ גרויסע סעודה. און בײַם עסן האָט דער חכם אָנגעהויבן צו חקירן מיט זײַן חכמה און מיט זײַן פֿילאָסאָפֿיע. ער האָט געזאָגט:

— וואָס קען דאָס באַטײַטן, וואָס אַזאַ גרויסער מלך זאָל שיקן נאָך אַזאַ קליינעם מענטש ווי איך בין. וואָס בין איך עס, אַז דער מלך זאָל שיקן נאָך מיר? דער מלך האָט דאָך אַזאַ ממשלה און אַזאַ גדולה, און איך בין דאָך אַ שפֿל און אַ נבֿזה אַנטקעגן אַזאַ גרויסן און פֿירכטלעכן מלך. ווי זשע לייגט זיך עס אויף דער דעה, אַז אַזאַ מלך זאָל שיקן נאָך אַזאַ שפֿל, ווי איך? זאָל איך זאָגן, מחמת מײַן חכמה האָט ער נאָך מיר געשיקט? וואָס באַטרעף איך אָבער אַנטקעגן דעם מלך? האָט דען דער מלך קיין חכמים ניט? און דער מלך אַליין איז זיך אַוודאי אויך אַ גרויסער חכם. וואָס זשע איז דאָס, וואָס דער מלך שיקט נאָך מיר?

און ווי ער וווּנדערט זיך אַזוי, רופֿט זיך אָן דער דאָזיקער חכם צו דעם אַנדערן חכם, וואָס האָט דעם בריוו געבראַכט, און זאָגט:

— ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן? מײַן דעה איז, אַז עס איז געדרונגען, עס איז גאָר קיין מלך ניטאָ. די גאַנצע וועלט איז זיך טועה אין דעם דאָזיקן שטות, וואָס זיי מיינען, אַז עס איז דאָ אַ מלך. אַדרבא, פאַרשטיי: ווי געשיקט זיך עס, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זיך איבערגעבן אין די הענט פון איין מענטשן, וואָס איז אַ מלך? עס איז אַוודאי גאָר קיין מלך אויף דער וועלט ניטאָ!

ענטפערט דער חכם, דער שליח הנ״ל:

— איך האָב דאָך דיר געבראַכט אַ בריוו פון דעם מלך.

פרעגט אים דער חכם הנ״ל, הײַנו, דער חבר פון דעם תם פרעגט דעם אַנדערן חכם, דעם שליח:

— האָסטו אַליין גענומען דעם בריוו ממש בײַם מלך אַליין פון דער האַנט אַרויס?

ענטפערט ער אים:

— ניין, גאָר אַן אַנדער מענטש האָט מיר געגעבן דעם בריוו אין נאָמען פון דעם מלך.

רופט ער זיך אָן:

— נו, אַדרבא, הײַנט זע מיט דײַנע אייגענע אויגן, איך בין גערעכט, אַז עס איז גאָר קיין מלך ניט פאַראַנען.

און ער האָט אים ווידער געפרעגט:

— זאָג מיר, דו ביסט דאָך פון דער מלוכה. דו ביסט דאָרטן אויסגעוואַקסן. זאָג זשע מיר, האָסטו ווען ס׳ געזען דעם מלך?

האָט ער אים געענטפערט:

— ניין.

רופט זיך אָן דער חכם הא׳:

הײַנט זע, איך בין גערעכט, אַז עס איז אַוודאי קיין מלך ניט פאַראַנען. וואָרעם אַפילו דו האָסט קיין מאָל דעם מלך ניט געזען.

האָט ווידער דער חכם, דער שליח, געפרעגט:

— אַז עס איז יאָ אַזוי, ווער דען פירט די מדינה?

האָט אים געענטפערט דער חכם הא׳:

— דאָס וועל איך דיר דערציילן קלאָר, וואָרעם איך בין דעריגען

געניט. מיך זאָלסטו פרעגן, וואָרעם איך בין אויסגעווען לענדער. בין איך געווען אין איטאַליע, איז אַזוי דער מנהג. עס זײַנען פאַראַנען זיבעציק ראָטגעבערס און זיי פירן די מדינה אַ צײַט. און מיט דער שררהשאַפט טיילן זיך אײַן די אַלע בני־המדינה. פריִער זײַנען די ראָטגעבערס. דערנאָך גייען די אַראָפּ און אַנדערע גייען אַרויף און פירן די מדינה. און אַזוי אַלע מאָל אַנדערע.

האָבן אָנגעהויבן זײַנע רייד אַרײַנצוגיין אין די אויערן פון דעם אַנדערן חכם, דהײַנו, דעם שליח, ביז עס איז בײַ זיי ביידע געבליבן, אַז עס איז אַוודאי קיין מלך ניטאָ.

דערנאָך האָט זיך ווידער אָנגערופן דער חכם הא׳:

—וואַרט ביז אין דער פרי, וועל איך דיר ווײַזן נאָך מער קלאָר, אַז עס איז אַוודאי גאָר ניטאָ קיין מלך אויף דער וועלט.

—ד—

דעם אַנדערן טאָג איז אויפגעשטאַנען דער חכם הא׳ גאַנץ פרי, דער חכם וואָס ער איז דער חבר פון תם — אים רופן מיר שטענדיק דער חכם הא׳ — און האָט אויפגעוועקט זײַן חבר דעם חכם דעם שליח און האָט צו אים געזאָגט:

— קום מיט מיר אויף דער גאַס, וועל איך דיר ווײַזן די זאַך קלאָר, ווי אַזוי די גאַנצע וועלט איז אין טעות, און אַז אין אמתן איז גאָר קיין מלך נישטאָ.

זײַנען זיי געגאַנגען אין מאַרק און האָבן דערזען אַ זעלנער. האָבן זיי אים אָנגעכאַפּט און געפרעגט בײַ אים:

— וועמען דינסטו?

האָט ער געענטפערט:

— דעם מלך.

האָבן זיי אים געפרעגט:

— האָסטו געזען דעם מלך זינט דו לעבסט?

ענטפערט ער:

— ניין.

האָט זיך אָנגערופֿן דער ערשטער חכם און געזאָגט:

— איז נאָך דאָ אַזאַ שטות? דער סאָלדאַט דינט דעם מלך און ער קען אים נישט.

וואָרעם דער חכם האָט אַלץ געוואָלט מיט זײַן נאַרישער חכמה דרינגען, אַז עס איז קיין מלך נישטאָ, כנ״ל.

נאָך דעם זײַנען זיי געגאַנגען צו אַן אָפֿיציר.

און זיי זײַנען מיט אים אַרײַנגעגאַנגען אין רייד ביז זיי האָבן אים געפֿרעגט:

— וועמען דינסטו?

האָט ער געענטפֿערט:

— דעם מלך.

— האָסטו געזען דעם מלך?

— ניין.

האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— אַדרבא, אָט זע מיט דײַנע אייגענע אויגן, עס איז קלאָר, אַז זיי זײַנען זיך אַלע טועה, אַז עס איז גאָר קיין מלך נישטאָ אויף דער וועלט. וואָרעם דער אָפֿיציר האָט אויך נישט געזען דעם מלך.

איז צווישן זיי געבליבן, אַז עס איז גאָר קיין מלך נישטאָ.

און דער ערשטער חכם האָט זיך אָנגערופֿן:

— קום, לאָמיר פֿאָרן איבער דער וועלט, וועל איך דיר נאָך ווײַזן, ווי די גאַנצע וועלט איז זיך טועה אין פֿיל נאַרישקייטן.

זײַנען זיי געפֿאָרן איבער דער וועלט און אומעטום, ווו זיי זײַנען געקומען, האָבן זיי אַלץ געפֿונען די וועלט אין טעות. כלומר, די חכמים זײַנען דורך זייער חכמה פֿאַרגאַנגען אין אַזוינע נאַרישקייטן, ביז זיי האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט איז אַלץ אין טעות.

און די זאַך פֿון מלך הנ״ל, כלומר: וואָס בײַ זיי איז געווען אָפּגעקלערט, אַז עס איז קיין מלך נישטאָ, דאָס איז שוין בײַ זיי געוואָרן אַ משל. אומעטום, ווו זיי האָבן געפֿונען די וועלט אין אַ טעות, האָבן

זיי גענומען דעם מלך פֿאַר אַ משל: „אַזוי ווי דאָס איז אמת, אַז עס איז דאָ אַ מלך, אַזוי איז דאָס אויך“...

זײַנען זיי אַזוי אויסגעווען די וועלט, ביז עס איז בײַ זיי אויסגעגאַנגען, וואָס זיי האָבן געהאַט.

האָבן זיי אָנגעהויבן פֿאַרקויפֿן: פֿריִער איין פֿערד, דערנאָך — דאָס אַנדערע, ביז זיי האָבן אַלע פֿאַרקויפֿט, ביז זיי האָבן געמוזט גיין צו פֿוס.

און תמיד האָבן זיי אַלץ געפֿאָרשט די וועלט און האָבן אַלץ געפֿונען, אַז די וועלט לעבט אין טעות.

און זיי זײַנען געוואָרן קבצנים פֿוסגייערס, וואָס זייער גאַנץ חשיבֿות איז פֿון זיי אָפּגעטאָן געוואָרן, וואָרעם קיינער האָט זיך גאָר נישט אומגעקוקט אויף אַזוינע אבֿיונים.

זײַנען זיי אַזוי אויסן געווען די וועלט, ביז עס איז אויסגעקומען, אַז זיי זײַנען אָנגעקומען אין דער שטאָט, וואָס דאָרט וווינט דער מיניסטער הנ״ל, היינו, דער תּם, דער חבֿר פֿון חכם הנ״ל. און דאָרט, אין דער שטאָט, איז געווען אַן אמתער בעל־שם. און דער בעל־שם איז זייער חשובֿ געווען, וואָרעם ער האָט געטאָן ווילדע זאַכן באמת. און אַפֿילו צווישן די שׂררות האָט ער געהאַט פּרסום און חשיבֿות.

און אַז די דאָזיקע חכמים זײַנען געקומען אין דער שטאָט אַרײַן, זײַנען זיי אַרומגעגאַנגען אין איר און זײַנען אָנגעקומען פֿאַר דער שטוב פֿון דעם בעל־שם. האָבן זיי געזען, עס שטייען דאָרטן אַ סך וועגעלעך מיט חולאים, פֿערציק אָדער פֿופֿציק. האָט דער חכם געמיינט, אַז דאָרט וווינט אַ דאָקטער. האָט ער געוואָלט אַרײַנגיין צו אים אין שטוב. וואָרעם ער איז דאָך געווען אַ גרויסער דאָקטער, האָט ער געוואָלט אַרײַנגיין, ער זאָל זיך מיט אים באַקענען.

האָט ער געפֿרעגט:

— ווער וווינט דאָ?

האָט מען אים געענטפֿערט:

— אַ בעל־שם.

האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ גרויס געלעכטער און געזאָגט צום אַנדערן, דהײַנו, צום חכם דעם שליח:

— דאָס איז שוין גאָר אַ גרויסער שקר. דאָס איז נאָך מער שטות אײדער דער טעות פֿון דעם מלך. ברודער, איך וועל דיר דערציילן וועגן דעם דאָזיקן שקר, ווי אַזוי די וועלט איז אין טעות.

דערווײַל זײַנען זיי הונגעריק געווען. האָבן זיי בײַ זיך נאָך געפֿונען דריי־פֿיר גראָשן. זײַנען זיי געגאַנגען אין דער גאָרקיך אַרײַן — דאָרטן קען מען קריגן אָפּצועסן אַפֿילו פֿאַר דרײַ־פֿיר גראָשן — און האָבן זיך געהייסן געבן עסן. האָט מען זיי געגעבן.

דערווײַל, ווי זיי האָבן געגעסן, האָבן זיי געשמועסט און געשפּעט פֿון דעם בעל־שם, ווי די וועלט איז זיך טועה. און דער גאָרקיכער האָט געהערט זייערע רייד. האָט עס אים זייער פֿאַרדראָסן, וואָרעם דער בעל־שם איז דאָרט זייער חשובֿ געווען. האָט ער צו זיי געזאָגט:

— עסט אײַך אָפּ און גייט־אַרויס פֿון דאַנען.

נאָך דעם איז אָנגעקומען אַהין אַ זון פֿון דעם בעל־שם. האָבן זיי נאָך אַלץ געשפּעט פֿון דעם בעל־שם — דעם זון אין די אויגן.

האָט אויף זיי דער גאָרקיכער אָנגעשריִען, נאָך וואָס זיי שפּעטן פֿון דעם בעל־שם דעם זון אין די אויגן. און דערנאָך האָט ער זיי אויך געהרגעט־געשלאָגן, און האָט זיי אַרויסגעשטופּט פֿון זײַן שטוב.

האָט עס זיי זייער פֿאַרדראָסן.

האָבן זיי געוואָלט זוכן אַ משפּט אויף דעם, וואָס האָט זיי געשלאָגן.

און זיי האָבן זיך מיישבֿ געווען, זיי זאָלן גיין צו זייער באַלעבאָס, וואָס זיי האָבן דאָרט איבערגעלאָזן זייערע פּעקלעך, אַז עצה האַלטן זיך מיט אים, ווי אַזוי זיי זאָלן דערלאַנגען אַ משפּט אויף דעם גאָרקיכער, וואָס האָט זיי געשלאָגן. און זיי זײַנען געקומען און האָבן אים דערציילט, אַז דער גאָרקיכער האָט זיי געשלאָגן.

האָט ער זיי געפֿרעגט:

— פֿאַר וואָס?

האָבן זיי אים דערציילט: ווײַל זיי האָבן גערעדט אויף דעם בעל־שם.

האָט זיי דער באַלעבאָס געענטפֿערט:

— עס איז אַוודאי קיין יושר נישט, מע זאָל שלאָגן מענטשן. נישט מער, איר האָט גאָר נישט רעכט געטאָן, וואָס איר האָט גערעדט אויף דעם בעל־שם. וואָרעם דער בעל־שם איז דאָ זייער חשובֿ.

האָבן זיי געזען, אַז עס האָט גאָר קיין ממשות נישט, ער איז אויך אין טעות. זײַנען זיי אַוועקגעגאַנגען פֿון אים צום פּקיד. און דער פּקיד איז געווען אַ גוי. און זיי האָבן אים דערציילט די מעשׂה, אַז מע האָט זיי געשלאָגן.

האָט ער געפֿרעגט:

— פֿאַר וואָס?

האָבן זיי געענטפֿערט: אַז זיי האָבן גערעדט אויף דעם בעל־שם.

האָט זיי דער פּקיד אויך געהרגעט־געשלאָגן און אַרויסגעשטופּט פֿון שטוב.

זײַנען זיי פֿון אים אַוועקגעגאַנגען צו אַ העכערן, וואָס האָט צו שאַפֿן, און האָבן אַלץ נישט געפּועלט קיין משפּט, נאָר מע האָט זיי געשלאָגן אַלע מאָל. און אַזוי זײַנען זיי אַלץ געגאַנגען פֿון איינעם צום אַנדערן, אַלע מאָל צו אַ העכערן, און האָבן אַלץ גאָר נישט געפּועלט. ביז זיי זײַנען געקומען פֿאַר דעם מיניסטער הנ״ל, הײַנו, פֿאַר דעם תּם. און דאָרט, פֿאַר דעם מיניסטער, זײַנען געשטאַנען וואַכן.

האָט מען געמאָלדן דעם מיניסטער, אַז אַ מענטש באַדאַרף צו אים. האָט ער געהייסן, אַז ער זאָל אַרײַנגיין.

איז דער חכם געקומען פֿאַר דעם מיניסטער. און ווי ער איז אַרײַנגעקומען, האָט אים תּיכּף דער מיניסטער דערקענט, אַז דאָס איז דער חכם, זײַן חבֿר. און דער חכם האָט אים נישט דערקענט, מחמת ער איז דאָך געווען הײַנט אין אַזאַ גדולה.

האָט תּיכּף צו אים דער מיניסטער געזאָגט:

— זע, צו וואָס מײַן תּמימות האָט מיך געבראַכט, צו אַזאַ גדולה, און צו וואָס דײַן חכמה האָט דיך געבראַכט.

האָט זיך דער חכם אָנגערופֿן:

— דערפֿון וועלן מיר שפּעטער שמועסן, לעת עתּה, אַז דו ביסט עס מײַן חבֿר, דער תּם, גיב מיר אַ משפּט, פֿאַר וואָס מע האָט מיך געשלאָגן.

האָט ער אים געפֿרעגט:

— פֿאַר וואָס האָט מען דיך געשלאָגן?

ענטפֿערט ער אים:

— ווײַל איך האָב גערעדט אויף דעם בעל־שם, אַז עס איז גאָר אַ שווינדל.

רופֿט זיך אָן דער תּם, דער מיניסטער, צו אים:

— נאָך האַלטסטו זיך אין דײַנע חכמות. זע, דו האָסט געזאָגט, אַז דו קענסט אויף מײַנס קומען גאָר גרינג, און איך וועל אויף דײַנעם נישט קענען קומען. הײַנט זע, אַז איך בין שוין אויף דײַנעם לאַנג געקומען — וואָרעם דער תּם איז דאָך שוין געווען אַ גרויסער חכם, כּנ״ל — און דו ביסט נאָך נישט געקומען אויף מײַנעם. איך זע, אַז דאָס איז שווערער, דו זאָלסט קומען אויף מײַן תּמימות.

נאָר פֿון דעסט וועגן, ווײַל דער תּם, דער מיניסטער, האָט אים געקענט פֿון לאַנג, אַז ער איז אַמאָל גרויס געווען, האָט ער אים גע־הייסן געבן קליידער, אַז מע זאָל אים אָנטאָן, און ער האָט אים גע־בעטן, אַז ער זאָל מיט אים עסן.

בשעתן עסן האָבן זיי אָנגעהויבן צו שמועסן. האָט אָנגעהויבן דער חכם אים צו דרינגען זײַן נאַרישע דעה, אַז עס איז גאָר קיין מלך נישטאָ.

האָט אויף אים דער תּם, דער מיניסטער, אַ געשריי געטאָן:

— וואָס זאָגסטו, איך אַליין האָב געזען דעם מלך!

ענטפֿערט אים דער חכם מיט געלעכטער:

— דו ווייסט אַליין, אַז דאָס איז געווען דער מלך? דו קענסט אים? דו האָסט געקענט זײַן טאַטן, זײַן זיידן, אַז זיי זײַנען געווען מלכים? פֿון וואַנען ווייסטו, אַז דאָס איז געווען דער מלך? מענטשן האָבן דיר געזאָגט, אַז דאָס איז דער מלך, האָבן זיי דיך אָפּגענאַרט.

האָט דעם תּם זייער פֿאַרדראָסן אויף דעם, וואָס ער פֿאַרלייקנט דעם מלך.

דערווײַל איז איינער אָנגעקומען און האָט אים געזאָגט:

— דער טײַוול האָט נאָך אײַך געשיקט.

איז דער תּם זייער דערציטערט געוואָרן און איז געלאָפֿן און האָט דערציילט זײַן ווײַב מיט גרויס פּחד, באַשר דער הנ״ל האָט געשיקט נאָך אים. און זײַן ווײַב האָט אים אַן עצה געגעבן, אַז ער זאָל שיקן נאָך דעם בעל־שם. האָט ער נאָך אים געשיקט.

איז דער בעל־שם געקומען און האָט אים געגעבן קמיעות און שמירות, און האָט אים געזאָגט, אַז איצט זאָל ער זיך שוין גאָר נישט שרעקן.

האָט ער דערינען געהאַט גרויס אמונה.

דערנאָך זײַנען זיי ווײַטער געזעסן אין איינעם, דער תּם מיט דעם חכם.

און עס פֿרעגט אים דער חכם:

— וואָס האָסטו זיך אַזוי איבערגעשראָקן?

האָט ער אים געענטפֿערט:

— מחמת דעם הנ״ל וואָס האָט געשיקט נאָך אונדז.

האָט דער חכם פֿון אים געלאַכט:

— דו גלייבסט, אַז עס איז פֿאַראַנען אַ טײַוול?

פֿרעגט אים דער תּם, דער מיניסטער:

— ווער דען האָט נאָך אונדז געשיקט?

ענטפֿערט אים דער חכם:

— דאָס איז אַוודאי מײַן ברודער. ער האָט געוואָלט, אַז ער זאָל זיך מיט מיר זען, האָט ער נאָך מיר געשיקט מיט דעם אָנשטעל. ער האָט דאָס אַלץ אויפֿגעשטעלט.

פֿרעגט אים דער תּם:

— אַז עס איז יאָ אַזוי, ווי אַזוי איז ער אַריבער אַלע וואַרטעס[19]?

---

[19] וואַכפּאָסטנס.

האָט ער אים געענטפֿערט:

— ער האָט זיי אַוודאי משחד געווען[20], און זיי זאָגן אומישנע אַ ליגן, אַז זיי האָבן אים גאָר נישט געזען.

דערווײַל קומט ווידער איינער און זאָגט כנ״ל, „אַז דער טײַוול האָט נאָך זיי געשיקט״.

אָבער דער תּם האָט זיך איצט שוין גאָר נישט געשראָקן און ער האָט קיין שום פּחד נישט געהאַט, מחמת די שמירות וואָס ער האָט גענומען בײַם בעל־שם, כנ״ל.

רופֿט ער זיך אָן צום חכם:

— נו, הײַנט וואָס זאָגסטו?

ענטפֿערט ער אים:

— איך וועל דיר דערציילן. איך האָב אַ ברודער, וואָס ער איז אויף מיר ברוגז. האָט ער עס מיר געמאַכט דעם אָנשטעל, כּדי ער זאָל מיך איבערשרעקן.

האָט דער חכם זיך אויפֿגעהויבן און האָט געפֿרעגט דעם וואָס איז געקומען נאָך זיי:

— וואָס פֿאַר אַ פּנים האָט דער דאָזיקער, וועלכער האָט געשיקט נאָך אונדז? וואָס פֿאַר אַ פֿאַרב האָבן זײַנע האָר?

און אַזוי האָט ער אים געפֿרעגט אַנדערע זאַכן.

האָט ער אים געענטפֿערט:

— „אַזוי און אַזוי״.

רופֿט זיך אָן דער חכם:

— זע, אָט דאָס איז די געשטאַלט פֿון מײַן ברודער הנ״ל.

זאָגט אים דער תּם:

— וועסטו גיין מיט זיי?

— יאָ, איך וויל גיין מיט זיי, נאָר דו זאָלסט מיר געבן עטלעכע זעלנערס אויף אַ זאַלאָג[21], כּדי מע זאָל מיר קיין יסורים נישט אָנטאָן.

האָט ער אים געגעבן אַ זאַלאָג.

---

[20] געגעבן שוחד, אונטערגעקויפֿט. — [21] קויציע, גאַראַנטיע.

זײַנען די צוויי חכמים הנ״ל געגאַנגען מיט דעם, וואָס איז געקומען נאָך זיי, דהײַנו, מיט דעם טײַוול, וואָרעם זיי האָבן נישט געוואָלט גלייבן, אַז דאָס איז דער טײַוול, כנ״ל.

און די זעלנערס פֿון דעם זאַלאָג האָבן זיך אומגעקערט.

פֿרעגט זיי דער תּם, דער מיניסטער:

— ווו זײַנען די חכמים?

האָבן זיי געענטפֿערט:

— מיר ווייסן גאָר נישט, ווו זיי זײַנען אַהינגעקומען.

און דער הנ״ל, דהײַנו, דער טײַוול, האָט אַ כאַפּ געטאָן די חכמים הנ״ל און האָט זיי אַרײַנגעטראָגן אין אַ ליימיקער בלאָטע אַרײַן. און דאָרטן איז געזעסן דער טײַוול אויף אַ שטול אין דער בלאָטע. און די חכמים הנ״ל האָבן זיך גאָר נישט געקענט רירן אין דער בלאָטע, וואָרעם די בלאָטע איז געווען געדיכט און קלעפּיק, ממש ווי קליי.

און די דאָזיקע מענטשן האָבן געשרײַען צו די וואָס האָבן זיי געפּײַניקט, הײַנו, צום טײַוול מיט זײַנע לײַט:

— רשעים, פֿאַר וואָס טוט איר אָן אונדז יסורים אומזיסט? איז דען דאָ אַ טײַוול אויף דער וועלט? איר זײַט רשעים, איר טוט אונדז אָן יסורים אומזיסט.

וואָרעם די דאָזיקע חכמים הנ״ל האָבן נאָך אַלץ נישט געגלייבט, אַז עס איז דאָ אַ טײַוול, נאָר זיי האָבן געזאָגט, אַז שלעכטע מענטשן, רשעים, טוען זיי אָן יסורים אומזיסט.

זײַנען געלעגן די דאָזיקע חכמים הנ״ל אין דער געדיכטער בלאָטע און האָבן געקלערט:

— וואָס איז דאָס? אַנדערש נישט, נאָר די הולטײַעס, וואָס מיר האָבן זיך אַמאָל מיט זיי געקריגט, טוען זיי אונדז אָן הײַנט אַזוינע יסורים.

און זיי זײַנען אָפּגעלעגן אַזוי אין בלאָטע כּמה שנים.

און מע האָט זיי אָנגעטאָן דאָרטן די גאַנצע צײַט ווילדע יסורים מיט ווילדע ענויִים.

איין מאָל איז דער תּם, דער מיניסטער, פֿאַרבײַגעגאַנגען פֿאַר

דער שטוב פֿון דעם בעל־שם. האָט ער זיך דערמאָנט אין זײַן חבֿר, דעם חכם, און איז אַרײַנגעגאַנגען צום בעל־שם, און האָט זיך פֿאַר אים פֿאַרנייגט, אַזוי ווי דער סדר איז, און האָט אים געפֿרעגט, אויב עס איז מעגלעך, אַז ער זאָל אים ווײַזן, דעם חכם, און אויב ער קען אים אַרויסנעמען. ער האָט צו אים געזאָגט:

— בעל־שם, געדענקט איר דעם חכם, וואָס דער טײַוול האָט נאָך אים געשיקט און מע האָט אים אַוועקגעפֿירט? פֿון יענעם טאָג אָן האָב איך אים מער נישט געזען.

האָט דער בעל־שם אים געענטפֿערט:

— יאָ, איך געדענק.

האָט געבעטן אים דער תּם, דער מיניסטער, ער זאָל אים ווײַזן זײַן אָרט און זאָל אים אַרויסנעמען פֿון דאָרטן.

און דער בעל־שם האָט געזאָגט:

— אַוודאי קען איך דיר ווײַזן זײַן אָרט און קען אים אַרויסנעמען, נאָר עס זאָל קיינער נישט גיין, נאָר איך און דו.

זײַנען זיי ביידע געגאַנגען.

האָט דער בעל־שם געטאָן, וואָס ער האָט געוווּסט, און זיי זײַנען אַהין אָנגעקומען.

האָט ער געזען, דער תּם, ווי די ביידע חכמים ליגן דאָרט אין דער גערדיכטער בלאָטע, אין ליים.

און דער חכם האָט דערזען דעם תּם, דעם מיניסטער, האָט ער צו אים געשריגן:

— ברודער, זע ווי זיי שלאָגן מיך אַזוי שטאַרק, די הולטײַעס און פּײַניקן מיך אומזיסט!

האָט אויף אים דער מיניסטער אַ געשריי געטאָן:

— נאָך האַלטסטו זיך אין דײַנע חכמות און ווילסט נישט גלייבן אין קיין שום זאַך. נאָך דײַנע רייד נאָך זײַנען דאָס גאָר מענטשן. הײַנט זע, אָט דאָס איז דער בעל־שם, וואָס דו האָסט אין אים געלייקנט, וועט מען דיר ווײַזן, אַז דווקא נאָר ער קען אײַך אַרויסנעמען און ער וועט אײַך ווײַזן דעם אמת.

האָט דער תּם, דער מיניסטער הנ״ל, געבעטן דעם בעל־שם, אַז ער זאָל זיי אַרויסנעמען און זאָל זיי ווײַזן, אַז דאָס איז אַ טײַוול און נישט קיין מענטשן.

האָט דער בעל־שם געטאָן, וואָס ער האָט געטאָן — זײַנען זיי געבליבן שטיין אויף דער יבשה, דהײַנו, אויף דער טריקעניש. עס איז געוואָרן אויס בלאָטע, און פֿון די מזיקים הנ״ל איז געוואָרן עפּרא בעלמא, דהײַנו, זיי זײַנען געוואָרן גאָר פּשוטע ערד.

דעמאָלט האָט דער חכם הנ״ל דערזען דעם אמת און ער האָט געמוזט בעל־כּרחו מודה זײַן אויף אַלץ, אַז עס איז דאָ אַ מלך און אַז עס איז יאָ דאָ אַן אמתער בעל־שם.

דערציילט פֿאַר פּורים תקס״ט

א. מערזערס קופּערשטיק צום פֿאָלקסליד, ווי דער רבי אלימלך איז געוואָרן גאָר שטאַרק פֿריילעך...

מעשה מיט די זיבן בעטלערס

איך וועל אײַך דערציילן,
ווי מע איז אַמאָל
פריילעך געווען

— א —

מעשה. אַמאָל איז געווען אַ מלך. דער מלך האָט געהאַט אַ בן־יחיד, האָט ער געוואָלט אָפּגעבן די מלוכה זײַן זון בחייו, דהײַנו, פאַר זײַן לעבן נאָך.

האָט ער געמאַכט אַ גרויסן באַל.

און אַז דער מלך מאַכט אַ באַל, איז מען אַוודאי זייער פריילעך. בפרט הײַנט, אַז ער האָט אָפּגעגעבן די מלוכה זײַן זון בײַם לעבן, איז אַוודאי געווען זייער אַ גרויסע שמחה.

און עס זײַנען דאָרט געווען די אַלע שׂרי־המלוכה און אַלע דוכּסים און גראַפן; און זיי האָבן זיך דאָרט אַלע זייער משׂמח געווען אויף דעם באַל. און די מדינה האָט אויך גרויס הנאה געהאַט פון דעם, וואָס דער מלך גיט־אָפּ די מלוכה זײַן זון בײַם לעבן. וואָרעם דאָס איז אַ גרויסער כּבֿוד פאַר אַ מלך.

און עס איז דאָרט אַ שׂמחה געווען. עס זײַנען געווען כּל המינים זאַכן אויף צו פאַרשאַפן פריילעכקייט: קאַפּעליעס און קאָמעדיעס און דאָס גלײַכן. אַלצדינג וואָס נוצט נאָר צו שׂמחה — איז אַלץ דאָרט געווען אויף דעם באַל.

און אַז זיי זײַנען שוין זייער פריילעך געוואָרן, האָט זיך דער מלך אויפגעשטעלט און געזאָגט צום זון:

— היות ווי איך בין אַ שטערנזעער און זע, אַז דו וועסט אַ מאָל

אַראָפּגיין פון דער מלוכה, בכן זאָלסטו זען, אַז דו זאָלסט נישט האָבן קיין עצבֿות, ווען דו וועסט אַראָפּ פון דער מלוכה, נאָר דו זאָלסט פריילעך זײַן. און אַז דו וועסט פריילעך זײַן, וועל איך אויך פריילעך זײַן. אָבער אַפילו, אַז דו וועסט האָבן עצבֿות, וועל איך אויך פריילעך זײַן, וואָס דו ביסט קיין מלך נישט. וואָרעם אַז דו ביסט אַזאַ מענטש, וואָס דו קענסט זיך נישט דערהאַלטן, אַז דו זאָלסט תּמיד פריילעך זײַן, אַפילו ווען דו גייסט־אַראָפּ פון דער מלוכה, ביסטו נישט ראוי צו זײַן קיין מלך. מער נישט, ווען דו וועסט פריילעך זײַן, וועל איך משונה פריילעך זײַן.

און דער מלך האָט איבערגענומען די מלוכה ביד רמה. און ער האָט זיך געמאַכט שׂרי־מלוכה און דוכּסים און שׂרים און חיל. און דער דאָזיקער בן־מלך איז געווען אַ גרויסער חכם. ער האָט זייער ליב געהאַט חכמה, און עס זײַנען געווען בײַ אים גרויסע חכמים. און ווער עס איז צו אים געקומען מיט עפּעס אַ חכמה, איז ער בײַ אים זייער חשובֿ געווען. און ער פלעגט זיי געבן גרויס כּבֿוד און עשירות פאַר חכמה. וואָס איטלעכער האָט געוואָלט, האָט ער אים געגעבן. איינער האָט געוואָלט געלט, האָט ער אים געגעבן געלט. איינער האָט געוואָלט כּבֿוד, האָט ער אים געגעבן כּבֿוד.

און מחמת די חכמה איז בײַ אים אַזוי חשובֿ געווען, האָבן זיי זיך אַלע גענומען צו דער חכמה. די גאַנצע מדינה האָט עוסק געווען נאָר אין חכמות. וואָרעם דער האָט עוסק געווען אין חכמה, ווײַל ער האָט געוואָלט געלט, און דער האָט אין איר עוסק געווען, ווײַל ער האָט געוואָלט כּבֿוד. און מחמת דעם, וואָס זיי האָבן אַלע עוסק געווען נאָר אין חכמות, האָבן זיי דאָרט אין דער מדינה פאַרגעסן תּכסיסי־מלחמה, ווי אַזוי מלחמה צו פירן. וואָרעם זיי האָבן אַלע עוסק געווען נאָר אין חכמות, ביז די אַלע בני־המדינה זײַנען געוואָרן ווילדגרויסע חכמים, אַז דער קלענסטער חכם פון דער מדינה איז געווען דער גרעסטער חכם אין אַן אַנדער מדינה.

און מחמת די חכמות זײַנען די חכמים פון דער מדינה אַרײַנגע־

פאַלן אין אַפּיקורסות אַרײַן. און זיי האָבן אַרײַנגעצויגן אויך דעם בן־מלך הנ״ל אין זייער חבֿרה. און ער איז אויך נתפּקר געוואָרן.

און דעם פּראָסטן עולם האָט עס נישט געשאַדט. זיי זײַנען נישט אַרײַנגעפאַלן אין דעם אַפּיקורסות אַרײַן. וואָרעם עס איז געווען אַ גרויס טיפקייט און אַ גרויס דינקייט אין דער חכמה פון די חכמים הנ״ל. איבער דעם האָט דער פּראָסטער עולם נישט געקענט אַרײַנגיין אין זייערע חכמות. איבער דעם האָט עס זיי נישט געשאַדט, און זיי זײַנען נישט נתפּקר געוואָרן. נאָר די חכמים און דער בן־מלך זײַנען אַפּיקורסים געוואָרן.

און דער בן־מלך, מחמת עס איז אין אים געווען דער יסוד פון טובֿ, וואָרעם ער איז געבוירן געוואָרן מיט דעם דאָזיקן יסוד פון טובֿ און ער האָט געהאַט מידות־טובֿות וישרות, פלעגט ער זיך דערמאָנען אַלע מאָל:

— ווו בין איך אין דער וועלט? וואָס טו איך?

און ער פלעגט דעמאָלט זייער אַ גרויסן קרעכץ טאָן און פלעגט זיפצן דערויף, וואָס ער איז אַרײַנגעפאַלן אין אַזאַ פאַרבלענדעניש און איז פאַרפירט געוואָרן. ער פלעגט זיך דערמאָנען:

— סטײַטש? איך זאָל פאַרגיין אין אַזוינע זאַכן? וואָס טוט זיך דאָ מיט מיר?

אָבער תיכף, ווי באַלד ער האָט נאָר אָנגעהויבן צו ניצן זײַן שׂכל, זײַנען ווידער שטאַרק געוואָרן בײַ אים די חכמות פון אַפּיקורסות. און אַזוי איז געווען כּמה פּעמים. אָט האָט ער זיך דערמאָנט כּנ״ל: „ווו איז ער ערגעץ אין דער וועלט?”... און פלעגט קרעכצן און זיפצן. און אָט האָט ער תיכף ווידער אַ מאָל אָנגעהויבן ניצן זײַן שׂכל, און עס איז בײַ אים ווידער שטאַרק געוואָרן זײַן אַפּיקורסות, כּנ״ל.

*

ויהי היום, איז געווען אַ בריחה אין אַ מדינה. זײַנען זיי אַלע צעלאָפן געוואָרן.

און ווי זיי זײַנען געלאָפן, זײַנען זיי דורכגעגאַנגען דורך אַ וואַלד און האָבן דאָרט פאַרלוירן צוויי קינדער, אַ זכר מיט אַ נקבֿה.

איינער האָט פאַרלוירן אַ זכר.

און איינער האָט פאַרלוירן אַ נקבֿה. און זיי זײַנען נאָך געווען קליינע קינדער פון פיר־פינף יאָר. און די קינדערלעך האָבן נישט געהאַט וואָס צו עסן. האָבן זיי געשריגן און געוויינט, וואָרעם זיי האָבן נישט געהאַט וואָס צו עסן.

דערווײַל איז צו זיי אָנגעקומען אַ בעטלער.

ער איז געגאַנגען מיט זײַנע טאָרבעס, וואָס ער טראָגט אין זיי ברויט.

האָבן די קינדער אָנגעהויבן זיך צו טשעפּען צו אים און צו טוליען זיך צו אים.

האָט ער זיי געגעבן ברויט.

האָבן זיי געגעסן.

און ער האָט זיי געפרעגט:

— פון וואַנען קומט איר אַהער?

האָבן זיי אים געענטפערט:

— מיר ווייסן נישט.

וואָרעם זיי זײַנען געווען קליינע קינדער, כּנ״ל.

און ער האָט אָנגעהויבן אַוועקצוגיין פון זיי.

האָבן זיי אים געבעטן, ער זאָל זיי נעמען מיט זיך.

האָט ער צו זיי געזאָגט:

— דאָס וויל איך נישט, אַז איר זאָלט גיין מיט מיר.

דערווײַל האָבן זיי אַ קוק געטאָן — איז דער בעטלער בלינד.

איז בײַ זיי אַ חידוש געווען: אַז ער איז בלינד, ווי אַזוי ווייסט ער ווו צו גיין. און צום אמת איז דאָס אַליין אַ חידוש, וואָס די קינדער איז דאָס גאָר קשה געווען. וואָרעם זיי זײַנען זיך געווען קליינע קינדער, נאָר זיי זײַנען געווען קלוגע קינדער, איז דאָס בײַ זיי געווען אַ חידוש, כּנ״ל.

און דער דאָזיקער בלינדער בעטלער האָט זיי געבענטשט, אַז זיי

זאָלן זייַן ווי ער, אַז „איר זאָלט זייַן אַזוי אַלט ווי איך”. און ער האָט זיי איבערגעלאָזט נאָך ברויט און זיך אַוועקגעגאַנגען.

האָבן די קינדער פֿאַרשטאַנען, אַז השם יתברך האָט אויף זיי השגחה געהאַט און ער האָט זיי צוגעשיקט אַ בלינדן בעטלער, ער זאָל זיי געבן עסן.

דערנאָך איז בייַ זיי אויסגעגאַנגען דאָס ברויט, האָבן זיי ווידער אָנגעהויבן צו שרייַען:

— עסן!

דערנאָך איז געוואָרן נאַכט. האָבן זיי דאָרט איבערגענעכטיקט.

אין דער פֿרי האָבן זיי ווייַטער נישט געהאַט וואָס צו עסן. האָבן זיי געשריגן און געוויינט.

דערווייַל איז ווידער אָנגעקומען אַ בעטלער, וואָס ער איז געווען אַ טויבער. האָבן זיי אָנגעהויבן צו אים צו ריידן.

ווייַזט ער זיי מיט די הענט און זאָגט צו זיי:

— איך הער גאָר נישט.

און דער בעטלער האָט זיי אויך געגעבן ברויט און האָט אָנגעהויבן אַוועקצוגיין פֿון זיי.

האָבן זיי איצט אויך געוואָלט, אַז ער זאָל זיי נעמען מיט זיך. האָט ער נישט געוואָלט און ער האָט זיי אויך געבענטשט, אַז „איר זאָלט זייַן אַזוי ווי איך”. און ער האָט זיי אויך געלאָזט ברויט און זיך אַוועקגעגאַנגען.

דערנאָך איז בייַ זיי אויך דאָס ברויט אויסגעגאַנגען. האָבן זיי ווידער געשריגן, כּנ״ל.

איז ווידער צו זיי געקומען אַ בעטלער, וואָס איז געווען אַ כּבֿד־פּה, כּלומר: ער האָט געשטאַמפּלט [1] מיטן מויל.

האָבן זיי אָנגעהויבן מיט אים צו שמועסן, האָט ער געשטאַמפּלט מיט דער צונג, האָבן זיי נישט געוווּסט, וואָס ער רעדט. און ער האָט

[1] געשטאַמלט, זיך פֿאַרהאַקט בייַם ריידן.

יאָ געוווּסט, וואָס ביידע ריידן, נאָר זיי האָבן נישט געוווּסט, וואָס ער רעדט, וואָרעם ער האָט געשטאַמפּלט, כּנ״ל.

האָט דער בעטלער זיי אויך געגעבן ברויט צו עסן און איז אויך אַוועקגעגאַנגען, כּנ״ל. ער האָט זיי אויך געבענטשט, אַז זיי זאָלן זייַן אַזוי ווי ער און איז זיך אַוועקגעגאַנגען.

דערנאָך איז ווידער געקומען אַ בעטלער, וואָס האָט געהאַט אַ קרומען האַלדז. איז אויך אַזוי געווען, כּנ״ל.

דערנאָך איז ווידער געקומען אַ בעטלער אַ הויקער.

דערנאָך איז ווידער געקומען אַ בעטלער אָן הענט.

דערנאָך איז געקומען אַ בעטלער אָן פֿיס.

און איטלעכער פֿון זיי האָט זיי געגעבן ברויט און האָט זיי געבענטשט, אַז זיי זאָלן זייַן אַזוי ווי ער. גאָר אַזוי ווי יענע בעטלערס.

דערנאָך איז בייַ זיי ווייַטער דאָס ברויט אויסגעגאַנגען.

האָבן זיי אָנגעהויבן גיין צו אַ ישובֿ, ביז זיי זייַנען צוגעקומען צו אַ וועג. און זיי זייַנען געגאַנגען מיט דעם וועג, ביז זיי זייַנען צוגעקומען צו אַ דאָרף. זייַנען די קינדער אַרייַנגעגאַנגען אין שטוב אַרייַן.

האָט מען אויף זיי רחמנות געהאַט און מע האָט זיי געגעבן ברויט.

זייַנען זיי ווייַטער אין אַ שטוב אַרייַנגעגאַנגען. האָט מען זיי דאָרט אויך געגעבן ברויט. פֿלעגן זיי אַזוי אַרומגיין אין די הייַזער. האָבן זיי געזען, אַז עס איז אַ גוטע זאַך פֿאַר זיי: מע גיט זיי ברויט. און די קינדער האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז זיי זאָלן תּמיד זייַן אין איינעם. און זיי האָבן זיך געמאַכט גרויסע טאָרבעס און זייַנען אַרומגעגאַנגען אין די הייַזער. און זיי פֿלעגן גיין אויף אַלע שׂמחות, אויף בריתן און אויף חתונות.

זיי האָבן זיך געלאָזט אין אַלערליי שטעטלעך און זייַנען אַרומגעגאַנגען דאָרט אין די הייַזער. זיי זייַנען אויך געגאַנגען אויף די יאַרידן און פֿלעגן זיצן צווישן די בעטלערס, אַזוי ווי זיי זיצן דאָרט אויף די פּריזבעס [2] מיט די טעלערס, ביז די קינדער זייַנען שוין גע־

[2] בענק בייַ די הייַזער אין די קליינע שטעטלעך.

וואָרן שטאַרק מפֿורסם בײַ אַלע בעטלערס. וואָרעם אַלע האָבן זיי גע־קענט און פֿון זיי געוווּסט, אַז דאָס זײַנען די קינדערלעך, וואָס זײַנען פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אין אַ וואַלד, כּנ״ל.

און איין מאָל איז געווען אַ גרויסער יאַריד ערגעץ אין אַ גרוי־סער שטאָט. זײַנען אַהין געגאַנגען אַלע בעטלערס. און די קינדער זײַ־נען אויך אַהין געגאַנגען.

איז געקומען די בעטלערס אויף דער דעה, אַז זיי זאָלן משדך זײַן די צוויי קינדער, אַז זיי זאָלן זיך אײנס דאָס אַנדערע נעמען. און תּיכף, ווי עטלעכע בעטלערס האָבן אָנגעהויבן דערפֿון צו שמועסן, איז דאָס זיי אַלע זייער געפֿעלן. האָט מען זיי משדך געווען.

נישט מער, ווי מאַכט מען זיי חתונה?

האָבן זיי זיך מיישבֿ געווען, באַשר אין דעם און דעם טאָג וועט זײַן בײַם מלך אַ סעודה, וואָרעם עס וועלן זײַן דעמאָלט זײַנע „מיני־נעס״ [3], וועלן אַהין גיין אַלע בעטלערס, און פֿון דעם וואָס זיי וועלן אויסבעטלען דאָרטן, פֿלייש און קוילעטש, דערפֿון וועלן זיי מאַכן די חתונה.

און אַזוי איז געווען.

די אַלע בעטלערס זײַנען געגאַנגען אויף די „מינינעס״ און זיי האָבן זיך אויסגעבעטן פֿלייש און ברויט. און זיי האָבן אויך צונויפֿ־גענומען, וואָס עס איז געבליבן פֿון דער סעודה, פֿלייש און קוילעטש. און זיי זײַנען געגאַנגען און האָבן אויסגעגראָבן אַ גרויסן גרוב, וואָס עס זאָלן אין אים קענען אַרײַן הונדערט מענטשן, און זיי האָבן אים צוגעדעקט מיט העלץ און מיט ערד און מיט מיסט, און זיי זײַנען אַלע אַהין אַרײַנגעגאַנגען. און זיי האָבן דאָרטן געמאַכט אַ חתונה פֿאַר די קינדער, און געשטעלט זיי אַ חופּה און האָבן זיך דאָרט זייער, זייער משׂמח געווען.

און די חתן־כּלה זײַנען אויך זייער פֿריילעך געווען.

[3] אימענינעס, געבורטסטאָג.

האָבן די חתן־כּלה אָנגעהויבן דערמאָנען די חסדים, וואָס השם יתברך האָט מיט זיי געטאָן, ווען זיי זײַנען געווען אין וואַלד, און זיי האָבן זייער געוויינט און געבענקט:

— ווו נעמט מען דאָ דעם ערשטן בעטלער, דעם בלינדן, וואָס ער האָט אונדז געבראַכט ברויט אין וואַלד אַרײַן?

און ווי זיי האָבן אַזוי געבענקט נאָך דעם בלינדן בעטלער, רופֿט ער זיך דערווײַל אָן:

— איך בין דאָ. איך בין געקומען צו אײַך אויף דער חתונה, און איך שענק אײַך אַ דרשה־געשאַנק, אַז איר זאָלט זײַן אַזוי אַלט ווי איך. וואָרעם פֿריִער האָב איך אײַך דאָס געווונטשן, אַז איר זאָלט זײַן אַזוי אַלט ווי איך, אָבער הײַנט שענק איך אײַך דאָס דאָזיקע במתּנה גמורה דרשה־געשאַנק, אַז איר זאָלט לעבן אַזאַ לאַנג לעבן ווי איך. און איר מיינט — האָט ער צו זיי ווײַטער געזאָגט — אַז איך בין אַ בלינדער? איך בין גאָר נישט בלינד. נאָר וואָס דען? די גאַנצע צײַט פֿון דער גאַנצער וועלט באַטרעפֿט בײַ מיר נישט אַפֿילו קיין איין אויגנבליק.

און דעריבער האָט ער אַ פּנים געהאַט ווי אַ בלינדער, וואָרעם בײַ אים איז דאָך גאָר קיין קוקן נישטאָ אויף דער וועלט. וואָרעם דער גאַנצער דויער פֿון דער וועלט באַטרעפֿט פֿאַר אים אַפֿילו קיין אויגנבליק נישט. דעריבער איז בײַ אים גאָר נישט שײַך אײַנקוקן זיך אָדער זען די דאָזיקע וועלט.

— און איך בין — האָט ער צו זיי ווידער געזאָגט — זייער אַלט און איך בין פֿון דעסט וועגן לגמרי יונג נאָך. און איך האָב נאָך גאָר נישט אָנגעהויבן צו לעבן אַפֿילו; און פֿון דעסט וועגן בין איך שוין פֿאָרט זייער אַלט. און נישט איך אַליין זאָג דאָס, נאָר איך האָב אַ הסכּמה דערויף פֿון דעם גרויסן אָדלער. און איך וועל אײַך דערציילן אַ מעשׂה.

*

אַמאָל זײַנען געגאַנגען מענטשן אויף אַ סך שיפֿן אויף דעם ים. איז געקומען אַ שטורעמווינט און האָט צעבראָכן די שיפֿן. און די מענטשן זײַנען ניצול געוואָרן.

זײַנען די מענטשן צוגעקומען צו אַ טורעם. זײַנען זיי אַרויף אויף דעם טורעם און האָבן דאָרט געפֿונען אַלערליי מאַכלים און משקאות און מלבושים און אַלץ וואָס מע באַדאַרף. און עס איז דאָרט געווען פֿון כּל־טובֿ און די אַלע תּענוגים פֿון דער וועלט.

האָבן זיי זיך אָנגערופֿן, אַז איטלעכער זאָל דערציילן אַן אַלטע מעשׂה, וואָס ער געדענקט נאָך פֿון זײַן ערשטן זכּרון, הײַנו, ער זאָל דערציילן, וואָס ער געדענקט נאָך פֿון זינט עס האָט זיך בײַ אים אָנגעהויבן דער זכּרון.

און עס זײַנען געווען דאָרטן אַלטע און יונגע.

האָט מען מכבד געווען דעם גרעסטן זקן, וואָס איז געווען צווישן זיי, אַז ער זאָל צום ערשטן דערציילן. האָט ער זיך אָנגערופֿן, דהײַנו, דער עלטסטער זקן:

— וואָס זאָל איך אײַך דערציילן? איך געדענק נאָך, אַז מע האָט אָפּגעשניטן דאָס עפּעלע פֿון דעם צווײַג.

האָט קיינער נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס ער זאָגט. נאָר עס זײַנען דאָרט געווען חכמים, האָבן זיי געזאָגט, אַז דאָס איז אַוודאי אַ גאַנץ אַלטע מעשׂה. האָט מען דערנאָך מכבד געווען דעם אַנדערן זקן, וואָס ער איז געווען ייִנגער פֿון דעם אַלטן, אַז ער זאָל דערציילן.

האָט זיך אָנגערופֿן דער אַנדערער, וואָס איז נישט געווען אַזוי אַלט ווי דער ערשטער, מיט אַ לשון ווי אײנער וואָס וווּנדערט זיך:

— דאָס איז אַן אַלטע מעשׂה? די מעשׂה געדענק איך אויך. איך געדענק אָבער נאָך אַפֿילו, אַז דאָס ליכט האָט געברענט.

האָבן זיי זיך דאָרט אָנגערופֿן:

— דאָס איז נאָך אַן עלטערע מעשׂה פֿון דער ערשטער.

און עס איז בײַ זיי געווען אַ חידוש, וואָס דער אַנדערער איז זיך ייִנגער און ער געדענקט אַן עלטערע מעשׂה פֿון דעם ערשטן.

דערנאָך האָט מען מכבד געווען דעם דריטן זקן, אַז ער זאָל זיי

דערציילן. און דער דריטער איז נאָך ייִנגער געווען. האָט זיך דער דריטער אָנגערופֿן:

— איך געדענק נאָך אַפֿילו, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן דער בנין פֿון דער פּרי, דהײַנו, אַז די פּרי האָט ערשט אָנגעהויבן ווערן אַ פּרי.

האָבן זיי זיך אָנגערופֿן דאָרט:

— דאָס איז נאָך אַן עלטערע מעשׂה.

דערנאָך האָט זיך אָנגערופֿן דער פֿערטער זקן, וואָס איז נאָך ייִנגער געווען:

— איך געדענק נאָך אַפֿילו, ווי מע האָט געפֿירט דאָס קערנדל, מע זאָל פֿלאַנצן די פּרי.

האָט זיך דער פֿינפֿטער אָנגערופֿן, וואָס ער איז נאָך ייִנגערער געווען:

— איך געדענק נאָך אַפֿילו די חכמים, וואָס האָבן אויסגעטראַכט דאָס קערנדל.

האָט זיך דער זעקסטער, וואָס איז נאָך ייִנגערער געווען, אָנגערופֿן:

— איך געדענק נאָך אַפֿילו דעם טעם פֿון דער פּרי איידער דער טעם איז אַרײַן אין דער פּרי.

האָט זיך דער זיבעטער אָנגערופֿן:

— איך געדענק נאָך אַפֿילו דעם ריח פֿון דער פּרי איידער ער איז אַרײַן אין דער פּרי.

האָט זיך דער אַכטער אָנגערופֿן:

— איך געדענק נאָך אַפֿילו די מראה פֿון דער פּרי איידער זי איז אַרויף אויף דער פּרי. און איך, הײַנו, דער דאָזיקער בלינדער בעטלער, וואָס דערציילט דאָס אַלץ, בין נאָך דעמאָלט געווען גאָר אַ קינד. און איך בין דאָרטן געווען.

האָב איך מיך אָנגערופֿן:

— איך געדענק די אַלע מעשׂיות, און איך געדענק גאָר נישט.

האָבן זיי זיך אָנגערופֿן:

— דאָס איז אַ גאַנץ אַלטע מעשׂה, עלטער פֿון אַלע.

און עס איז בײַ זיי אַ גרויס חידוש געווען, וואָס דאָס קינד געדענקט מער פֿון אַלע.

דערווײַל איז אָנגעקומען אַ גרויסער אָדלער און ער האָט אָנגעקלאַפּט אויף דעם טורעם און געזאָגט צו זיי:

— הערט שוין אויף צו זײַן אָרעמע לײַט. קערט אײַך אום צו אײַערע אוצרות. באַניצט אײַך מיט אײַערע אוצרות!

און ער האָט צו זיי געזאָגט, אַז זיי זאָלן אַרויסגיין פֿון דעם טורעם נאָך זייער עלטער נאָך, עלטער נאָך עלטער, אַז דער וואָס איז עלטער זאָל פֿריִער אַרויסגיין.

האָט ער זיי אַלע אַרויסגענומען פֿון דעם טורעם. ער האָט פֿריִער דאָס קינד אַרויסגענומען, וואָרעם צום אמת איז ער דאָך עלטער פֿון זיי אַלע.

און אָט אַזוי האָט ער אויך איטלעכן, וואָס איז ייִנגער געווען, פֿריִער אַרויסגענומען, און דעם עלטסטן זקן האָט ער גאָר צום סוף אַרויסגעפֿירט.

וואָרעם וואָס איינער איז ייִנגער געווען, איז ער דאָך אַלץ עלטער געווען, כּנ״ל, און דער עלטסטער פֿון זיי איז געווען ייִנגער פֿון זיי אַלע.

און ער האָט געזאָגט צו זיי, דער גרויסער אָדלער, הנ״ל:

— איך וועל אײַך מפֿרש זײַן די אַלע מעשׂיות, וואָס די אַלע האָבן דערציילט. וואָרעם דער וואָס האָט דערציילט, אַז ער געדענקט נאָך ווי מע האָט אָפּגעשניטן דאָס עפּעלע פֿון דעם צווײַג, מיינט ער, אַז ער געדענקט נאָך, אַז מע האָט אים אָפּגעשניטן דעם נאָפּל, כּלומר, אַפֿילו דאָס וואָס מיט אים האָט זיך געטאָן תּיכּף ווי ער איז געבוירן געוואָרן, אַז מע האָט אים אָפּגעשניטן דעם נאָפּל, אַפֿילו דאָס געדענקט ער נאָך.

און דער אַנדערער, וואָס האָט געזאָגט, אַז ער געדענקט נאָך אַפֿילו, ווי דאָס ליכט האָט געברענט, מיינט ער, ער געדענקט נאָך, אַז ער איז געווען בעיבור [4], וואָס דעמאָלט ברענט אַ ליכט אויף דעם קאָפּ.

וואָרעם אַזוי שטייט אין דער גמרא, אַז דעמאָלט, ווען דאָס קינד איז בײַ דער מוטער אין בויך, דעמאָלט ברענט אַ ליכט אויף זײַן קאָפּ.

און דער, וואָס האָט געזאָגט, אַז ער געדענקט אַפֿילו, ווי ער האָט אָנגעהויבן ווערן אַ פּרי: דאָס געדענקט ער נאָך אַפֿילו, ווי זײַן גוף האָט אָנגעהויבן צו ווערן, דעמאָלט ווען דאָס קינד הייבט נאָר אָן באַשאַפֿן צו ווערן.

און דער, וואָס געדענקט נאָך דעמאָלט, ווי מע האָט געפֿירט דאָס קערנדל צו פֿלאַנצן די פּרי, מיינט אַז ער געדענקט נאָך אַפֿילו, ווי די טיפּה איז נמשך געוואָרן בשעת דעם זיווג.

און דער, וואָס געדענקט נאָך די חכמים, וואָס זיי האָבן אויסגעטראַכט דאָס קערנדל, מיינט ער אַז ער געדענקט נאָך אַפֿילו, ווען די טיפּה איז נאָך געווען אין מוח.

און דער וואָס האָט געדענקט דעם טעם — דאָס איז דער נפֿש.

און דער ריח — דאָס איז דער רוח.

און די מראה — דאָס איז די נשמה.

און דאָס קינד האָט געזאָגט, ער געדענקט גאָר נישט. וואָרעם ער איז גרעסער פֿון זיי אַלע און ער געדענקט אַפֿילו, וואָס איז געווען פֿאַר נפֿש, רוח ונשמה, וואָס איז אין דער בחינה פֿון גאָרניט. דעריבער האָט ער געזאָגט: ער געדענקט גאָר נישט. כּלומר, ער געדענקט נאָך, אַז עס איז גאָר נישט געווען, געדענקט אַפֿילו, וואָס דאָרט האָט זיך געטאָן, וואָס דאָס איז העכער פֿון אַלע.

און דער גרויסער אָדלער האָט צו זיי געזאָגט:

— קערט זיך אום צו אײַערע שיפֿן, דאָס זײַנען אײַערע גופֿים, וואָס זײַנען צעבראָכן געוואָרן. זיי וועלן ווידער געבויט ווערן.

און ער האָט זיי געבענטשט.

---

[4] אַריבער די נאָרמאַלע הויכע וועלטן.

און צו מיר — הײַנו, צום בלינדן בעטלער, וואָס ער איז געווען אַ קינד דעמאָלט, וואָס ער דערציילט דאָס אַלץ — האָט דער גרויסער אָדלער געזאָגט:

— דו קום מיט מיר. וואָרעם דו ביסט אַזוי ווי איך. וואָרעם דו ביסט זייער אַלט און נאָך גאָר יונג. און דו האָסט נאָך גאָר נישט אָנגעהויבן צו לעבן און דו ביסט שוין פאָרט זייער אַלט. און איך בין אויך אַזוי. וואָרעם איך בין זייער אַלט און בין נאָך גאָר יונג. נמצא, האָב איך אַ הסכּמה פון דעם דאָזיקן גרויסן אָדלער, אַז איך בין זייער אַלט און נאָך גאָר יונג.

און איצט שענק איך אײַך מײַן לאַנג לעבן דרשה־געשאַנק, אַז איר זאָלט זײַן אַזוי אַלט ווי איך.

און עס איז דאָרט געווען אַ גרויסע שמחה. און זיי זײַנען זייער פריילעך געווען.

— ב —

אין דעם אַנדערן טאָג פון שבעת ימי המשתה האָבן זיך די חתן־כּלה ווידער דערמאָנט אין דעם אַנדערן בעטלער, וואָס איז געווען אַ טויבער און וואָס ער האָט זיי מחיה געווען און האָט זיי געגעבן ברויט.

און זיי האָבן געוויינט און געבענקט נאָך אים:

— ווו נעמט מען דאָ אַהער דעם דאָזיקן טויבן בעטלער, וואָס האָט אונדז מחיה געווען?

דערווײַל, ווי זיי האָבן אַזוי געבענקט נאָך אים, קומט ער אַרײַן און זאָגט:

— איך בין דאָ.

און ער איז אויף זיי אַרויפגעפאַלן און האָט זיי געקושט און געזאָגט צו זיי:

— הײַנט שענק איך אײַך במתנה, אַז איר זאָלט זײַן אַזוי ווי איך, אַז איר זאָלט לעבן אַזאַ חיים טובים ווי איך. וואָרעם פריִער האָב איך אײַך געבענטשט מיט דעם. הײַנט שענק איך אײַך במתנה גמורה מײַן גוט לעבן דרשה־געשאַנק. און איר מיינט, אַז איך בין טויב. איך בין

גאָר נישט טויב, נאָר די גאַנצע וועלט איז מיר גאָר נישט ווערט, אַז איך זאָל הערן אירע חסרונות. וואָרעם די אַלע קולות פון דער וועלט זײַנען אַלע נאָר פון חסרונות. וואָרעם איטלעכער שרײַט אויף זײַן חסרון, דהײַנו, אויף דעם וואָס עס גייט אים אָפּ. און אַפילו אַלע שמחות פון דער וועלט זײַנען אַלע נאָר פון חסרונות. וואָרעם מע פרייט זיך אויף דעם, וואָס מע האָט דאָס, וואָס עס איז אָפּגעגאַנגען. און בײַ מיר האָט די גאַנצע וועלט גאָר קיין באַטרעף נישט, אַז איך זאָל הערן אירע חסרונות, וואָרעם איך לעב אַזאַ חיים טובים, וואָס האָט גאָר קיין חסרון נישט. און איך האָב אַ הסכּמה דערויף, אַז איך לעב אַ גוט לעבן פון דער מדינה פון עשירות.

און זײַן חיים טובים איז געווען, וואָס ער האָט געגעסן ברויט און געטרונקען וואַסער.

*

און ער האָט זיי דערציילט:

— באַשר עס איז דאָ אַ מדינה, וואָס אין איר איז דאָ גרויס עשירות, זיי האָבן גרויסע אוצרות, זײַנען זיך אַמאָל צונויפגעקומען די עשירים. האָט זיך איטלעכער אָנגעהויבן צו באַרימען, ווי אַזוי ער לעבט אַ גוט לעבן, און איטלעכער האָט דערציילט דעם סדר פון זײַן גוט לעבן.

האָב איך מיך אָנגערופן און געזאָגט צו זיי:

— איך לעב אַ גוט לעבן, וואָס איז אַ סך בעסער פון אײַער גוט לעבן. והאָ ראַיה, וואָרעם אויב איר לעבט אַ גוט לעבן, טאָ לאָמיר זען, אויב איר וועט קענען העלפן דער מדינה. וואָרעם עס איז פאַראַנען אַ מדינה, ווו זיי האָבן געהאַט אַ גאָרטן. און אין דעם גאָרטן זײַנען געווען פּירות, וואָס האָבן געהאַט אַלערליי טעמען פון דער וועלט. אויך זײַנען דאָרט געווען אַלערליי ריחות פון דער וועלט, די אַלערליי מראות, די אַלערליי פאַרבן און די אַלערליי קווייטן פון דער וועלט. אַלץ איז געווען דאָרט אין דעם גאָרטן. און עס איז געווען איבער דעם גאָרטן אַ גערטנער, דהײַנו, דער וואָס זעט־צו דעם גאָרטן. און די לײַט פון דער מדינה האָבן געלעבט אַ גוט לעבן דורך דעם

דאָזיקן גאָרטן. איז דאָרט דער גערטנער פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. און אַלץ, וואָס איז דאָרט געווען אין דעם גאָרטן, האָט שוין געמוזט נאָר צו נישט ווערן. וואָרעם עס איז שוין דאָרט מער נישט געווען דער ממונה, דהײַנו, דער גערטנער, וואָס זאָל דעם גאָרטן פּילנעווען, ער זאָל זיך פֿאַרעכן אַרום אים, צו טאָן אַלץ, וואָס מען באַדאַרף טאָן אַרום דעם גאָרטן. נישט מער פֿון דעסט וועגן וואָלטן זיי נאָך געקענט לעבן פֿון די ספֿיחים [5] פֿון דעם גאָרטן, דהײַנו, פֿון דעם ווידערוואַקסן, דהײַנו, דאָס וואָס עס וואַקסט אין גאָרטן אַליין פֿון דעם, וואָס עס פֿאַלט־אַראָפּ. איז אָבער געקומען אַ מלך אַכזר אויף דער דאָזיקער מדינה. און דער מלך האָט זיי גאָר נישט געקענט טאָן. איז ער געגאַנגען און האָט קאַליע געמאַכט דאָס גוטע לעבן פֿון דער מדינה, וואָס זיי האָבן געהאַט פֿון דעם גאָרטן. און נישט נאָר וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט דעם גאָרטן אַליין, נאָר ער האָט איבערגעלאָזט אין דער מדינה דרײַ כּיתות און האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן טאָן דאָס, וואָס ער האָט זיי געהייסן. און דורך דעם האָבן זיי קאַליע געמאַכט דעם טעם. וואָרעם דורך דעם, וואָס זיי האָבן דאָרט געטאָן, האָט איטלעכער, וואָס האָט געוואָלט פּילן עפּעס אַ טעם, געפּילט דעם טעם פֿון אַ נבֿלה. און אַזוי האָבן זיי אויך קאַליע געמאַכט דעם ריח, אַז די אַלע ריחות זאָלן האָבן אַ ריח פֿון חלבנה [6]. און אַזוי האָבן זיי אויך קאַליע געמאַכט די מראה, דורך דעם וואָס זיי האָבן דאָרט געטאָן, וואָס דער מלך האָט זיי געהייסן. וואָרעם זיי האָבן געמאַכט, אַז עס זאָל זיי זײַן טונקל אין די אויגן, ווי עס וואָלטן רק געווען פֿאַר זיי וואָלקנס. דאָס האָבן די דרײַ כּיתות קנעכט אַלץ אָנגעאַרבעט אין דער מדינה. הײַנט, אַז איר לעבט אַ גוט לעבן, לאָמיר נאָר זען, אויב איר וועט זיי קענען העלפֿן!

— און איך זאָג אײַך — אַזוי זאָגט אַלץ דער טויבער בעטלער צו דער מדינה פֿון עשירות, וואָס זיי האָבן זיך באַרימט, אַז זיי לעבן חיים טובֿים, כּנ״ל — אַז איר וועט זיי נישט העלפֿן, וועלן די קלקולים [7]

---

[5] ווידערוואוקסן. — [6] גאַלבאַנוס־קטורת, האָלצקויל וואָס מאַכט אַ שטאַרקן געריך. — [7] דעפּעקטן.

פֿון דער מדינה אײַך אויך קענען שאַדטן, דהײַנו, דאָס וואָס בײַ דער מדינה איז קאַליע געוואָרן די מראה, דער טעם און דער ריח, דאָס וועט אײַך אויך דערלאַנגען...

האָבן זיך אויפֿגעהויבן די עשירים הנ״ל און זײַנען געגאַנגען צו דער מדינה. און איך בין אויך געגאַנגען מיט זיי. און אויך גייענדיק אין וועג, האָט איטלעכער פֿון זיי געלעבט זײַן גוטן לעבן. וואָרעם זיי האָבן געהאַט אַ סך אוצרות.

נאָר ווי זיי זײַנען געקומען צו דער מדינה, האָט אָנגעהויבן בײַ זיי אויך קאַליע ווערן דער טעם און די איבעריקע זאַכן. און זיי האָבן אַליין דערפּילט, אַז עס איז בײַ זיי אַלץ קאַליע געוואָרן, דהײַנו, דער טעם און די מראה און דער ריח.

האָב איך מיך אָנגערופֿן צו זיי:

— מה־דאָך הײַנט, אַז איר זײַט נאָך נישט אַרײַנגעגאַנגען אין דער מדינה, איז שוין בײַ אײַך קאַליע געוואָרן דער טעם און די מראה און דער ריח, ווי וועט שוין זײַן, אַז איר וועט אַהין אַרײַנגיין? ווער שמועסט נאָך, ווי וועט איר זיי קענען העלפֿן?

און איך האָב גענומען מײַן ברויט און מײַן וואַסער און זיי געגעבן.

האָבן זיי געפּילט אין מײַן ברויט און וואַסער אַלע טעמען און אַלע ריחות. און עס איז בײַ זיי צוריק פֿאַרריכט געוואָרן דאָס, וואָס איז בײַ זיי קאַליע געוואָרן.

*

און די בני המדינה הנ״ל, דהײַנו, די מדינה וואָס דאָרט איז געווען דער גאָרטן הנ״ל, וואָס בײַ זיי האָט מען קאַליע געמאַכט דעם טעם, כּנ״ל, האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומצוקוקן, אַז זיי זאָלן אויסהיילן די מדינה פֿון דעם, וואָס עס איז בײַ זיי קאַליע געוואָרן דער טעם.

האָבן זיי זיך מיישבֿ געווען: באַשר עס איז פֿאַראַנען אַ מדינה פֿון עשירות, דהײַנו, טאַקע די מדינה פֿון עשירות הנ״ל, וואָס דער בעטלער האָט מיט זיי געשמועסט כּנ״ל, איז בכן נישט אַנדערש נאָר,

אַז זייער גערטנער, וואָס איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, וואָס דורך אים האָבן זיי געהאַט חיים טובֿים, וואָרעם זיי האָבן געהאַט אוצרות, כּנ״ל, איז פֿון איין שורש נשמה מיט די פֿון דער מדינה פֿון עשירות, וואָס זיי לעבן אויך אַ גוט לעבן.

איבער דעם איז זיי, דהײַנו, דער מדינה, וואָס דער גאָרטן איז דאָרט געווען, געפֿעלן די עצה, אַז זיי זאָלן שיקן צו דער מדינה פֿון עשירות, וואָס זיי לעבן אויך אַ גוט לעבן: זיי וועלן זיי אַוודאי העלפֿן. און זיי האָבן אַזוי געטאָן. זיי האָבן געשיקט שליחים צו יענער מדינה פֿון עשירות. און די שליחים זײַנען געגאַנגען, האָבן זיי זיך איינס דאָס אַנדערע באַגעגנט. דהײַנו: די שליחים האָבן זיך באַגעגנט מיט דער מדינה פֿון עשירות אויף דעם וועג. וואָרעם די מדינה פֿון עשירות האָט זיך צו זיי געוואָלט גיין, כּנ״ל — האָבן זיי געשיקט שליחים.

און זיי האָבן געפֿרעגט די שליחים:

— וווּהין גייט איר?

האָבן זיי געענטפֿערט:

— מיר גייען צו דער מדינה פֿון עשירות, אַז זיי זאָלן אונדז העלפֿן.

האָבן זיי זיך אָנגערופֿן:

— מיר זײַנען דאָס אַלײן פֿון דער מדינה פֿון עשירות און מיר גייען צו אײַך.

האָב איך מיך אָנגערופֿן, דהײַנו, דער טויבער בעטלער, וואָס דערציילט דאָס אַלץ, האָט זיך אָנגערופֿן:

— איר באַדאַרפֿט דאָך אָנקומען צו מיר, וואָרעם איר קענט דאָך נישט גיין אַהין צו העלפֿן זיי, בכן, בלײַבט איר דאָ און איך וועל גיין מיט די שליחים צו העלפֿן זיי.

בין איך געגאַנגען מיט די שליחים און בין געקומען אין דער מדינה אַרײַן.

בין איך אַרײַנגעקומען אין אַ שטאָט אַרײַן, האָב איך געזען: עס קומען מענטשן און זאָגן ווערטלעך. נאָך דעם קלײַבן זיך צונויף צו

זיי נאָך מענטשן ביז עס ווערט אַ רעדל מענטשן און מע זאָגט ווײַטער ווערטלעך, און מע לאַכט, און מע שפּאַסט.

האָב איך זיך צוגעהערט: וואָס שמועסן זיי? האָב איך אויסגעפֿונען, אַז זייריידן ניבול־פּה. איינער זאָגט אַ ווערטל פֿון ניבול־פּה, אַ צווייטער זאָגט אַ ביסל איידעלער. דער לאַכט, דער האָט הנאה און דעסט גלײַכן, ווי דער שטייגער איז.

דערנאָך בין איך ווײַטער געגאַנגען אין אַן אַנדער שטאָט. האָב איך געזען צוויי מענטשן קריגן זיך איינער מיט דעם אַנדערן, מחמת עפּעס אַ משׂא ומתּן. זיי זײַנען געגאַנגען צום בית־דין זיך לאָדן.

האָט דער בית־דין געפּסקנט: דער איז זכּאַי און דער איז חייבֿ.

זײַנען זיי אַרויסגעגאַנגען פֿון בית־דין.

דערנאָך האָבן זיי זיך ווידער צעקריגט. האָבן זיי איצט געזאָגט, אַז זיי ווילן שוין נישט דעם בית־דין, נאָר זיי ווילן אַן אַנדער בית־דין. און זיי האָבן זיך אויסגעקליבן אַן אַנדער בית־דין און געלאָדן זיך פֿאַר אים. דערנאָך האָט זיך צעקריגט ווידער איינער פֿון די דאָזיקע מיט אַן אַנדערן. האָבן זיי זיך ווידער אויסגעקליבן אַן אַנדער בית־דין.

און אַזוי האָבן זיי זיך דאָרט ווײַטער צעקריגט, דער מיט דעם און דער מיט דעם, און האָבן זיך אַלע מאָל אויסגעקליבן אַן אַנדער בית־דין, ביז די גאַנצע שטאָט איז פֿול געוואָרן מיט בתּי־דינים.

האָב איך אַ קוק געטאָן, האָב איך געזען, אַז דאָס איז, מחמת עס איז דאָרט קיין אמת נישטאָ. הײַנט איז דער מטה דין. ער חנפֿעט יענעם און פּסקנט אים צו. און דערנאָך פּסקנט יענער ווידער אים צו. וואָרעם זיי נעמען שוחד און עס איז בײַ זיי קיין אמת נישטאָ.

דערנאָך האָב איך געזען, אַז זיי זײַנען אַלע ממש פֿול מיט ניאוף, אַז עס איז דאָרט דאָ פֿיל ניאוף, ביז עס איז שוין גאָר בײַ זיי געוואָרן ווי אַ היתּר.

האָב איך זיי געזאָגט, אַז דעריבער איז בײַ זיי קאַליע געוואָרן דער טעם און דער ריח און די מראה. וואָרעם דער דאָזיקער מלך אַכזר האָט איבערגעלאָזט בײַ זיי דרײַ כּיתּות קנעכט, וואָס האָבן אַי־

בערגעפירט די מדינה. ווארעם זיי זײַנען אומגעגאַנגען און גערעדט צווישן זיי ניבול־פה. זיי האָבן אַרײַנגעבראַכט ניבול־פה אין דער מדינה אַרײַן. און דורך דעם ניבול־פה איז קאַליע געוואָרן דער טעם, אַז אַלע טעמען האָבן בײַ זיי אַ טעם פֿון נבֿלה.

און אַזוי האָבן זיי אויך אַרײַנגעבראַכט שוחד אין דער מדינה אַרײַן. זײַנען בײַ זיי דורך דעם פֿאַרפֿינצטערט געוואָרן די אויגן און עס איז קאַליע געוואָרן די מראה. ווארעם אַזוי שטייט: כי השוחד יעוור עיני חכמים, שוחד מאַכט בלינד די אויגן.

און אַזוי האָבן זיי אויך אַרײַנגעבראַכט ניאוף אין דער מדינה, און דורך דעם איז קאַליע געוואָרן דער ריח, ווארעם דורך ניאוף ווערט קאַליע דער ריח.

בכן זאָלט איר זען מתקן זײַן די מדינה פֿון די דאָזיקע דרײַ עבֿירות און אויפֿזוכן די לײַט הנ״ל — די קנעכט, וואָס זיי האָבן אַרײַנגעבראַכט די דרײַ עבֿירות, — און פֿאַרטרײַבן זיי, און דעמאָלט, אַז איר וועט מתקן זײַן די דאָזיקע דרײַ עבֿירות, איז לא די, וואָס עס וועלן בײַ אײַך פֿאַרריכט ווערן דער טעם און די מראה און דער ריח, נאָר אַפֿילו דער גערטנער, וואָס איז בײַ אײַך פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, וועט זיך אויך קענען אָפּזוכן.

און זיי האָבן אַזוי געטאָן.

*

זיי האָבן אָנגעהויבן רייניקן די מדינה פֿון די דרײַ עבֿירות און האָבן נאָכגעזוכט נאָך די מענטשן, דהײַנו, נאָך די קנעכט הנ״ל.

זיי פֿלעגן כאַפּן אַ מענטשן און פֿרעגן אים:

— פֿון וואַנען קומסטו אַהער?

ביז זיי האָבן געכאַפּט די אַלע מענטשן פֿון דעם מלך אַכזר.

און זיי האָבן די מענטשן אַרויסגעטריבן און אָפּגערייניקט די מדינה פֿון די עבֿירות.

דערווײַל איז געוואָרן אַ רעש: אפֿשר פֿאַרט איז דער משוגענער, וואָס גייט־אַרום און שרײַט, אַז ער איז דער גערטנער, און יעדער

איינער האַלט אים פֿאַר אַ משוגענעם, און מע וואַרפֿט אים נאָך שטיי־נער און מע טרײַבט אים אַוועק — טאָמער פֿאָרט איז ער טאַקע דער גערטנער?

איז מען געגאַנגען און מע האָט אים געבראַכט פֿאַר זיי, הײַנו, פֿאַר די, וואָס זײַנען געזעסן און האָבן מתקן געווען די מדינה.

און אויך ער, הײַנו, דער בעטלער, דער טויבער, וואָס דערציילט דאָס אַלץ, איז געווען דאָרט.

האָב איך געזאָגט:

— אַוודאי איז ער טאַקע אויף אַן אמת דער גערטנער.

נמצא, אַז דורך מיר איז אויפֿגעריכט געוואָרן די מדינה. קומט דאָך אויס, אַז איך האָב אַ הסכּמה פֿון דער מדינה פֿון עשירות, אַז איך לעב אַ גוט לעבן, ווארעם איך האָב דאָך מתקן געווען די מדינה הנ״ל, כּנ״ל.

און הײַנט שענק איך אײַך במתּנה גמורה מײַן גוט לעבן.

און עס איז דאָרט געוואָרן זייער אַ גרויסע שמחה און אַ גרויסע חדווה און זיי זײַנען זייער פֿריילעך געווען.

און אַזוי זײַנען אַלע בעטלערס דערנאָך געקומען אויף דער חתונה און זיי האָבן זיי געשענקט דרשה־געשאַנק, דאָס דאָזיקע, וואָס זיי האָבן פֿריִער געווונטשן, אַז זיי זאָלן זײַן אַזוי ווי זיי.

דער ערשטער האָט זיי געשענקט לאַנג לעבן און דער צווייטער האָט זיי געשענקט אַ גוט לעבן.

— ג —

דעם דריטן טאָג האָבן זיך חתן־כּלה ווידער דערמאָנט און האָבן געוויינט און געבענקט:

— ווי נעמט מען דאָ דעם דריטן בעטלער, וואָס ער איז געווען אַ כּבֿד־פּה?

דערווײַל קומט ער אַרײַן און זאָגט:

— איך בין דאָ.

און ער איז אויף זיי אַרויפֿגעפֿאַלן און זיי געקושט. און ער האָט זיי אויך געזאָגט כנ״ל:

— פֿריִער האָב איך אײַך געבענטשט, אַז איר זאָלט זײַן אַזוי ווי איך. אָבער הײַנט גיב איך אײַך פֿאַר דרשה־געשאַנק, אַז איר זאָלט זײַן אַזוי ווי איך. און איר מיינט — האָט ער צו זיי ווײַטער געזאָגט — אַז איך בין אַ כּבֿד־פּה. איך בין גאָר קיין כּבֿד־פּה נישט, נאָר די דיבורים פֿון דער וועלט, וואָס זײַנען נישט קיין שבֿחים צום אייבערשטן, האָבן קיין שלימות נישט...

און דעריבער האָט ער אַ פּנים פֿון אַ כּבֿד־פּה, וואָס קען נישט ריידן, ווײַל ער וויל גאָר נישט ריידן קיין שום וואָרט פֿון דער וועלט, וואָס איז נישט קיין לויב צו השם יתברך, וואָרעם די רייד, וואָס זײַנען נישט קיין לויב צו השם יתברך, האָבן קיין שלימות נישט. איבער דעם שטאַמלט ער אין די רייד...

— אין אמתן בין איך טאַקע גאָר קיין כּבֿד־פּה נישט. אַדרבה, איך בין גאָר אַ מליץ און אַ דברן נפֿלא, דהײַנו, אַ ריידער זייער אַ ווילער, וואָס עס איז אַ ווילדער חידוש, וואָס אַז איך הייב־אָן צו ריידן מײַנע לידער מיט מײַנע חידות, איז גאָר נישט פֿאַראַן קיין איין באַשעפֿעניש אויף דער וועלט, וואָס זאָל נישט וועלן הערן. און אין די דאָזיקע חידות און שירים, וואָס איך ווייס, זײַנען דאָ די כּל החכמות: איך האָב הסכּמה דערויף פֿון דעם גרויסן מאַן, וואָס ער הייסט דער אמתער איש חסד.

און עס איז דאָ דערויף אַ גאַנצע מעשׂה. וואָרעם איין מאָל זײַנען געזעסן די אַלע חכמים, און איטלעכער האָט זיך באַרימט מיט זײַן חכמה.

איינער האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט אַרויסגעבראַכט מיט זײַן חכמה אײַזן אויף דער וועלט, דהײַנו, דאָס וואָס מע זאָל קענען מאַכן אײַזן פֿון דער ערד — דאָס האָט ער אַרויסגעבראַכט אויף דער וועלט. און דער האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט אַרויסגעבראַכט אַן אַנדער אײַזנוואַרג, צין אָדער בלײַ. און נאָך איינער האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט אַרויסגעבראַכט מיט זײַן חכמה זילבער, וואָס איז מער חשובֿ.

און נאָך אַן אַנדערער האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט אַרויסגעבראַכט מע זאָל קענען מאַכן גאָלד. איינער האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט אַרויסגעבראַכט כּלי־מלחמה, דהײַנו, די כּלים וואָס מע האַלט מיט זיי מלחמה, דהײַנו, ביקסן און האַרמאַטן. און אַן אַנדערער האָט זיך באַרימט, אַז ער קען מאַכן אָט די אַלע מעטאַלן נישט פֿון די זאַכן, וואָס מע מאַכט פֿון זיי די דאָזיקע מעטאַלן. און דער האָט זיך באַרימט מיט אַנדערע חכמות, וואָרעם עס זײַנען פֿאַראַנען כּמה זאַכן, וואָס מע האָט אַרויסגעבראַכט אויף דער וועלט דורך די חכמות, ווי סאַליטרע און פּולווער און כּדומה.

אָט אַזוי האָט זיך יעדער איינער פֿון זיי באַרימט מיט זײַן חכמה.

האָט זיך דאָרט איינער אָנגערופֿן און געזאָגט:

— איך בין קליגער פֿון אײַך, וואָרעם איך בין קלוג ווי דער טאָג.

און זיי האָבן נישט פֿאַרשטאַנען דאָרט, וואָס ער זאָגט, אַז ער איז קלוג ווי דער טאָג.

און ער האָט געזאָגט צו זיי, אַז אַלע זייערע חכמות קען מען זיי צונויפֿנעמען, וועט פֿון זיי מער נישט זײַן, נאָר איין שעה. וואָרעם כאָטש איטלעכע חכמה איז גענומען געוואָרן פֿון אַן אַנדער טאָג, וועדליג די בריאה, וואָס עס איז געווען אין יענעם טאָג — וואָרעם די דאָזיקע אַלע חכמות הנ״ל זײַנען הרכּבֿות[8], דהײַנו, מע מישט־צונויף עטלעכע זאַכן אין איינעם, ווערט געמאַכט דערפֿון די זאַך. דעריבער ווערט די חכמה גענומען פֿון דעם טאָג, וואָס אין אים איז געווען יענע בריאה, וואָס פֿון איר איז די הרכּבֿה — פֿון דעסט וועגן קען מען מיט חכמה צונויפֿנעמען די דאָזיקע אַלע חכמות, וועט פֿון זיי מער נישט זײַן ווי איין שעה. אָבער איך בין קלוג ווי אַ גאַנצער טאָג.

אָט אַזוי האָט זיך אַלץ באַרימט דער אונטערשטער חכם הנ״ל. האָב איך זיך אָנגערופֿן:

---

[8] צוזאַמענשטעלונגען, צוזאַמענבינדונגען.

— ווי וועלכער טאָג ביסטו קלוג?
האָט דער דאָזיקער חכם הנ״ל געזאָגט:
— אָט דער איז קליגער פֿון מיר, ווײַל ער פֿרעגט „ווי וועלכער טאָג?״, אָבער ווי וועלכער טאָג איר ווילט בין איך קלוג.

און איצט איז די קשיא, פֿאַר וואָס איז דער וואָס פֿרעגט „ווי וועלכער טאָג?״ קליגער פֿון דעם חכם? דער חכם איז דאָך קלוג ווי וועלכער טאָג ער וויל.

נאָר עס איז פֿאַראַן דערויף אַ גאַנצע מעשה. וואָרעם דער דאָזיקער אמתער איש חסד איז זייער אַ גרויסער מאַן.

און איך — היינו, דער דאָזיקער כּבֿד־פּה, וואָס דערציילט דאָס אַלץ — גיי־אום און נעם־צונויף די אַלע אמתע חסדים און ברענג זיי צום דאָזיקן איש חסד. און דער עיקר, ווי אַזוי עס ווערט די צײַט, וואָרעם די צײַט אַליין, דהײַנו, אַז עס זאָל זײַן יאָר און טאָג אויף דער וועלט, איז דאָך אַ נבֿרא, איז נאָר דורך אמתע חסדים. גיי איך אום און נעם־צונויף אַלע אמתע חסדים און ברענג זיי דעם אמתן איש חסד.

און עס איז פֿאַראַנען אַ באַרג.
און אויף דעם באַרג שטייט אַ שטיין.
און פֿון דעם שטיין גייט־אַרויס אַ קוואַל.
און איטלעכע זאַך האָט אַ האַרץ.
און די וועלט אין גאַנצן האָט אויך אַ האַרץ.

און דאָס האַרץ פֿון דער וועלט איז אַ קומה שלימה [9], מיט אַ פּנים, הענט און פֿיס. נישט מער דער נאָגל פֿון דעם פֿוס פֿון דעם האַרץ פֿון דער וועלט איז האַרציקער אידער אַן אַנדערנס האַרץ.

און דער באַרג מיט דעם קוואַל שטייט אין איין עק פֿון דער וועלט.

און דאָס האַרץ פֿון דער וועלט שטייט אין דעם אַנדערן עק פֿון דער וועלט.

[9] אַ פולשטענדיקע, פאַרענדיקטע, פערפעקטע מענטשלעכע פיגור.

און דאָס האַרץ שטייט אַנטקעגן דעם קוואַל און גלוסט און בענקט תּמיד זייער, אַז עס זאָל קומען צו דעם קוואַל.

און דאָס בענקען און דאָס גלוסטן פֿון דעם האַרץ צו דעם קוואַל איז גאָר ווילד. עס שרײַט תּמיד פֿאַר גרויס בענקשאַפֿט, עס זאָל צו־קומען צום קוואַל.

און אויך דער דאָזיקער קוואַל בענקט און גלוסט צום האַרץ.

און דאָס האַרץ האָט צוויי שלאַפֿקייטן.

איין שלאַפֿקייט: וואָרעם די זון יאָגט זיך זייער נאָך דעם און ברענט עס, ווײַל עס בענקט אַלץ און וויל קומען צום קוואַל.

און דאָס אַנדערע שלאַפֿקייט האָט דאָס האַרץ מחמת דעם בענקען און דעם גלוסטן, וואָס עס בענקט און גלוסט תּמיד ממש מיט כּלות הנפֿש צום קוואַל. וואָרעם עס שטייט שטענדיק אַנטקעגן דעם קוואַל הנ״ל און שרײַט נאַ גוואַלד [10], און בענקט אַלץ זייער צו דעם קוואַל, כּנ״ל.

נאָר אַז דאָס האַרץ באַדאַרף זיך אַ ביסל אָפּרוען, עס זאָל זיך קענען אָפּסאָפּען [11] אַ ביסל, דעמאָלט קומט אַ גרויסער פֿויגל און פֿאַרשפּרייט די פֿליגל אויף אים און פֿאַרשטעלט אים פֿון דער זון.

דעמאָלט רוט זיך דאָס האַרץ אָפּ אַ ביסל.

און אַפֿילו דעמאָלט, בשעתן רוען, קוקט עס אויך אַקעגן דעם קוואַל און בענקט אַלץ צו אים.

נאָר פֿאַר וואָס זשע גייט נישט דאָס האַרץ צום קוואַל, ווי באַלד עס בענקט יאָ אַזוי שטאַרק צו אים? ווײַל ווען דאָס האַרץ שטייט אַנט־קעגן דעם באַרג, זעט עס אַרויס דעם שפּיץ פֿון דער משופּעקייט פֿון באַרג, וואָס דאָרטן איז דער קוואַל. אָבער תּיכּף, ווי באַלד עס וויל צוגיין צום באַרג, זעט עס שוין נישט דעם שפּיץ און קען נישט קוקן אויף דעם קוואַל.

וואָרעם אַזוי איז זיך דער שטייגער בײַ אַ הויכן באַרג. פֿון ווײַטן,

[10] כּדי אויפצורודערן, צוזאַמענברענגען מענטשן צו ראַטעווען. — [11] אָפּ־עטעמען.

אַז מע שטייט, זעט מען אַרויס דעם שפּיץ, און אַז מע גייט־צו נאָענט, זעט מען שוין נישט אַרויס דעם שפּיץ.

און אַז דאָס האַרץ וועט נישט קוקן אויף דעם קוואַל, וועט דעם, חס ושלום, די נשמה אויסגיין.

וואָרעם גאָר זײַן חיות איז פֿון דעם קוואַל.

און אַז דאָס האַרץ זאָל חס ושלום אויסגיין, וואָלט גאָר די וועלט חרובֿ געוואָרן.

וואָרעם דאָס האַרץ האָט אין זיך דאָס חיות פֿון איטלעכער זאַך, און ווי קען די וועלט אַ קיום האָבן אָן דעם האַרץ?

און דעריבער קען דאָס האַרץ נישט גיין צום קוואַל, נאָר עס שטייט אַנטקעגן אים און בענקט און שרײַט, כּנ״ל.

און דער קוואַל האָט קיין שום צײַט נישט. וואָרעם ער לעבט נישט אין צײַט. ער איז גאָר העכער פֿון דער צײַט פֿון דער וועלט. נאָר ווי אַזוי זשע קען דער קוואַל זײַן אין דער וועלט. וואָרעם אין דער וועלט קען דאָך קיין זאַך נישט זײַן אָן אַ צײַט.

נאָר די צײַט פֿון דעם קוואַל איז נאָר וואָס דאָס האַרץ שענקט אים אַ טאָג במתּנה.

און אַז עס קומט די צײַט פֿון דעם טאָג, ער זאָל זיך שוין ענדיקן און פֿאַרשווינדן, און ווי דער טאָג וועט אַוועקגיין, וועט זיך שוין דער קוואַל קיין צײַט נישט האָבן; וועט דער קוואַל אַוועקגיין פֿון דער וועלט. און אַז דער קוואַל וועט נישט זײַן, וועט זיך דאָס האַרץ אויך אויסגיין, חס ושלום, כּנ״ל — וועט דעמאָלט בטל ווערן, חס ושלום, גאָר די וועלט, כּנ״ל: הייבן זיי זיך אָן געזעגענען איינער מיט דעם אַנדערן, דאָס האַרץ מיט דעם קוואַל, און זיי הייבן־אָן זאָגן חידות און שירים און לידער איינער צום אַנדערן, זייער ווילע חידות און לידער, מיט גרויס ליבשאַפֿט און מיט גרויס בענקשאַפֿט.

און דער דאָזיקער אמתער איש חסד האָט דערויף השגחה.

און ווי עס קומט דער טאָג שוין ממש צום סוף זײַנעם, ער זאָל זיך שוין אין גאַנצן אויסלאָזן, דעמאָלט קומט־אָן דער אמתער איש חסד און שענקט במתּנה אַ טאָג דעם האַרץ.

און דאָס האַרץ שענקט־אַוועק דעם טאָג דעם קוואַל.

און אַזוי האָט שוין דער קוואַל ווידער צײַט.

און אַז דער טאָג קומט־אָן פֿון דעם אָרט, וואָס ער קומט פֿון דאָרט, גייט ער אויך מיט חידות און מיט ווונדערלעכע שירים, וואָס אַלע חכמות זײַנען אין זיי דאָ.

און עס איז דאָ אַ חילוק צווישן די טעג.

וואָרעם עס איז פֿאַראַן אַ טאָג פֿון זונטיק און אַ טאָג פֿון מאָנטיק און אַזוי ווײַטער אין די טעג פֿון דער וואָך. און אָט אַזוי זײַנען אויך פֿאַראַן טעג פֿון ראש־חודש און יום־טובֿ.

און ווענדליק וואָס פֿאַר אַ טאָג דאָס איז, מיט אַזעלכע שירים קומט ער אָן.

און גאָר די צײַט, וואָס דער אמתער איש חסד האָט, איז אַלץ דורך מיר, הײַנו, דורך דעם כּבֿד־פּה, וואָס דערציילט דאָס אַלץ.

וואָרעם איך גיי און נעם־צונויף אַלע אמתע חסדים, וואָס פֿון זיי ווערט די צײַט, כּנ״ל.

און איבער דעם איז דער כּבֿד־פּה קליגער אַפֿילו פֿון דעם חכם, וואָס האָט זיך באַרימט: „ער איז קלוג ווי וועלכער טאָג מע וויל״. וואָרעם גאָר די צײַט מיט די טעג ווערן דאָך נאָר דורך אים. הײַנו, דורך דעם כּבֿד־פּה, וואָס ער נעמט־צונויף די אמתע חסדים, וואָס פֿון דאָרטן איז די צײַט, און ברענגט זיי צום אמתן איש חסד, און ער גיט אַ טאָג צום האַרץ, און דאָס האַרץ גיט צום קוואַל, וואָס דורך דעם קען די גאַנצע וועלט האָבן אַ קיום. איז דאָך נמצא, אַז דער עיקר ווערן פֿון דער צײַט, מיט די חידות, מיט די שירים, וואָס די אַלע חכמות זײַנען דאָ אין זיי, איז אַלץ דורך דעם כּבֿד־פּה.

נמצא, האָב איך אַ הסכּמה פֿון דעם אמתן איש חסד, אַז איך קען זאָגן חידות און שירים, וואָס אין זיי זײַנען דאָ אַלע חכמות — וואָרעם נאָר די צײַט מיט די חידות און שירים זײַנען דאָך געוואָרן דורך אים, כּנ״ל — און אַצינד שענק איך אײַך במתּנה גמורה דרשה־געשאַנק, אַז איר זאָלט זײַן אַזוי ווי איך.

איז דאָרטן געוואָרן זייער אַ גרויסע שׂמחה און זיי האָבן אַ הוליע געטאָן.

*

אַז זיי האָבן גומר געווען די שׂמחה פֿון דעם טאָג און זיי האָבן דאָרט דערנאָך איבערגענעכטיקט, האָבן זיי זיך אין דער פֿרי ווידער דערמאָנט און האָבן געבענקט נאָך דעם בעטלער, וואָס האָט געהאַט אַ קרומען האַלדז.

דערווײַל קומט ער אַרײַן און זאָגט:

— איך בין דאָ. פֿריִער האָב איך אײַך געבענטשט, איר זאָלט זײַן אַזוי ווי איך. הײַנט שענק איך אײַך דרשה־געשאַנק, איר זאָלט זײַן אַזוי ווי איך. און איר מיינט, אַז איך האָב אַ קרומען האַלדז. מײַן האַלדז איז גאָר נישט קרום. אַדרבה, איך האָב זייער אַ גלײַכן האַלדז, זייער אַ שיינעם האַלדז. נאָר וואָס דען? די נאַרישקייטן פֿון דער וועלט זײַנען זייער פֿיל, און איך וויל קיין שום דוך [12] אין דער וועלט נישט אַרײַנלאָזן.

צום אמת אָבער האָב איך טאַקע זייער אַ שיינעם האַלדז, זייער אַ ווילן האַלדז. וואָרעם איך האָב זייער אַ וויל קול, און די אַלע מיני קולות פֿון דער וועלט, איטלעך קול, וואָס איז נאָר אַ קול אָן אַ דיבור, די אַלע קולות קען איך נאָכמאַכן מיט מײַן קול. וואָרעם איך האָב אַ וואונדערלעכן האַלדז און אַ וואונדערלעך קול. און איך האָב אַ הסכּמה דערויף פֿון יענער מדינה.

וואָרעם עס איז פֿאַראַן אַ מדינה, וווּ זיי קענען אַלע זייער וויל די חכמה פֿון מוזיקאַ, דהײַנו, די חכמה פֿון שפּילן און זינגען. און אַלע זײַנען עוסק דאָרט אין דער חכמה. און אַפֿילו קליינע קינדער. עס איז דאָרט נישטאָ אַ קינד, וואָס זאָל נישט קענען שפּילן אויף עפּעס אַ כּלי־שיר.

און דער קלענסטער פֿון דער מדינה איז דער גרעסטער חכם אין

[12] (שפּור) אָטעם.

אַן אַנדער מדינה אין דער חכמה פֿון מוזיקאַ. און די חכמים און דער מלך, וואָס אין יענער מדינה, און די קאַפּעליעס זײַנען זייער ווילד־גרויסע חכמים אין דער דאָזיקער חכמה.

און איין מאָל זײַנען געזעסן די חכמים פֿון דער מדינה, און איט־לעכער האָט זיך באַרימט מיט זײַן חכמה אין מוזיקאַ. דער האָט זיך באַרימט, אַז ער קען שפּילן אויף דעם כּלי־שיר. און נאָך אַן אַנדערער האָט זיך באַרימט, אַז ער קען שפּילן אויף גאָר אַן אַנדער כּלי־שיר. און איינער האָט זיך באַרימט, אַז ער קען שפּילן אויף עטלעכע כּלי־שיר. דער האָט זיך באַרימט, אַז ער קען מאַכן מיט זײַן קול אַזאַ כּלי־שיר. און דער האָט זיך באַרימט, אַז ער קען מאַכן מיט קול ווי אַן אַנדער כּלי־שיר. און נאָך אַן אַנדערער האָט זיך באַרימט, אַז ער קען מאַכן מיט זײַן קול ווי עטלעכע כּלי־שיר. און נאָך אַן אַנדערער האָט זיך באַרימט, אַז ער קען מאַכן מיט זײַן קול פּונקט ווי אַ פּויק, גלײַך ווי מע וואָלט געפּויקט. און נאָך איינער האָט זיך באַרימט, אַז ער קען מאַכן מיט זײַן קול, ווי מע שיסט פֿון האַרמאַטן.

און איך בין דאָרט אויך געווען, דהײַנו, דער קרומער האַלדז וואָס דערציילט דאָס אַלץ.

האָב איך מיך אָנגערופֿן און געזאָגט צו זיי:

— מײַן קול איז בעסער פֿון אײַערע קולות.

והאָ ראַיה:

אויב איר זײַט יאָ אַזוינע גרויסע חכמים אין חכמת המוזיקאַ, העלפֿט זשע יענע צוויי מדינות. וואָרעם עס זײַנען פֿאַראַן צוויי מדי־נות. און די צוויי מדינות זײַנען ווײַט איינע פֿון די אַנדערע טויזנט מײַל. און דאָרט, אין די צוויי מדינות, אַז עס קומט די נאַכט, קען מען נישט שלאָפֿן. וואָרעם אַז עס ווערט נאַכט, אַזוי הייבן זיי אַלע אָן צו קלאָגן מיט אַ קול יללה, מאַנען, ווײַבער און קינדער. עס זאָל ליגן דאָרט אַ שטיין, וואָלט ער צעגאָסן געוואָרן. וואָרעם בײַ נאַכט הערט מען דאָרט אַ גרויס קול יללה, און מחמת דעם מוזן אַלע דאָרט אָנ־הייבן צו קלאָגן. איז בכן, אויב איר זײַט יאָ אַזוינע חכמים אין מוזי־

קאָ, לאָמיר זען, אויב איר וועט קענען העלפֿן די דאָזיקע צוויי מדינות, אָדער מאַכט כאָטש נאָך דאָס קול יללה, וואָס מע הערט דאָרט.

און זיי האָבן געזאָגט צו אים, הײַנו, די חכמים הנ״ל, האָבן געזאָגט צום קרומען האָלדז:

— ווּעסטו אונדז אַהין פֿירן?

האָט ער געזאָגט:

— יאָ, איך פֿיר אײַך אַהין.

און זיי האָבן אַלע מסכּים געווען צו גיין אַהין.

און זיי זײַנען געגאַנגען און געקומען אַהין, הײַנו, צו איין מדינה פֿון די צוויי מדינות הנ״ל.

און אַז זיי זײַנען אָנגעקומען אַהין, איז ווען ס׳איז אָנגעקומען די נאַכט, איז געוואָרן דאָרט ווי תּמיד, הײַנו, זיי האָבן אַלע אָנגעהויבן צו קלאָגן, כּנ״ל. און די חכמים הנ״ל האָבן אויך געקלאָגט. און ממילא האָבן זיי שוין געזען, אַז זיי קענען נישט העלפֿן די דאָזיקע מדינות.

און ער — הײַנו, דער וואָס האָט געהאַט אַ קרומען האַלדז — האָט געזאָגט צו די חכמים הנ״ל:

— על כּל פּנים זאָגט מיר, פֿון וואַנען קומט דאָס דאָזיקע קול יללה, וואָס מע הערט דאָרט? פֿון וואַנען איז דאָס קול?

האָבן זיי צו אים געזאָגט:

— און דו ווייסט?

האָט ער געזאָגט, דהײַנו, דער וואָס האָט געהאַט אַ קרומען האַלדז, האָט געזאָגט צו די חכמים הנ״ל:

— אַוודאי ווייס איך.

וואָרעם עס זײַנען פֿאַראַן צוויי פֿייגל. איינער איז אַן ער, און איינע איז אַ זי.

און די פֿייגל זײַנען דאָ נאָר איין פּאָר אויף דער וועלט.

און די זי איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן.

און ער גייט־אַרום און זוכט זי.

און זי זוכט אים.

און זיי האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע זייער לאַנג געזוכט, ביז זיי

זײַנען צעחושט געוואָרן און געזען, אַז זיי קענען זיך שוין נישט געפֿינען איינס דאָס אַנדערע.

זײַנען זיי געבליבן שטיין און זיך געמאַכט נעסטן.

דער האָט געמאַכט אַ נעסט נעבן איין מדינה פֿון די צוויי מדינות הנ״ל. און נישט רעכט נאָענט, נאָר ווערליק דעם קול פֿון דעם פֿויגל הייסט עס נאָענט. וואָרעם פֿון דעם אָרט, ווו ער האָט זיך געמאַכט אַ נעסט, קען מען שוין פֿון דאָרט הערן זײַן קול אין דער מדינה.

און אַזוי האָט זי זיך אויך געמאַכט אַ נעסט נעבן דער צווייטער מדינה, הײַנו, אויך כּנ״ל, נישט רעכט נאָענט, נאָר פֿון דאָרט קען מען שוין הערן איר קול דאָרט, כּנ״ל.

און אַז עס קומט די נאַכט, אַזוי הייבן־אָן די פּאָר פֿייגל צו קלאָגן מיט אַ זייער גרויס קול יללה. וואָרעם זיי קלאָגן בײדע אויף דעם זיווג זייערן, כּנ״ל. ער קלאָגט אויף איר און זי קלאָגט אויף אים, כּנ״ל. און דאָס איז דאָס קול יללה, וואָס מע הערט אין די צוויי מדינות. נישט מער, מחמת דעם קול מוזן זיי אַלע קלאָגן דאָרטן און זיי קענען נישט שלאָפֿן. אַזוי האָט דער קרומער האַלדז זיי דערציילט. אָבער זיי האָבן אים דאָס נישט געוואָלט גלייבן און זיי האָבן געזאָגט צו אים:

— ווּעסטו אונדז אַהין פֿירן?

— יאָ, — האָט ער געזאָגט — איך קען אײַך פֿירן. נישט מער, ווי קענט איר קומען אַהין? מה־דאָך דאָ קענט איר נישט אויסשטיין דאָס קול יללה און איר מוזט אַלע קלאָגן, איז אַז איר וועט קומען אַהין, וועט איר דאָך אַוודאי דאָס קול נישט קענען אַריבערטראָגן.

און בײַ טאָג קען מען נישט קומען אַהין. וואָרעם בײַ טאָג קען מען דאָרט די שׂמחה נישט אויסשטיין.

וואָרעם בײַ טאָג קומען זיך דאָרט צונויף פֿייגל צו איטלעכן באַזונדער, דהײַנו, צו אים און צו איר, און זיי טרייסטן זיי און זיי זײַנען משׂמח יעדן איינעם פֿון דעם זיווג הנ״ל מיט זייער גרויסע שׂמחות. זיי זאָגן זיי טרייסטרייד, אַז „עס איז נאָך מעגלעך, איר זאָלט געפֿינען איינע די אַנדערע״, און זיי מאַכן זיי זייער פֿריילעך.

און דעריבער איז בײַ טאָג גאָר נישט מעגלעך איבערצוטראָגן די גרויסע שׂמחה, וואָס דאָרטן איז דאָ.

און דאָס קול פֿון די פֿייגלען, וואָס זײַנען זיי משׂמח, הערט מען נישט ווײַט; מע הערט עס נאָר, ווען מע קומט אַהין. אָבער דאָס קול יללה פֿון דעם זיווג, דאָס הערט מען ווײַט.

— דעריבער קענט איר אַהין נישט קומען.

האָבן זיי צו אים געזאָגט, הײַנו, די חכמים הנ״ל, האָבן געזאָגט צום קרומען האַלדז:

— קענסטו דאָס פֿאַרריכטן?

האָט ער געענטפֿערט:

— יאָ, איך קען דאָס פֿאַרריכטן, וואָרעם איך קען נאָכמאַכן אַלע קולות פֿון דער וועלט. און ווידער קען איך אויך וואַרפֿן קולות, הײַנו, איך קען אַריבערוואַרפֿן אַ קול. אַז דאָ, ווו איך וואַרף־אַרויס דאָס קול, זאָל דאָס גאָר נישט געהערט ווערן, נאָר ווײַט זאָל מען דאָרט דאָס קול יאָ הערן. און דעריבער קען איך אַריבערוואַרפֿן דאָס קול פֿון די פֿייגל, דהײַנו, איך קען וואַרפֿן דאָס קול פֿון איר צו אים, דהײַנו, דאָס קול, וואָס איך וועל איר נאָכמאַכן, זאָל קומען נאָענט צו דעם אָרט, ווו ער איז. און אָט אַזוי קען איך אויך וואַרפֿן זײַן קול, אַז עס זאָל אָנקומען נאָענט צו איר, און דורך דעם וועל איך זיי צונויפֿברענגען און עס וועט דורך דעם אַלץ הנ״ל פֿאַרריכט ווערן.

נאָר ווער וועט דאָס אים גלייבן?

און ער האָט זיי געפֿירט אין אַ וואַלד אַרײַן.

האָבן זיי געהערט אַזוי ווי איינער עפֿנט־אויף אַ טיר און פֿאַרמאַכט זי ווידער און טוט אַ קלאַפּ מיט דער קליאַמקע, און שיסט־אויס מיט אַ ביקס, און שיקט נאָך דעם הונט, ער זאָל כאַפּן דאָס, וואָס ער האָט אויסגעשאָסן. און דער הונט איז געלאָפֿן און געגריזשעט[13] אין שניי.

[13] געשפּרונגען זינקענדיק.

און די דאָזיקע חכמים האָבן דאָס אַלץ געהערט און זיי האָבן זיך אומגעקוקט. האָבן זיי נישט געזען קיין שום זאַך פֿון אים, און האָבן אויך נישט געהערט קיין שום קול; נאָר ער, דער קרומער האַלדז, האָט געוואָרפֿן אַזוינע קולות. האָבן זיי דאָך שוין געזען, אַז ער קען נאָכמאַכן אַלערליי קולות און ער קען וואַרפֿן קולות.

נמצא, אַז איך האָב אַ הסכּמה פֿון יענער מדינה, אַז איך האָב זייער אַ ווויל קול און איך קען נאָכמאַכן אַלע קולות פֿון דער וועלט, כּנ״ל, און הײַנט שענק איך אײַך דאָס במתּנה גמורה דרשה־געשאַנק, אַז איר זאָלט זײַן אַזוי ווי איך.

איז דאָרט געוואָרן אַ גרויסע שׂמחה.

— ז —

דעם פֿינפֿטן טאָג האָבן זיי זיך אויך משׂמח געווען.

האָט זיך דער זיווג דערמאָנט אין דעם בעטלער, וואָס איז געווען אַ הויקער.

און זיי האָבן זייער געבענקט: — ווי נעמט מען אַהער אָט דעם בעטלער? וואָרעם אַז ער זאָל זײַן דאָ, וואָלט מען זייער פֿריילעך געווען, וואָלט די שׂמחה גאָר זייער גרויס געווען!

אין דעם קומט ער אָן און זאָגט:

— אָט בין איך דאָ. איך בין געקומען צו אײַך אויף דער חתונה.

און ער איז אַרויפֿגעפֿאַלן אויף זיי און האָט זיי געהאַלדזט און געקושט און געזאָגט צו זיי:

— פֿריִער האָב איך אײַך געבענטשט, אַז איר זאָלט זײַן אַזוי ווי איך. הײַנט שענק איך אײַך דרשה־געשאַנק, איר זאָלט זײַן אַזוי ווי איך. און איך בין גאָר קיין הויקער נישט. אַדרבה, איך האָב אַזוינע פּלייצעס, וואָס זיי זײַנען אַ מועט המחזיק את המרובה[14]. און איך האָב דערויף אַ הסכּמה. וואָרעם איין מאָל איז געווען אַ שמועס, וואָס מענטשן האָבן זיך באַרימט מיט דער דאָזיקער בחינה[15]. וואָרעם יעדער

[14] (אַ תּלמודישער זאָג) אַ ביסל וואָס אַנטהאַלט אַ סך. — [15] אַ זאַך, וואָס דינט פֿאַר אַ פּרווו.

אײנער האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט די דאָזיקע בחינה פֿון מועט מחזיק מרובה, כּלומר, אַ קלײן אָרט זאָל האַלטן פֿיל.

און פֿון אײנעם פֿון זײ האָט מען געלאַכט. און די איבעריקע, וואָס האָבן זיך באַרימט מיט דער דאָזיקער בחינה פֿון מועט מחזיק מרובה, זײַנען זײערע רײד יאָ נתקבל געוואָרן. אָבער די בחינה פֿון מועט מחזיק מרובה, וואָס איך האָב, איז גרעסער פֿון זײ אַלע.

וואָרעם אײנער פֿון די הנ״ל האָט זיך באַרימט, אַז דער מוח זײַנער איז מועט המחזיק את המרובה, וואָרעם ער טראָגט אויף זײַן מוח אלפֿים ורבבֿות מענטשן מיט גאָר זײער הצטרכות, מיט אַלע זײערע הנהגות, מיט גאָר זײערע העוויות און תּנועות. אָט דאָס אַלץ טראָגט ער הכּל באַשר לכּל אויף זײַן מוח. דעריבער איז ער אַ מועט המחזיק את המרובה. וואָרעם אַ שטיקל מוח זאָל אויף זיך טראָגן אַזוי פֿיל מענטשן מיט גאָר זײערע זאַכן, כּנ״ל.

און זײ האָבן געלאַכט פֿון אים און האָבן זיך דאָרט אָנגערופֿן:

— דו ביסט גאָר נישט און דײַנע לײַט זײַנען גאָר נישט.

האָט זיך אָנגערופֿן אײנער און געזאָגט:

— איך האָב געזען אַזאַ מועט מחזיק את המרובה. וואָרעם אײן מאָל האָב איך געזען אַ באַרג, וואָס איז אויף אים געלעגן אַ סך מיסט און טינוף. איז דאָס בײַ מיר געווען אַ חידוש: פֿון וואַנען קומט אויף דעם באַרג אַזוי פֿיל מיסט און טינוף? איז דאָרט געווען אַ מענטש נעבן דעם באַרג. האָט ער מיר געזאָגט: „דאָס איז אַלץ פֿון מיר". וואָרעם ער איז דאָרט געזעסן נעבן באַרג, האָט ער אַלץ געוואָרפֿן אויף דעם באַרג, מיסט און פּאַסקודסטווע פֿון זײַן עסן און טרינקען. איז דאָס פֿון אים געוואָרן אַזוי פֿיל מיסט און טינוף אויף יענעם באַרג. נמצא, איז דאָך דער מענטש אַ מועט מחזיק את המרובה. וואָרעם פֿון אײן מענטשן זאָל אַזוי פֿיל מיסט זײַן. אָט אַזוי איז דאָס אויך.

נאָך אײנער האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט די זאַך פֿון מועט מחזיק את המרובה. וואָרעם ער האָט אַ שטיקל מדינה, וואָס גיט־אַרויס זײער אַ סך פּירות. דערנאָך באַרעכנט מען די פּירות, וואָס דאָס שטיקל מדינה גיט־אַרויס, זעט מען, אַז דאָס שטיקל מדינה

האַלט גאָר נישט אַזוי פֿיל אָרט, וויפֿל די פּירות דאַרפֿן פֿאַרנעמען. נמצא, איז זיך דאָס אַ מועט מחזיק את המרובה.

און זײַנע רײד זײַנען געפֿעלן געוואָרן, אַז דאָס איז אַוודאי אַ מועט מחזיק את המרובה.

און אײנער האָט געזאָגט: באַשר ער האָט אַ פּרדס, דהײַנו, אַ גאָרטן, זײער אַ ווילן גאָרטן, וואָס פּירות זײַנען דאָרט דאָ. פֿאָרן אַהין זײער פֿיל מענטשן. וואָרעם ער איז זײער אַ שײנער גאָרטן. און אַז עס קומט זומער, פֿאָרן אַהין זײער פֿיל מענטשן און שׂררות צו שפּאַצירן דאָרטן. און צום אמת איז דאָרט אין דעם גאָרטן גאָר נישט פֿאַראַנען אַזוי פֿיל אָרט, אַז ער זאָל קענען אַרײַננעמען אַזוי פֿיל מענטשן. דעריבער איז עס אַ מועט מחזיק את המרובה.

און זײַנע רײד זײַנען אויך געפֿעלן געוואָרן.

און אײנער האָט געזאָגט, אַז זײַן דיבור איז אין דער בחינה פֿון מועט מחזיק את המרובה. וואָרעם ער איז אַ בעל־סוד, אַ סעקרעטאַר, הײסט עס, בײַ אַ גרויסן מלך. און צום מלך קומען כּמה וכמה מענטשן. דער קומט מיט שבֿחים צום מלך און דער קומט מיט בקשות וכדומה, און דער מלך קען דאָך אַוודאי זײ נישט אויסהערן אַלע. נעם איך צונויף אַלע זײערע רײד אין עטלעכע ווערטער, און איך זאָג די דאָזיקע עטלעכע דיבורים פֿאַר דעם מלך. און אָט אַזוי ווערן נכלל[16] אַלע זײערע שבֿחים און אַלע זײערע בקשות אין די עטלעכע ווערטער, וואָס איך זאָג פֿאַר דעם מלך. נמצא, אַז מײַן דיבור איז אין דער בחינה פֿון מועט מחזיק את המרובה.

און אײנער האָט געזאָגט, אַז זײַן שווײַגן איז אין דער בחינה פֿון מועט מחזיק את המרובה. וואָרעם ער האָט אויף זיך אַ סך מקטרגים און בעלי לשון־הרע, וואָס זײַנען אויף אים מלשין זײער פֿיל. און אַלץ, וואָס מע רעדט אויף אים און מע איז אויף אים מלשין און מקטרג אין לשון־הרע, פֿאַרענטפֿערט ער מיט זײַן שווײַגן אַלץ — נאָר

[16] אַרײַנגענומען אַלע צוזאַמען.

מיט דעם אַליין וואָס ער שווײַגט. נמצא, אַז זײַן שתיקה איז אַ מועט מחזיק את המרובה.

און איינער האָט געזאָגט, אַז ער איז אין דער בחינה פֿון מועט מחזיק את המרובה. וואָרעם עס איז פֿאַראַן אַן אָרעמאַן, און דער אָרעמאַן איז אַ סגי נהור [17]. און ער, היינו, דער אָרעמאַן איז זייער אַ גרויסער. און ער, היינו, דער וואָס האָט זיך באַרימט און דאָס דערציילט, איז זייער אַ קליינער — און ער פֿירט דעם אָרעמאַן, וואָס איז זייער גרויס. נמצא, אַז ער איז אַ מועט המחזיק את המרובה. וואָרעם דער סגי נהור וואָלט זיך דאָך געקענט אויסגליטשן און פֿאַלן, און דער האַלט אים דורך דעם, וואָס ער פֿירט אים. דעריבער איז ער אַ מועט מחזיק את המרובה, וואָרעם ער איז אַ קליינער און האַלט דעם גרויסן סגי נהור, כנ"ל.

און איך, היינו, דער הויקער, וואָס דערציילט דאָס אַלץ, בין דאָרט אויך געווען. האָב איך מיך אָנגערופֿן:

— דער אמת איז, אַז איר האָט די בחינה פֿון מועט מחזיק את המרובה, און איך ווייס אַלץ, וואָס איר האָט געמיינט. און דער אונטערשטער, וואָס האָט זיך באַרימט, אַז ער פֿירט דעם גרויסן סגי נהור, איז ער גרעסער פֿון אײַך אַלע. אָבער איך בין גאָר למעלה למעלה פֿון אײַך אַלע, וואָרעם דער, וואָס האָט זיך באַרימט, אַז ער פֿירט דעם גרויסן סגי נהור, איז זײַן כוונה, אַז ער פֿירט דעם גלגל הירח, דהיינו, דעם הימל, וואָס די לבֿנה איז דאָרט. וואָרעם די לבֿנה איז אין דער בחינה פֿון אַ סגי נהור, ווײַל זי האָט נישט קיין אייגן ליכט. און ער, היינו, דער וואָס האָט זיך מיט דעם באַרימט, פֿירט די לבֿנה, כאָטש ער איז אַ קליינער, און דער גלגל הירח איז זייער גרויס, און ער איז דער קיום פֿון דער וועלט. וואָרעם די וועלט באַדאַרף זיך האָבן אַ לבֿנה. נמצא, אַז דער איז אַוודאי אַ רעכטער מועט מחזיק את המרובה. נישט מער, די בחינה פֿון מועט מחזיק את המרובה, וואָס איך האָב, איז העכער פֿון אַלע.

[17] (ברכות נח) אַ סך ליכט (אויף נישט ווי צו טאָן), אַ בלינדער.

והאָ ראיה. וואָרעם אַמאָל איז געווען אַ כּיתּה, וואָס זיי האָבן געקלערט: באַשר איטלעכע חיה האָט איר שאָטן, וואָס נאָר אין דעם שאָטן דווקא וויל זי דאָרט רוען און אַזוי אויך איטלעך עוף האָט זיך זײַן צווײַג, וואָס אויף דעם צווײַג דווקא וויל דאָס עוף רוען און אויף קיין אַנדער צווײַג נישט. איבער דעם האָט די כּיתּה געקלערט, אויב מע קען געפֿינען אַזאַ בוים, וואָס אַלע חיות זאָלן וועלן רוען אין דעם שאָטן פֿון דעם בוים — און אויף די צווײַגן פֿון דעם בוים זאָלן רוען אַלע עופֿות. האָבן זיי אויסגעקלערט, אַז עס געפֿינט זיך אַזאַ בוים. האָבן זיי געוואָלט אַהין גיין צו דעם בוים. וואָרעם דער תּענוג, וואָס איז דאָרט בײַ דעם בוים, דאָס האָט גאָר קיין שיעור נישט. וואָרעם דאָרט זײַנען פֿאַראַן אַלע חיות מיט אַלע עופֿות. און קיין שום חיה איז דאָרט נישט מזיק קיינעם. און די אַלע חיות זײַנען דאָרט אַלע אויסגעמישט. זיי שפּילן זיך דאָרט. און עס איז אַוודאי אַ גרויסער תּענוג צו זײַן דאָרטן בײַ דעם בוים. האָבן זיי אָנגעהויבן צו קלערן, ווי אַרום מע זאָל קומען צו דעם בוים. איז געוואָרן צווישן זיי אַ מחלוקת אין דער זאַך און עס איז צווישן זיי נישט געווען קיין מכריע [18]. וואָרעם דער האָט געזאָגט, אַז מע באַדאַרף גיין קיין מזרח־זײַט. און דער האָט געזאָגט: קיין מערבֿ־זײַט דאַרף מען גיין. דער האָט געזאָגט אַהער און דער האָט געזאָגט אַהער. זיי האָבן נישט געקענט וויסן דעם רעכטן וועג, „ווירימור" [19] מע באַדאַרף צו גיין, אַז מע זאָל קומען צו דעם בוים.

איז געקומען אַ חכם און האָט צו זיי געזאָגט: צו וואָס קלערט איר, דורך וועלכער זײַט מע באַדאַרף צו גיין צו דעם בוים? קלערט פֿריִער, ווער עס זײַנען די מענטשן, וואָס זאָלן קענען קומען צו דעם בוים! וואָרעם צו דעם בוים קען נישט איטלעכער קומען, נאָר דער, וואָס האָט די מידות פֿון דעם בוים.

וואָרעם דער דאָזיקער בוים האָט דרײַ וואָרצלען. איין שורש איז

[18] דער וואָס ווענט־אַריבער. — [19] (לאַקאַליזם) ווי אַזוי אַרום.

אמונה, אַז מע זאָל גלייבן אין גאָט ברוך הוא. און דער אַנדערער שורש איז יראה. און דער דריטער איז עניוות, דהײַנו, מע זאָל פֿון זיך נישט האַלטן. און אמת איז דער גוף פֿון דעם בוים, דהײַנו, דער בוים אַליין איז אמת, און פֿון דאָרטן גייען־אַרויס צווײַגן. און איבער דעם קען קיינער נישט קומען צו דעם בוים, נאָר דער וואָס האָט אין זיך די מידות פֿו דעם בוים, דהײַנו, אמונה, ער זאָל גלייבן אין גאָט, און יראה, ער זאָל מורא האָבן פֿאַר גאָט, און עניוות, ער זאָל פֿון זיך גאָר נישט האַלטן, און אמת.

אַזוי האָט דער חכם געזאָגט צו דער כּיתּה.

און נישט אַלע פֿון דער כּיתּה הנ״ל האָבן אין זיך געהאַט די דאָזיקע מידות, נאָר אַ טייל פֿון זיי האָבן זיי געהאַט. איז אָבער צווישן זיי געווען זייער גרויס אַחדות, דהײַנו, די כּיתּה האָבן זיך זייער ליב געהאַט און זיי האָבן זיך געהאַלטן אין אײנעם. האָבן זיי זיך נישט געוואָלט אָפּטיילן איינער פֿון דעם אַנדערן, אַז אַ טייל, דהײַנו, די וואָס האָבן שוין די מידות פֿון דעם בוים, זאָלן יאָ גיין צום בוים און די איבעריקע זאָלן בלײַבן. זיי האָבן דאָס נישט געוואָלט. וואָרעם זיי האָבן זיך זייער געהאַלטן אין אײנעם. האָבן זיי מסכּים געווען, זיי זאָלן וואַרטן, ביז אַלע זאָלן זיך דערהאָרעווען[20] צו די מידות, כּדי זיי זאָלן אַלע קענען קומען צו דעם בוים.

האָבן זיי אַזוי געטאָן, און זיי האָבן געהאָרעוועט, ביז זיי זײַנען אַלע געקומען צו די מידות הנ״ל, דהײַנו, זיי האָבן שוין אַלע געהאַט אמונה און יראה, כּנ״ל. און ווי זיי זײַנען אַלע געקומען צו די מידות, אַזוי זײַנען אַלע געקומען אויף איין דעה, און זיי האָבן אַלע מסכּים געווען אויף איין וועג, אַז מיט דעם וועג באַדאַרף מען גיין צו דעם בוים הנ״ל.

זײַנען זיי אַלע געגאַנגען.

און אַז זיי זײַנען אָפּגעגאַנגען אַ צײַט, האָבן זיי שוין דערזען פֿון דער ווײַטנס דעם בוים.

---

[20] אַרויפֿאַרבעטן זיך.

דערווײַל טוען זיי אַ קוק, זעען זיי, אַז דער בוים שטייט גאָר אויף קיין אָרט נישט. וואָרעם דער בוים האָט גאָר קיין אָרט נישט. און אַז ער האָט קיין אָרט נישט, ווי אַזוי קען מען גאָר צו אים קומען?

און איך, הײַנו, דער הויקער וואָס דערציילט דאָס אַלץ, בין אויך דאָרט געווען מיט זיי. האָב איך מיך אָנגערופֿן צו זיי: איך קען אײַך יאָ ברענגען צום בוים. וואָרעם דער דאָזיקער בוים האָט גאָר קיין אָרט נישט. ער איז גאָר למעלה מן המקום, כּלומר, ער איז לגמרי העכער פֿון דעם אָרט פֿון דער וועלט — ער האָט גאָר קיין אָרט נישט. און דער ענין פֿון מועט מחזיק את המרובה איז דאָך נאָר אויף דעם אָרט. וואָרעם כאָטש עס איז אַ מועט מחזיק את המרובה, דהײַנו, אַ ביסל אָרט האַלט מער וויפֿל אויף דעם קען זיך שטעלן, פֿון דעסט וועגן פֿאָרט איז דאָס נאָך אויפֿן אָרט. וואָרעם עס פֿאַרנעמט נאָך פֿאָרט עפּעס אַן אָרט. און איך — איז מײַן מיעוט מחזיק את המרובה אין דער בחינה פֿון סוף המקום לגמרי. וואָרעם פֿון דאָרט און העכער איז שוין גאָר קיין אָרט נישט פֿאַראַן, דעריבער קען איך אײַך טראָגן אַלע צו דעם בוים, וואָס ער איז גאָר אין גאַנצן למעלה מן המקום.

און איך האָב זיי גענומען און אַוועקגעטראָגן אַהין צום בוים הנ״ל.

נמצא, אַז איך האָב אַ הסכּמה פֿון הנ״ל, אַז איך האָב די העכסטע בחינה פֿון מועט מחזיק את המרובה — און דעריבער האָט ער אויסגעזען ווי אַ הויקער, וואָרעם ער טראָגט אויף זיך אַ סך, וואָרעם ער איז זיך אַ מועט מחזיק את המרובה.

— און איצט גיב איך אײַך אַוועק דאָס דאָזיקע במתּנה, אַז איר זאָלט זײַן אַזוי ווי איך.

און עס איז דאָרט זייער פֿיל שׂמחה און זייער אַ גרויסע חדווה געוואָרן.

— ה —

אויפֿן זעקסטן טאָג זײַנען זיי אויך געווען פֿריילעך און זיי האָבן געבענקט:

— ווו נעמט מען דאָ דעם דאָזיקן, וואָס איז אָן הענט?

דערווײַל קומט ער אַרײַן און זאָגט:

— אָט בין איך דאָ. איך בין געקומען צו אײַך אויף דער חתונה.

און ער האָט צו זיי אויך געזאָגט ווי יענע. און ער איז אויף זיי אַרויפֿגעפֿאַלן און האָט זיי געקושט און געזאָגט צו זיי:

— איר מיינט, אַז איך בין אַ קאַליקע אויף די הענט. איך בין גאָר קיין קאַליקע נישט אויף די הענט. איך האָב יאָ כּוח אין די הענט, נאָר איך באַניץ מיך נישט מיט דעם כּוח פֿון מײַנע הענט אין דער וועלט. וואָרעם איך באַדאַרף דעם כּוח אויף עפּעס אַנדערש און איך האָב דערויף אַ הסכּמה פֿון דעם וואַסערדיקן שלאָס. וואָרעם אַמאָל זײַנען מיר געזעסן אין איינעם עטלעכע מענטשן. האָט זיך איטלעכער באַרימט מיט זײַן כּוח, וואָס ער האָט אין די הענט. דער האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט אַזאַ גבֿורה אין די הענט. און דער האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט אַזאַ גבֿורה אין די הענט. און אַזוי האָט איטלעכער זיך באַרימט מיט זײַן גבֿורה, וואָס ער האָט אין די הענט. הײַנו, איינער האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט אַזאַ כּוח און גבֿורה אין זײַנע הענט, אַז ווען ער שיסט־אויס אַ פֿײַל, קען ער זי ווידער קריק ציִען. וואָרעם ער האָט אַזאַ כּוח אין זײַנע הענט, אַז כאָטש ער האָט שוין אויסגעשאָסן די פֿײַל, קען ער זי פֿאָרט אומקערן. ער קען די פֿײַל ווידער צוריקציִען צו זיך.

האָב איך אים געפֿרעגט, דהײַנו, דער וואָס אָן הענט, וועלכער דערציילט דאָס:

— וואָס פֿאַר אַ פֿײַל קענסטו צוריקציִען? וואָרעם עס זײַנען פֿאַראַן צענערליי מינים פֿײַלן. וואָרעם עס זײַנען פֿאַראַן צענערליי סמען, וואָס אַז מע באַשמירט די פֿײַל מיט דעם סם, איז די פֿײַל אַזוי מזיק. און אַז מע באַשמירט די פֿײַל מיט אַן אַנדער סם, איז זי מער מזיק. און אָט אַזוי זײַנען עס פֿאַראַן צען מינים סמען, וואָס איטלעכער סם איז אַלץ ערגער, הײַנו, ער איז מער מזיק. און דאָס אַליין הייסט שוין צען מינים פֿײַלן. וואָרעם די פֿײַלן זײַנען נאָר איין מין, נאָר צוליב

דעם וואָס מע ענדערט די סמען, מיט וועלכע מע שמירט די פֿײַלן, וואָס זיי זײַנען צען מינים, כּנ״ל, דעריבער ווערן זיי אָנגערופֿן צען מינים פֿײַלן.

און דעריבער האָט ער אים געפֿרעגט:

— וואָס פֿאַר אַ מין פֿײַל קענסטו צוריקציִען?

ער האָט אים אויך געפֿרעגט, צי נאָר איידער די פֿײַל האָט יענעם געטראָפֿן, קען ער זי צוריקציִען, אָדער אַפֿילו ווען די פֿײַל האָט שוין יענעם געטראָפֿן קען ער זי צוריקציִען.

און דערויף האָט יענער געענטפֿערט, אַז אַפֿילו ווען די פֿײַל האָט שוין יענעם געטראָפֿן, קען ער זי צוריקציִען. און אויף דער פֿראַגע: „אַ וואָסער אַ מין פֿײַל קענסטו צוריקציִען?“, האָט יענער געענטפֿערט: „אָט די און די פֿײַל“.

האָב איך מיך אָנגערופֿן:

— אויב אַזוי, קענסטו נישט היילן די בת־מלכּה. וואָרעם ווי באַלד דו קענסט נישט צוריקציִען נאָר איין מין פֿײַל, קענסטו נישט היילן די בת־מלכּה.

איינער האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט אַזאַ כּוח אין די הענט, אַז בײַ וועמען ער נעמט, גיט ער. כּלומר: מיט דעם וואָס ער נעמט בײַ איינעם עפּעס, מיט דעם אַליין גיט ער יענעם. און ממילא איז ער שוין אַ בעל־צדקה.

האָב איך אים געפֿרעגט:

— וואָס פֿאַר אַ צדקה גיסטו? וואָרעם עס זײַנען פֿאַראַן צען מינים צדקה.

האָט ער געענטפֿערט, ער גיט מעשׂר.

האָב איך מיר אָנגערופֿן: — אויב עס איז אַזוי, קענסטו נישט היילן די בת־מלכּה, וואָרעם דו קענסט גאָר צו איר אָרט נישט קומען, ווײַל דו גיסט נאָר מעשׂר. וואָרעם דו קענסט מער נישט אַרײַנגיין נאָר אין איין מויער, דאָרט ווו די בת־מלכּה זיצט, איבער דעם קענסטו צו איר אָרט נישט צוקומען.

איינער האָט זיך באַרימט, ער האָט אַזאַ כּוח אין די הענט. וואָרעם

עס זײַנען פֿאַראַן ממונים אויף דער וועלט, הײַנו, מענטשן, וואָס זיי זײַנען עלטסטע און זיי האָבן צו שאַפֿן איבער אַ שטאָט אָדער איבער אַ מדינה. דאַרף איטלעכער ממונה חכמה. האָב איך אַזאַ כּוח אין די הענט, אַז מיט מײַנע הענט קען איך אים געבן חכמה מיט דעם, וואָס איך לעג זיך אויף אים אָן מיט מײַנע הענט. האָב איך אים געפֿרעגט:

— וואָס פֿאַר אַ חכמה קענסטו געבן מיט דײַנע הענט? עס זײַנען דאָך פֿאַראַן עשׂרה קבין חכמה [21], צענערליי חכמות.

האָט ער געענטפֿערט: די און די חכמה קען איך געבן.

האָב איך מיך אָנגערופֿן צו אים:

— קענסטו גאָר נישט היילן די בת־מלכּה, וואָרעם דו קענסט גאָר איר דופֿק נישט וויסן. וואָרעם דו קענסט וויסן נאָר איין דופֿק. וואָרעם עס זײַנען פֿאַראַנען צענערליי דופֿקן און דו קענסט נישט וויסן נאָר איין דופֿק, ווײַל דו קענסט נאָר איין חכמה.

אײנער האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט אַזאַ כּוח אין די הענט, אַז עס מאַכט זיך אַ רוח סערה, דהײַנו, אַ שטורעמווינט, קען ער דעם שטורעמווינט פֿאַרהאַלטן מיט די הענט. ער קען כאַפּן דעם שטורעמ־ווינט מיט די הענט, ער זאָל אים פֿאַרהאַלטן. און ער קען ווידער מיט זײַנע הענט מאַכן דעם ווינט מיט אַ מאָס, אַז עס זאָל זײַן אַזאַ ווינט, וואָס מע באַדאַרף אין דער מאָס.

האָב איך אים געפֿרעגט:

— וואָס פֿאַר אַ ווינט קענסטו אָנכאַפּן מיט די הענט? עס זײַנען דאָך פֿאַראַן צענערליי ווינטן.

האָט ער געענטפֿערט: דעם און דעם ווינט.

האָב איך מיך אָנגערופֿן:

— קענסטו נישט היילן די בת־מלכּה, וואָרעם דו קענסט גאָר דעם ניגון פֿאַר איר נישט שפּילן. וואָרעם די רפֿואה פֿון דער בת־מלכּה איז דורך ניגונים, און עס זײַנען פֿאַראַנען צענערליי ניגונים,

[21] צען מאָס חכמה (טעפּ).

און דו קענסט מער נישט שפּילן פֿאַר איר נאָר איין ניגון פֿון די צען ניגונים הנ״ל.

— וואָס קענסטו? — האָבן זיי זיך אָנגערופֿן.

— איך קען, — האָט ער געענטפֿערט — וואָס איר אַלע קענט נישט. דהײַנו: אַלע נײַן חלקים פֿון אַלץ הנ״ל, וואָס איר קענט נישט, קען איך יאָ. איך קען אַלץ.

וואָרעם עס איז פֿאַראַן אַ מעשׂה: איין מאָל האָט זיך אַ מלך פֿאַר־קאָכעט [22] אין אַ בת־מלכּה, האָט „ער געטאָן תחבולות״ ביז ער האָט זי „דערטאַפּט״. האָט ער זי געהאַלטן בײַ זיך.

איין מאָל האָט זיך אים געחלומט, אַז די בת־מלכּה איז אויפֿגעשטאַנען אויף אים און האָט אים געהרגעט.

האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט און דער חלום איז אים זײַער אַרײַן אין האַרצן אַרײַן. האָט ער גערופֿן אַלע פּותרי־חלומות. און זיי האָבן אים פּותר געווען, אַזוי ווי דער פּשט איז, אַז דער חלום וועט מקוים ווערן כּפשוטו, אַז זי וועט אים דערהרגענען.

האָט זיך דער מלך קיין עצה נישט געקענט געבן, וואָס ער זאָל מיט איר טאָן? זאָל ער זי הרגענען, טוט אים באַנג; זאָל ער זי אַוועק־שיקן פֿון זיך, פֿאַרדריסט אים זייער, וואָרעם אַן אַנדערער וועט זי נעמען. ער האָט אַזוי פֿיל געהאָרעוועט אַרום איר, ער זאָל זי נעמען, און הײַנט וועט זי אָנקומען צו אַן אַנדערן, און דערצו, אַז ער וועט זי אַוועקלאָזן און זי וועט אָנקומען צו אַן אַנדערן, וועט איצט דאָך אַוודאי קענען מקוים ווערן דער חלום, אַז זי וועט אים הרגענען, וואָרעם זי איז זיך בײַ אַן אַנדערן. זאָל ער זי, ווידער, האַלטן בײַ זיך, האָט ער דאָך מורא פֿאַר דעם חלום, כּנ״ל.

און אָט אַזוי האָט דער מלך נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל טאָן מיט איר.

דערווײַל איז בײַ אים די אַהבֿה קאַליע געוואָרן ביסלעכווײַז מחמת דעם חלום, דהײַנו, ער האָט זי שוין נישט אַזוי ליב געהאַט ווי פֿריִער.

[22] (פּוילישער לאָקאַליזם) פֿאַרליבט, פֿאַרקאָכט (אין ליבע).

און אַלע מאָל איז אַלץ מער קאַליע געוואָרן זײַן אַהבֿה צו איר. און אַזוי איז אויך בײַ איר קאַליע געוואָרן די אַהבֿה אַלע מאָל מער, ביז עס איז בײַ איר געוואָרן אַ שׂנאה צו אים און זי איז אַנטלאָפֿן געוואָרן פֿון אים.

האָט דער מלך אַרויסגעשיקט, מע זאָל זי זוכן.

איז מען געקומען און מע האָט אים געזאָגט, אַז זי דרייט זיך אַרום נעבן וואַסערדיקן שלאָס. וואָרעם עס איז פֿאַראַן אַ וואַסערדיקער שלאָס. און דאָרטן זײַנען פֿאַראַנען צען מויערן, איינער אין דעם אַנדערן. און די אַלע צען מויערן זײַנען אַלע פֿון וואַסער. און די ערד, וואָס מע גייט דאָרט אויף איר אין שלאָס, איז אויך פֿון וואַסער. און אַזוי זײַנען דאָרטן פֿאַראַנען ביימער און פּירות — אַלץ פֿון וואַסער. און די שיינקייט פֿון דעם שלאָס און דער גרויסער חידוש פֿון דעם שלאָס, וועגן דעם האָט מען גאָר נישט צו שמועסן. וואָרעם אַוודאי איז דאָס אַ ווילדער חידוש. וואָרעם דער גאַנצער שלאָס איז פֿון וואַסער. און אַרײַנגיין אין דעם דאָזיקן שלאָס קען מען אַוודאי נישט. וואָרעם דער, וואָס וואָלט אַרײַנגעגאַנגען אַהין, וואָלט דערטרונקען געוואָרן. וואָרעם דער שלאָס איז זיך פֿון וואַסער.

און די בת־מלכּה הנ״ל, אַז זי איז אַנטלאָפֿן געוואָרן, איז זי אָנגעקומען צו אָט דעם שלאָס. און זי איז אַרומגעגאַנגען דאָרטן אַרום דעם וואַסערדיקן שלאָס. האָט מען געזאָגט דעם מלך, אַז זי דרייט זיך דאָרט אַרום, אַרום דעם וואַסערדיקן שלאָס. איז דער מלך געגאַנגען מיט זײַן חיל, ער זאָל זי כאַפּן.

ווי די בת־מלכּה האָט דאָס דערזען, האָט זי זיך מיישבֿ געווען, זי וועט אַנטלויפֿן אין דעם שלאָס אַרײַן. וואָרעם זי וויל בעסער דערטרונקען ווערן, איידער דער מלך זאָל זי כאַפּן און זי זאָל בײַ אים זײַן. און ווידער, טאָמער וועט זי פֿאָרט ניצול ווערן און וועט זיך קענען אַרײַנכאַפּן אין וואַסערדיקן שלאָס הנ״ל.

ווי דער מלך האָט דאָס דערזען, אַז זי לויפֿט אין וואַסער אַרײַן, האָט ער געזאָגט, אַז עס איז יאָ אַזוי, בכן האָט ער געהייסן, מע זאָל זי שיסן; וועט זי שטאַרבן, זאָל זי שטאַרבן.

האָט מען זי געשאָסן און עס האָבן איר געטראָפֿן די אַלע צענערליי פֿײַלן, וואָס זײַנען געווען באַשמירט מיט די צענערליי סמען, כּנ״ל.

און זי, די בת־מלכּה, איז אַרײַנגעלאָפֿן אין דעם שלאָס הנ״ל און איז אין אים אַרײַנגעקומען אינעווייניק אַרײַן. און זי איז דורך די טויערן פֿון די וואַסערדיקע מויערן געגאַנגען. וואָרעם עס זײַנען דאָרטן פֿאַראַנען טויערן אין די וואַסערדיקע מויערן. און זי איז דורכגעגאַנגען די אַלע טויערן פֿון די אַלע צען מויערן פֿון דעם וואַסערדיקן שלאָס, ביז זי איז אַרײַן אינעווייניק אין דעם שלאָס אַרײַן און איז דאָרט אַנידערגעפֿאַלן און איז געבליבן ליגן חלשות. און איך הייל זי, הײַנו, אָט דער אָן הענט הנ״ל, וואָס ער דערציילט דאָס אַלץ.

וואָרעם דער, וואָס האָט נישט אין זײַנע הענט די אַלע צענערליי צדקות הנ״ל, דער קען נישט אַרײַנגיין אין די אַלע צען מויערן פֿון דעם וואַסערדיקן שלאָס הנ״ל. וואָרעם ער וועט דאָרטן דערטרונקען ווערן אין וואַסער. און דער מלך מיט זײַן חיל הנ״ל האָבן נאָכגעיאָגט די בת־מלכּה און זיי זײַנען אַלע דערטרונקען געוואָרן אין וואַסער.

און איך קען אַרײַנגיין אין די אַלע צען מויערן פֿון דעם וואַסערדיקן שלאָס הנ״ל.

און די דאָזיקע מויערן פֿון וואַסער — זײַנען די אינדן פֿון ים, וואָס זיי שטייען ווי אַ מויער. און די ווינטן, זיי שטעלן־אויף די אינדן פֿון דעם ים און זיי הייבן זיי אויף. און די אינדן, וואָס דאָס זײַנען די צען מויערן, זיי שטייען דאָרט תּמיד. די ווינטן — זיי האַלטן די אינדן און הייבן זיי אויף. קען איך אַרײַנגיין אין די צען מויערן, כּנ״ל, און איך קען אַרויסציִען פֿון איר, הײַנו, פֿון דער בת־מלכּה הנ״ל, די אַלע צען מינים פֿײַלן. און איך ווייס די אַלע צען מינים דופּקן דורך די צען פֿינגער. וואָרעם דורך איטלעכן פֿינגער פֿון די צען פֿינגער קען מען וויסן אַ באַזונדערן דופּק פֿון די צענערליי דופּקן. און איך קען זי היילן, די בת־מלכּה דורך די אַלע צענערליי מיני ניגונים. און

דעריבער הייל איך זי. נמצא, אַז איך האָב אַזאַ כוח אין מײַן האַנט, כנ״ל.

און הײַנט שענק איך אײַך דאָס במתנה.

איז דאָרט געוואָרן אַ זייער גרויסע שׂמחה, און זיי זײַנען זייער פֿריילעך געוואָרן.



ר׳ נחמנס ניגון אשת־חיל מי ימצא

אַ מעשה מיט אַ רב און מיט אַ בן־יחיד

מעשה. אַמאָל איז געווען אַ רבֿ. דער רבֿ האָט קיין קינדער נישט געהאַט. דערנאָך האָט ער געהאַט אַ בן־יחיד. האָט ער אים מגדל גע־ווען און האָט אים חתונה געמאַכט.

און ער, דער בן־יחיד, פֿלעגט זיצן שטענדיק אין אייבערשטיבל און לערנען, אַזוי ווי דער סדר איז בײַ גבֿירים. ער האָט תּמיד רק געלערנט און געדאַוונט.

נאָר ער האָט בײַ זיך געפֿילט, אַז עס פֿעלט אים עפּעס אַ חסרון. נאָר ער האָט אָבער נישט געוווּסט, וואָס דער חסרון איז.

האָט ער קיין טעם נישט געפֿילט אין דעם לערנען און אין דעם דאַוונען.

האָט ער דאָס דערציילט פֿאַר צוויי יונגע לײַט.

האָבן זיי אים אַן עצה געגעבן, אַז ער זאָל פֿאָרן צו דעם און דעם צדיק.

און דער בן־יחיד האָט געטאָן אַ מצווה, וואָס דורך דער מצווה איז ער געקומען צו דער בחינה פֿון מאור הקטן [1].

*

און דער בן־יחיד איז געגאַנגען און האָט דערציילט זײַן פֿאָטער, באַשר ער פֿילט נישט קיין טעם אין דעם דאַוונען און לערנען און אַנדערע מצוות, כנ״ל, און ס׳פֿעלט אים עפּעס, און ער ווייסט נישט וואָס, בכן וויל ער פֿאָרן צו דעם צדיק.

האָט אים דער פֿאָטער געענטפֿערט:

[1] (בראשית) דער מיסטישער סימבאָל פֿון ווייניק ליכט (נישט אייגן ליכט).

— ווי קומסטו פֿאָרן צו אים? דו ביסט דאָך מער למדן פֿאַר אים, מער מיוחס פֿאַר אים. עס שטייט דיר נישט אָן צו פֿאָרן צו אים. זאָלסט זיך גאָר אויף דעם וועג נישט לאָזן.

האָט ער אים מיט די דאָזיקע רייד ווײַטער נישט דערלאָזט צו פֿאָרן צום צדיק.

און דער בן־יחיד האָט זיך ווידער געזעצט לערנען.

האָט ער ווידער אַ מאָל געפֿילט דעם חסרון כנ״ל.

האָט ער זיך ווידער אַ מאָל אַן עצה געהאַלטן מיט די מענטשן, כנ״ל.

און זיי האָבן אים ווידער, ווי פֿריִער, די עצה געגעבן, אַז ער זאָל פֿאָרן צו דעם צדיק.

איז דער בן־יחיד ווידער געגאַנגען צו זײַן פֿאָטער.

און זײַן פֿאָטער האָט אים ווידער אָפּגערעדט און האָט אים אָפּ־געהאַלטן פֿון פֿאָרן, כנ״ל.

און אַזוי איז געווען עטלעכע מאָל.

און דער זון הנ״ל האָט אַלץ געפֿילט, אַז עס גייט אים עפּעס אָפּ. האָט ער זייער שטאַרק געבענקט, ער זאָל ממלא זײַן דעם חסרון. ער האָט אָבער נישט געוווּסט, וואָס דער חסרון איז אַזוינס, כנ״ל.

איז ער נאָך אַ מאָל געקומען צום פֿאָטער און צו אים זייער צוגעשטאַנען, ביז דער פֿאָטער האָט געמוזט מיט אים פֿאָרן, מחמת ער איז געווען בײַ אים אַ בן־יחיד.

און דער פֿאָטער האָט צו אים געזאָגט:

— זע, איך וועל מיט דיר פֿאָרן, וועל איך דיר ווײַזן, אַז דער צדיק האָט קיין ממשות נישט.

האָבן זיי אײַנגעשפּאַנט דעם וואָגן און זײַנען אַוועקגעפֿאָרן.

און דער פֿאָטער האָט געזאָגט צום זון:

— אָט מיט דעם וועל איך אויספּרוּוון. וועט זיך אַלץ אַנדערש פֿירן כסדר, איז עס מן השמים. אַז נישט, איז נישט מן השמים, אַז מיר זאָלן פֿאָרן. וועלן מיר זיך אומקערן.

זײַנען זיי געפֿאָרן.

ווי זיי זײַנען אַזוי געפֿאָרן, זײַנען זיי צוגעקומען צו אַ קליינעם בריקל.

איז אַראָפּגעפֿאַלן אַ פֿערד, און די בריקע האָט זיך איבערגע־קערט. און זיי זײַנען ביידע שיִער נישט דערטרונקען געוואָרן.

האָט אים דער פֿאָטער געזאָגט:

— זעסטו, אַז עס גייט נישט כשורה. די נסיעה איז נישט מן השמים.

האָבן זיי זיך אומגעקערט.

און דער בן־יחיד האָט זיך ווידער גענומען צו זײַן פֿריִערדיקן דרך, הײַנו, צום לערנען.

און ער האָט ווידער געזען, אַז עס גייט אים עפּעס אָפּ, נאָר ער ווייס נישט וואָס. איז ער ווידער צוגעשטאַנען צום פֿאָטער, כנ״ל.

האָט דער פֿאָטער געמוזט מיט אים נאָך אַ מאָל פֿאָרן.

און אַז זיי זײַנען געפֿאָרן, האָט דער פֿאָטער ווידער אַ מאָל גע־מאַכט אַ סימן, כנ״ל, אויב עס וועט אָפּגיין אַלץ כשורה.

און עס האָט זיך געמאַכט, אַז פֿאָרנדיק זײַנען צעבראָכן געוואָרן ביידע אַקסן. האָט צו אים דער פֿאָטער געזאָגט:

— זע, עס גייט אונדז נישט, אַז מיר זאָלן פֿאָרן. וואָרעם איז דאָס דען אַ דרך הטבע, אַז ביידע אַקסן זאָלן צעבראָכן ווערן. וויפֿל מאָל איז מען געפֿאָרן מיט דער בריקע, האָט אַזוינס נישט געטראָפֿן.

און זיי האָבן זיך ווידער אומגעקערט.

*

און דער בן־יחיד האָט זיך ווידער גענומען צו זײַן פֿריִערדיקן דרך, הײַנו, צום לערנען. האָט ער ווידער געפֿילט דעם חסרון, כנ״ל.

און די יונגע לײַט האָבן אים אַלץ אָנגערעדט, ער זאָל פֿאָרן.

איז דער בן־יחיד ווידער געגאַנגען צום פֿאָטער און צו אים צוגעשטאַנען, כנ״ל.

האָט ער געמוזט מיט אים פֿאָרן נאָך אַ מאָל.

און דער בן־יחיד האָט געזאָגט צום פֿאָטער, אַז „מיר זאָלן שוין מער נישט מאַכן אַזוינע סימנים". וואָרעם דאָס איז דער דרך הטבֿע, אַז עס פֿאַלט אַ מאָל אַ פֿערד אַראָפּ, אָדער אַז עס זאָלן אָקסן צע־בראָכן ווערן; סײַדן, עס וועט עפּעס זײַן גאָר אַ ווילדע זאַך.

און זיי זײַנען געפֿאָרן און זײַנען אָנגעקומען נעכטיקן אין אַ קרעטשמע.

האָבן זיי געפֿונען דאָרט אַ סוחר.

און זיי האָבן אָנגעהויבן מיט אים צו שמועסן, אַזוי ווי דער סדר איז פֿון סוחרים.

און זיי האָבן אים נישט געזאָגט, אַז זיי פֿאָרן צו אַ גוטן ייִדן.

וואָרעם דער רבֿ האָט זיך געשעמט זאָגן, אַז ער פֿאָרט צום צדיק.

האָבן זיי געשמועסט וועגן וועלטזאַכן, ביז זיי האָבן אָנגעהויבן שמועסן פֿון גוטע ייִדן; ווו עס געפֿינען זיך גוטע ייִדן.

האָט דער סוחר זיי דערציילט, אַז דאָרטן געפֿינט זיך אַ גוטער ייִד, און דאָרטן, און דאָרטן.

האָבן זיי אָנגעהויבן צו שמועסן פֿון דעם גוטן ייִד, וואָס זיי פֿאָרן צו אים.

האָט דער סוחר זיי געענטפֿערט מיט אַ לשון פֿון פֿאַרוווּנדערונג:

— ער איז דאָך אַ קל[2]... וואָרעם איך פֿאָר ערשט פֿון אים. איך בין דערבײַ געווען, ווי ער האָט געטאָן אַן עבֿירה.

האָט זיך דער פֿאָטער אָנגערופֿן:

— זעסטו, מײַן קינד, וואָס דער סוחר דערציילט לפֿי תּומו[3]. אָט פֿאָרט ער דאָך פֿון דאָרט.

און זיי האָבן זיך אומגעקערט אַהיים.

*

[2] אַ „גרינגער", ד"ה, נישט קיין ערלעכער ייִד. — [3] סתם אַזוי, נאַיִוו.

און דער זון איז נפֿטר געוואָרן, און איז געקומען צו חלום צום פֿאָטער, צום רבֿ הנ"ל.

און דער רבֿ האָט געזען, אַז ער שטייט אין גרויס כּעס. האָט ער אים געפֿרעגט:

— פֿאַר וואָס ביסטו אין כּעס?

האָט ער אים געענטפֿערט, הײַנו, דער זון, וואָס איז געשטאָרבן, האָט געענטפֿערט דעם פֿאָטער אין חלום, אַז ער זאָל פֿאָרן צום צדיק הנ"ל, וואָס זיי האָבן געוואָלט פֿריִער פֿאָרן צו אים, „וועט ער דיר זאָגן פֿאַר וואָס איך בין אין כּעס".

האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט און האָט זיך געטראַכט: עס איז נאָר אַ חלום, נישט קיין אמת.

נאָך דעם האָט זיך אים ווידער געחלומט כּנ"ל.

האָט ער ווידער געמיינט, עס איז אַ פֿאַלשער חלום.

און אַזוי איז געווען דרײַ מאָל.

האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין פּוסטע זאַך, אַז דאָס מוז עפּעס זײַן — איז ער געפֿאָרן אַהין, דהײַנו, דער רבֿ איז געפֿאָרן צו דעם גוטן ייִדן, וואָס ער איז פֿריִער געפֿאָרן מיט זײַן זון אַהין.

אויפֿן וועג האָט ער ווידער באַגעגנט דעם סוחר, וואָס ער האָט פֿריִער באַגעגנט, אַז ער איז געפֿאָרן מיט זײַן זון.

און דער רבֿ האָט אים דערקענט און צו אים געזאָגט:

— דו ביסט זיך דער, וואָס איך האָב דיך געזען אין יענער קרעטשמע?

ענטפֿערט ער אים:

— אַוודאַי האָסטו מיך געזען.

און ער עפֿנט־אויף דאָס מויל און זאָגט צו אים:

— אויב דו ווילסט, וועל איך דיר אײַנשלינגען.

זאָגט דער רבֿ צום סוחר:

— וואָס רעדסטו?

האָט ער אים געענטפֿערט:

— געדענקסטו, אַז דו ביסט געפֿאָרן מיט דײַן זון, איז פֿריִער אַ פֿערד אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער בריק, האָסטו זיך אומגעקערט. דערנאָך זײַנען די אַקסן צעבראָכן געוואָרן. דערנאָך האָסטו מיך באַגעגנט, האָב איך דיר געזאָגט, אַז ער איז אַ קל. איז הײַנט, אַז איך האָב שוין דײַן זון געפּטרט, הײַנט מעגסטו שוין פֿאָרן.

וואָרעם דער זון איז געווען אין דער בחינה פֿון מאור הקטן. דער צדיק הנ״ל, וואָס ער האָט געוואָלט צו אים פֿאָרן, איז אין דער בחינה פֿון המאור הגדול. איז ווען זיי וואָלטן זיך ביידע צונויפֿגעקומען, וואָלט משיח געקומען. הײַנט, אַז איך האָב אים שוין געפּטרט, מעגסטו שוין פֿאָרן.

און ווי ער רעדט מיט אים אַזוי, איז דער סוחר פּלוצלינג פֿאַרשוווּנדן, און דער רבֿ האָט שוין נישט געהאַט מיט וועמען צו ריידן.

און דער רבֿ איז געפֿאָרן צום צדיק און האָט געשריגן:

— גוואַלד, גוואַלד, חבֿל על דאבֿדין ולא משתכחין. ווײ אויף דעם, וואָס איז פֿאַרלוירן געוואָרן און מען קען אים מער נישט געפֿינען!

*

און דער סוחר הנ״ל איז געווען דער סמ״ך מ״ם אַליין.

אַ מעשה פֿון אַ פֿאַרלוירענער בת־מלך

איין מאָל איז געווען אַ מלך. דער מלך האָט געהאַט זעקס זין און איין טאָכטער. און די טאָכטער איז בײַ אים זייער חשובֿ געווען. ער האָט זי זייער מחבֿבֿ געווען, כּלומר: געליבט, און האָט זיך מיט איר זייער משעשע געווען [1].

איין מאָל איז ער געווען מיט איר אין איינעם אין עפּעס אַ טאָג. איז ער אויף איר ברוגז געוואָרן. האָט זיך בײַ אים אַרויסגעכאַפּט אַ וואָרט: „דער ניט־גוטער זאָל דיך אַוועקנעמען!״ — — —

בײַ נאַכט איז זי געגאַנגען אין איר חדר אַרײַן און אין דער פֿרי האָט מען נישט געוווּסט ווו זי איז.

האָט זיך דער פֿאָטער, דהײַנו, דער מלך, זייער מצער געווען און איז געגאַנגען זי זוכן.

איז אויפֿגעשטאַנען דער שני למלכות, מחמת ער האָט געזען דער מלך האָט גרויס צער, און האָט געבעטן, מען זאָל אים געבן אַ משרת מיט פֿערד און געלט אויף הוצאות, און איז געגאַנגען זי זוכן אַהין און אַהער.

און ער האָט זי אַרומגעזוכט אַ זייער לאַנגע צײַט ביז ער האָט זי געפֿונען.

*

און איצט וועלן מיר דערציילן, ווי אַזוי ער האָט זי אַרומגעזוכט ביז ער האָט זי געפֿונען.

פֿריִער איז ער אַרומגעגאַנגען דאָ און דאָרט אין ישובֿ אַ לאַנגע צײַט. נאָך דעם איז ער געגאַנגען אַ לאַנגע צײַט אין מדבריות, פֿעל־

[1] זיך זייער געפרייט (געשפילט) מיט איר.

דער און וועלדער, און האָט זי געזוכט זייער אַ לאַנגע צײַט.

איין מאָל איז ער געגאַנגען אין מדבר און האָט דערזען אַ וועג אין דער זײַט. האָט ער זיך מיישבֿ געווען: „באַשר איך גיי־אַרום שוין אַזאַ לאַנגע צײַט אין מדבר און קען זי נישט געפֿינען, לאָמיר גיין אויף דעם וועג — אפֿשר וועל איך קומען צו אַ ישובֿ. איז ער געגאַנגען אַ לאַנגע צײַט.

דערנאָך האָט ער דערזען אַ שלאָס, און כּמה חיילות שטייען דאָרט אַרום דעם שלאָס. און דער שלאָס איז געווען זייער שיין. און די חיילות זײַנען געשטאַנען אַרום אים מיט אַ פֿײַנעם סדר.

האָט ער מורא געהאַט פֿאַר די חיילות, טאָמער וועלן זיי אים נישט לאָזן אַרײַנגיין.

דערנאָך האָט ער זיך מיישבֿ געווען: „איך וועל מיך פּרוּוון״. און ער האָט איבערגעלאָזט דאָס פֿערד און איז געגאַנגען צום שלאָס. האָט מען אים געלאָזט און מען האָט אים גאָר נישט אָפּגעשטעלט.

איז ער געגאַנגען פֿון איין חדר צום אַנדערן, און מען האָט אים נישט געווערט. און ער איז צוגעגאַנגען צו אַ פּלאַץ, און האָט געזען ווי דער מלך זיצט דאָרט אין אַ קרוין, און אַ סך חיילות שטייען אַרום אים און שפּילן אויף כּלים פֿאַר אים. און עס איז דאָרט זייער שיין און פֿײַן געווען. און דער מלך און קיין אַנדערער פֿון זיי האָט אים גאָר נישט געפֿרעגט. און ער האָט דאָרט געזען גוטע מאַכלים. איז ער געגאַנגען און האָט געגעסן.

דערנאָך האָט ער זיך געלייגט אין אַ ווינקעלע, ער זאָל זען, וואָס דאָרטן וועט זיך טאָן. האָט ער געזען: דער מלך האָט געהייסן, מען זאָל ברענגען די מלכּה. איז מען געגאַנגען זי ברענגען, און עס איז געוואָרן דאָרטן אַ רעש אַ גרויסער און אַ גרויסע שׂמחה.

און קאַפּעליעס פֿון קלעזמאָרים און משוררים האָבן געשפּילט און געזונגען, ווײַל מען האָט געבראַכט די מלכּה. און מען האָט אַוועקגעשטעלט פֿאַר דער מלכּה אַ שטול און מען האָט זי אַוועקגעזעצט נעבן אים. און דאָס איז געווען די בת־מלך הנ״ל. און ער, דער שני למלכות, האָט זי געזען און האָט זי דערקענט.

נאָך דעם האָט די מלכּה אַ קוק געטאָן און געזען, איינער ליגט אין ווינקעלע. האָט זי אים דערקענט. און זי איז אויפֿגעשטאַנען פֿון דער שטול און איז צו אים צוגעגאַנגען און האָט אים אָנגערירט און האָט אים געפֿרעגט:

— קענסט מיך?

האָט ער איר געענטפֿערט:

— יאָ, איך קען דיך. דו ביסט די בת־מלך, וואָס איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן.

און ער האָט זי געפֿרעגט, ווי זי קומט אַהער. האָט זי געענטפֿערט:

— ווײַל בײַ דעם טאַטן האָט זיך אַרויסגעכאַפּט דאָס וואָרט הנ״ל: „דער ניט־גוטער זאָל דיך נעמען״. דאָ איז דאָס ניט־גוטע אָרט.

האָט ער איר דערציילט, אַז איר פֿאָטער איז זיך זייער מצער און ער זוכט זי אַרום שוין כּמה שנים. און ער האָט איר געפֿרעגט:

— ווי אַזוי קען איך דיך אַרויסנעמען?

— דו קענסט מיך אַנדערש ניט אַרויסנעמען — האָט זי געענטפֿערט — סײַדן דו זאָלסט דיך אויסקלײַבן אַן אָרט און זאָלסט דאָרט זיצן אַ יאָר. און אַ גאַנץ יאָר זאָלסטו בענקען נאָך מיר, דו זאָלסט מיך אַרויסנעמען. און ווען דו וועסט האָבן צײַט, זאָלסטו רק בענקען און וועלן און האָפֿן מיך אַרויסצונעמען. און דו זאָלסט פֿאַסטן.

און אין דעם אונטערשטן טאָג פֿון יאָר זאָלסטו פֿאַסטן און זאָלסט נישט שלאָפֿן דעם גאַנצן מעת־לעת.

איז ער געגאַנגען און האָט אַזוי געטאָן.

און צום סוף יאָר, דעם „אונטערשטן״ טאָג, האָט ער געפֿאַסט און איז נישט געשלאָפֿן. און ער האָט זיך אויפֿגעהויבן און איז אַהין געגאַנגען, דהײַנו, צו דער בת־מלך, ער זאָל זי אַרויסנעמען.

האָט ער דערזען אַ בוים. און אויף דעם בוים זײַנען געוואַקסן זייער שיינע עפּל.

האָט זיך אים זייער געגלוסט צו עסן פֿון די עפּל. האָט ער געגעסן פֿון זיי. און תּיכּף ווי ער האָט אויפֿגעגעסן דעם עפּל איז ער אַנידערגעפֿאַלן און עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ שלאָף. און ער איז געשלאָפֿן זייער אַ לאַנגע צײַט.

האָט דער משרת אים געוועקט. ער האָט אים אָבער נישט געקענט דערוועקן.

דערנאָך האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון דעם שלאָף. פֿרעגט ער דעם משרת:

— ווו בין איך אין דער וועלט?

האָט ער אים דערציילט די גאַנצע מעשׂה, הײַנו, דער משרת האָט דערציילט דעם משנה למלך די גאַנצע מעשׂה. און ער האָט צו אים געזאָגט:

— דו שלאָפֿסט שוין זייער אַ לאַנגע צײַט. עס איז שוין כּמה שנים אַז דו שלאָפֿסט, און איך האָב מיך מפֿרנס געווען פֿון די פּירות.

האָט ער זיך זייער מצער געווען, איז אַהין געגאַנגען און האָט זי געפֿונען דאָרט, דהײַנו, די בת־מלך.

האָט זי זיך פֿאַר אים זייער געקלאָגט און זייער זיך מצער געווען:

— פֿון איין טאָג וועגן האָסטו פֿאַרלוירן. איבער דעם, וואָס דו האָסט זיך נישט געקענט אײַנהאַלטן, דו זאָלסט נישט עסן דעם עפּל, איבער דעם האָסטו פֿאַרלוירן. וואָרעם, דו זאָלסט געווען קומען אין דעם טאָג, וואָלסטו מיך אַרויסגענומען. נאָר נישט צו עסן איז טאַקע זייער אַ שווערע זאַך, בפֿרט דעם „אונטערשטן“ טאָג: דעמאָלט איז זיך דער יצר־הרע מתגבר[2]. על כּן זאָלסטו דיר ווידער אויסקלײַבן אַן אָרט, און דו זאָלסט ווידער דאָרט זיצן אַ יאָר, און דעם אונ־טערשטן טאָג זאָלסטו שוין מעגן עסן, נאָר זאָלסט נישט שלאָפֿן. און דו זאָלסט קיין ווײַן נישט טרינקען, כּדי דו זאָלסט נישט שלאָפֿן. וואָרעם דער עיקר איז דער שלאָף.

[2] שטאַרקט זיך, זוכט אַרויסצווײַזן זײַן גבורה.

איז ער געגאַנגען און האָט אַזוי געטאָן. און דעם אונטערשטן טאָג איז ער אַהין געגאַנגען.

האָט ער דערזען אַ קוואַל גיין. און די מראה פֿון דעם קוואַל איז געווען רויט. און דער ריח איז געווען פֿון ווײַן. האָט ער גע־פֿרעגט דעם משרת:

— האָסטו געזען? דאָס איז אַ קוואַל. וואָלט באַדאַרפֿט זײַן אין אים וואַסער. זײַן מראה איז אָבער רויט, און דער ריח איז פֿון ווײַן.

און ער איז געגאַנגען און האָט פֿאַרזוכט פֿון דעם קוואַל. איז ער תּיכּף אַנידערגעפֿאַלן און איז אָפּגעשלאָפֿן כּמה שנים — זיבע־ציק יאָר.

און עס זײַנען געגאַנגען אַ סך חיילות מיט אַלץ וואָס איז שײַך צו זיי, מיט די אָבאָזן[3], וואָס גייען זיי נאָך.

האָט זיך דער משרת באַהאַלטן פֿאַר די חיילות.

נאָך דעם איז געגאַנגען אַ קאַרעטע און אין דער קאַרעטע איז געזעסן די בת־מלך.

האָט זי זיך אָפּגעשטעלט דאָרטן, נעבן אים, און איז אַראָפּגע־גאַנגען, און האָט זיך געזעצט נעבן אים און האָט אים דערקענט.

און זי האָט אים זייער שטאַרק געוועקט. ער האָט זיך אָבער נישט געקענט דערוועקן.

האָט זי אָנגעהויבן צו קלאָגן אויף אים:

— באַשר אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל יגיעות און טרחות, אַזוי פֿיל יאָרן, וואָס דו מוטשעסט דיך און האָרעוועסט, כּדי דו זאָלסט מיך אַרויסנעמען, און פֿון איין טאָג וועגן, וואָס דו האָסט געקענט מיך אַרויסנעמען, האָסטו אַלץ אָנגעווירן.

און זי האָט זייער שטאַרק געוויינט דערויף. און זי האָט געזאָגט:

— עס איז אַ גרויס רחמנות אויף דיר און אויף מיר. אַזאַ לאַנגע צײַט, וואָס איך בין דאָ און קען נישט אַרויס.

[3] וועגענער.

דערנאָך האָט זי אַראָפּגענומען אַ פּאַטשיילע פֿון איר קאָפּ, האָט אויף איר אָנגעשריבן מיט אירע טרערן און אַנידערגעלייגט נעבן אים. און די בת־מלך האָט זיך אויפֿגעהויבן און האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין איר קאַרעטע און איז פֿון דאָרט אַוועקגעפֿאָרן.

דערנאָך האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט. האָט ער געפֿרעגט דעם משרת:

— ווּ בין איך אין דער וועלט?

האָט ער אים דערציילט די גאַנצע מעשׂה, אַז אַ סך חיילות זײַנען דאָ דורכגעגאַנגען און אַז עס איז דאָ געווען די קאַרעטע הנ״ל און די בת־מלך האָט געוויינט איבער אים און געשריִען, אַז „עס איז אַ גרויס רחמנות אויף דיר און אויף מיר״, כנ״ל.

דערווײַל האָט ער אַ בליק געטאָן, האָט ער דערזען די פּאַ־טשיילע ליגט נעבן אים. האָט ער געפֿרעגט:

— פֿון וואַנען איז דאָס?

האָט ער אים געענטפֿערט:

— זי האָט עס איבערגעלאָזט און האָט אויף איר אָנגעשריבן מיט טרערן.

האָט ער גענומען די פּאַטשיילע און האָט זי אויפֿגעהויבן אַנט־קעגן דער זון. האָט ער אָנגעהויבן צו זען די אותיות און האָט איבער־געלייענט, וואָס דאָרט איז געשטאַנען: אין גאַנצן איר קלאָגן זיך און געשריי. און דאָרט איז אויך געשטאַנען געשריבן, אַז הײַנט איז זי שוין נישט אין דעם שלאָס הנ״ל, נאָר ער זאָל זוכן אַ גאָלדענעם באַרג מיט אַ פּערלנעם שלאָס: „דאָרט וועסטו מיך געפֿינען״.

האָט ער איבערגעלאָזט דעם משרת און איז שוין אַליין געגאַנגען זי זוכן. און ער איז אַרומגעגאַנגען כּמה שנים און געזוכט זי.

האָט ער זיך מיישבֿ געווען: אין ישובֿ געפֿינט זיך אַוודאי נישט קיין גילדערנער באַרג מיט אַ פּערלנעם שלאָס — וואָרעם ער איז געווען געניט אין דער לאַנדקאַרטע. על כּן וועל איך גיין אין מדבריות דאָרטן זוכן. און ער איז אַרומגעגאַנגען זי זוכן אין מדבריות כּמה וכמה שנים. דערנאָך האָט ער דערזען אַ גרויסן מענטשן, וואָס

די גרויס זײַנע איז גאָר נישט געווען מענטשלעך. און ער האָט געטראָגן אַ גרויסן בוים, וואָס אין ישובֿ געפֿינט זיך גאָר נישט אַזאַ גרויסער בוים. און דער מענטש האָט אים געפֿרעגט:

— ווער ביסטו?

— איך בין אַ מענטש — האָט ער אים געענטפֿערט.

האָט זיך פֿאַרוווּנדערט, דער גרויסער מענטש. און ער האָט געזאָגט:

— איך בין שוין אַזאַ לאַנגע צײַט אין דער מדבר און, איך האָב קיין מאָל דאָ נישט געזען קיין מענטש.

האָט ער אים דערציילט די גאַנצע מעשׂה הנ״ל, און אַז ער זוכט אַ גילדערנעם באַרג און אַ פּערלנעם שלאָס.

— דאָס אַלץ איז אַוודאי גאָר נישט בנמצא — האָט ער אים געענטפֿערט — מען האָט דיך אײַנגערעדט אַ נאַרישקייט, וואָרעם עס געפֿינט זיך אַוודאי נישט אַזאַ באַרג מיט אַזאַ שלאָס.

האָט ער אָנגעהויבן צו וויינען, הײַנו, דער שני למלכות, האָט זייער שטאַרק געוויינט. ער האָט געזאָגט:

— עס געפֿינט זיך אַוודאי יאָ. עס מוז זיך ערגעץ געפֿינען.

און ער, הײַנו, דער משונהדיקער מענטש, וואָס ער האָט באַ־געגנט, האָט אים מדחה[4] געווען מיט זײַנע רייד און געזאָגט, אַז מען האָט אים אַוודאי עפּעס אַ נאַרישע מעשׂה דערציילט. ער אָבער, הײַנו, דער שני למלכות, האָט אַלץ געטענהט, אַז עס איז יאָ דאָ.

האָט אים דער ווילדער מענטש געזאָגט:

— נאָך מײַן דעה נאָך איז דאָס אַ נאַרישקייט, נאָר ווײַל דו שפּאַרסט זיך, בכן, איז היות איך בין ממונה איבער אַלע חיות, וועל איך דיר צוליב רופֿן אַלע חיות, וואָרעם זיי לויפֿן־אויס גאָר די וועלט, טאָמער קען ווער פֿון זיי דעם באַרג מיט דעם שלאָס.

האָט ער גערופֿן אַלע חיות, פֿון קליין ביז גרויס, און האָט זיי געפֿרעגט. און זיי האָבן אַלע געענטפֿערט, אַז זיי האָבן נישט געזען.

---

[4] אָפּגעשטויסן, אָפּגעווענדט.

האָט ער אים געזאָגט, הײַנו, דער ווילדער מענטש האָט געזאָגט צום שני למלכות:

— זעסטו, מען האָט דיר אַ נאַרישקייט אײַנגערעדט. אַז דו ווילסט מיך פֿאָלגן, קער דיך אום. וואָרעם דו וועסט אַוודאי גאָר נישט געפֿינען. וואָרעם דאָס אַלץ איז גאָר נישטאָ אויף דער וועלט.

און דער שני למלך האָט זיך זייער געשפּאַרט און געזאָגט:

— עס מוז אַוודאי יאָ זײַן.

האָט געזאָגט דער ווילדער מענטש צום שני למלכות:

— איך האָב אַ ברודער אין מדבר. איז ער ממונה איבער אַלע עופֿות. אפֿשר ווייסן זיי, מחמת זיי פֿליִען אין דער לופֿטן. אפֿשר האָבן זיי געזען דעם באַרג מיט דעם שלאָס הנ״ל. בכן, זאָלסטו גיין צו אים און זאָלסט אים זאָגן, אַז איך האָב דיך געשיקט צו אים.

איז ער אַרומגעגאַנגען כּמה וכמה שנים אים זוכן. און האָט ווידער געפֿונען זייער אַ גרויסן מענטשן, כּנ״ל. און ער האָט אויך געטראָגן אַ גרויסן בוים, כּנ״ל. און דער דאָזיקער האָט אים אויך געפֿרעגט, כּנ״ל, ווי דער ערשטער.

האָט ער אים געענטפֿערט די גאַנצע מעשׂה, און אַז זײַן ברודער האָט אים געשיקט צו אים. און ער האָט אים אויך מדחה געווען, באַשר דאָס אַלץ געפֿינט זיך אַוודאי גאָר נישט.

און דער שני למלכות האָט אים אויך זייער מפֿציר [5] געווען:

— עס מוז אַוודאי יאָ זײַן.

— איך בין ממונה איבער אַלע עופֿות — האָט ער געזאָגט, דער דאָזיקער מענטש, צום שני למלכות — וועל איך זיי רופֿן, טאָמער ווייסן זיי.

און ער האָט גערופֿן אַלע עופֿות, פֿון קליין ביז גרויס, און האָט זיי אַלע געפֿרעגט.

האָבן זיי אים געענטפֿערט, זיי ווייסן נישט פֿון דעם באַרג מיט דעם שלאָס.

[5] צוגעשטאַנען, געבעטן, צודרינגלעך געווען.

— דו זעסט דאָך — האָט ער אים געזאָגט — אַז אַזאַ באַרג מיט אַזאַ שלאָס איז אַוודאי נישטאָ אויף דער וועלט. אַז דו ווילסט מיך פֿאָלגן, קער דיך אום. וואָרעם עס איז אַוודאי אין ערגעץ גאָר נישטאָ אַזוינס.

און ער, דער שני למלך, האָט זיך אַלץ געשפּאַרט און געזאָגט, אַז עס איז אַוודאי יאָ דאָ אויף דער וועלט.

האָט ער געזאָגט, דער דאָזיקער צווייטער מענטש, צום שני למלכות:

— ווײַטער אין מדבר געפֿינט זיך דאָרטן מײַן ברודער. ער איז אַ ממונה איבער אַלע ווינטן. זיי לויפֿן־אויס גאָר די וועלט, ווייסן זיי אפֿשר.

איז ער אַרומגעגאַנגען כּמה וכמה שנים זוכן.

האָט ער ווידער געפֿונען אַ גרויסן מענטשן, כּנ״ל. און דער מענטש האָט אויך געטראָגן אַ גרויסן בוים, כּנ״ל. און ער האָט אים אויך געפֿרעגט, כּנ״ל.

האָט ער אים אויך געענטפֿערט די גאַנצע מעשׂה, כּנ״ל.

האָט אים דער מענטש אויך מדחה געווען.

איז דער שני למלך אויך צו אים זייער שטאַרק צוגעשטאַנען.

האָט ער געזאָגט, דער דאָזיקער דריטער מענטש, צום שני למלכות, אַז ער וועט אים צוליב טאָן; אַז אים צוליב וועט ער צו־נויפֿרופֿן אַלע ווינטן צו זיך — וועט ער זיי פֿרעגן.

האָט ער זיי גערופֿן.

זײַנען געקומען אַלע ווינטן.

האָט ער זיי אַלע געפֿרעגט.

האָבן זיי קיינער נישט געוווּסט פֿון דעם באַרג מיט דעם שלאָס הנ״ל.

האָט ער געזאָגט, דער דריטער מענטש, צום שני למלכות:

— זעסטו, אַז מען האָט דיר אַ נאַרישקייט דערציילט.

האָט אָנגעהויבן דער שני למלך זייער שטאַרק צו וויינען און ער האָט געזאָגט:

— איך ווייס, אַז עס איז אַוודאי יאָ דאָ.

דערווײַל האָט ער געזען, אַז עס איז געקומען נאָך אַ ווינט. האָט זיך דער ממונה הנ״ל אויף אים געבייזערט:

— פֿאַר וואָס האָסטו זיך אַזוי פֿאַרשפּעטיקט צו קומען? איך האָב דאָך גוזר געווען, אַז עס זאָלן קומען אַלע ווינטן. פֿאַר וואָס זשע ביסטו נישט געקומען אין איינעם מיט זיי?

האָט ער אים געענטפֿערט:

— איך האָב זיך פֿאַרזאַמט, מחמת איך האָב באַדאַרפֿט אָפּטראָגן אַ בת־מלך צו אַ גאָלדענעם באַרג מיט אַ פּערלנעם שלאָס.

האָט ער זיך זייער דערפֿרייט, דהײַנו, דער שני למלכות האָט זיך זייער דערפֿרייט, וואָס ער האָט זוכה געווען צו הערן דאָס, וואָס ער וויל. און דער ממונה איבער ווינטן האָט געפֿרעגט דעם ווינט:

— וואָס איז דאָרטן טײַער? הײַנו, וואָס פֿאַר אַ זאַכן זײַנען דאָרטן אין גרויס חשיבֿות, זײַנען זייער טײַער.

— דאָרט איז אַלצדינג זייער טײַער! — האָט ער אים געזאָגט.

האָט געזאָגט דער ממונה איבער ווינטן צום שני למלכות:

— באַשר אַזאַ לאַנגע צײַט, וואָס דו זוכסט זי, און דו האָסט אַזוי פֿיל יגיעות געהאַט, וועסטו אפֿשר האָבן דאָרט אַ מניעה איבער געלט. על כּן וועל איך דיר געבן אַ כּלי. אַז דו וועסט אַרײַנטאָן די האַנט אין איר, וועסטו אַרויסנעמען פֿון דאָרט געלט.

און ער האָט גוזר געווען אויף דעם ווינט הנ״ל, ער זאָל אים טראָגן אַהין.

איז געקומען דער שטורעמווינט און האָט אים אַהינגעטראָגן. ער האָט אים געבראַכט צום טויער.

און דאָרט זײַנען געשטאַנען חיילות, וואָס האָבן אים נישט אַרײַנגעלאָזט אין שטאָט אַרײַן.

האָט ער אַרײַנגעטאָן די האַנט אין דער כּלי און אַרויסגענומען

געלט און זיי משחד [6] געווען און איז אַרײַנגעקומען אין שטאָט אַרײַן. און דאָס איז געווען זייער אַ שיינע שטאָט.

און ער איז געגאַנגען צו אַ גבֿיר און האָט זיך אָנגעדונגען בײַ אים קעסט. וואָרעם ער האָט געוווסט, אַז ער וועט זיך דאַרפֿן דאָרטן פֿאַרזאַמען. וואָרעם מען וועט באַדאַרפֿן אָנווענדן גרויס שׂכל מיט פֿיל חכמה אויף אַרויסצונעמען זי.

א. מערזערס קופּערשטיך חסידים טאַנצן

[6] אונטערגעקויפט, „אונטערגעשמירט“.

אַ מעשה פון אַ מלך מיט אַ חכם

מעשה. אַמאָל איז געווען אַ מלך. און דער מלך האָט געהאַט אַ חכם. האָט זיך דער מלך אָנגערופן צום חכם:

— באַשר עס איז דאָ אַ מלך, וואָס ער חתמעט זיך, אַז ער איז אַ גרויסער גיבור און אַן איש אמת און אַן עניו, כלומר, איז ער אַן אמתער מענטש און ער האַלט פון זיך נישט. איז אַ גיבור, ווייס איך, אַז ער איז אַ גרויסער גיבור, מחמת אַרום זײַן מדינה גייט דער ים און אויף דעם ים שטייט חייל אויף שיפן מיט האַרמאַטן און לאָזן נישט צוקומען צו דער מדינה. און פון דעם ים אינעווייניק איז פאַראַנען אַ גרויסער זומפּ אַרום דער מדינה, וואָס עס איז דאָרטן מער נישטאָ ווי נאָר אַ קליין וועגל, וואָס עס קען גיין דאָרטן נישט מער ווי איין מענטש. און אויך דאָרטן שטייען האַרמאַטן; און אַז אײנער קומט האַלטן מלחמה, שיסט מען מיט די דאָזיקע האַרמאַטן, קען מען אַהין נישט צוטרעטן. נאָר דאָס, וואָס ער חתמעט זיך איש אמת ועניו, דאָס ווייס איך נישט. וויל איך, אַז דו זאָלסט מיר ברענגען דעם פּאָרטרעט פון מלך.

וואָרעם דער מלך האָט געהאַט די אַלע פּאָרטרעטן פון אַלע מלכים, אָבער דעם פּאָרטרעט פון דעם מלך, דהײַנו, פון דעם מלך, וואָס האָט זיך אַזוי געחתמעט כנ״ל, האָט זיך נישט געפונען בײַ קיין שום מלך. וואָרעם דער דאָזיקער מלך איז פאַרבאָרגן געווען פון מענטשן. ער איז געזעסן אונטער אַ פאָרהאַנג און איז ווײַט געווען פון די בני־מדינה זײַנע.

איז דער חכם געגאַנגען אין דער מדינה אַרײַן.

*

האָט ער זיך מיישב געווען, דער חכם, אַז ער דאַרף פריִער וויסן דעם מהות פון דער מדינה, כלומר: די זאַך פון דער מדינה, ווי אַזוי די מדינה פירט זיך.

און דורך וואָס קען ער וויסן דעם מהות פון דער מדינה? דורך דעם קאַטאָוועס פון דער מדינה. וואָרעם אַז מען באַדאַרף וויסן אַ זאַך, מוז מען וויסן דעם קאַטאָוועס פון דער דאָזיקער זאַך. וואָרעם עס זײַנען פאַראַנען כמהערליי קאַטאָוועסן.

עס איז דאָ אײנער, וואָס וויל טאַקע יענעם טרעפן מיט זײַנע רייד, און אַז יענער האָט פאַראיבל אויף אים, זאָגט ער:

— איך טרײַב קאַטאָוועס, אַזוי ווי עס שטייט אין פּסוק, כמתלהלה היורה זקים ואמר הלא מצחק אני, כלומר, אַזוי ווי אײנער, וואָס שיסט פײַלן אין האַרץ אַרײַן, און זאָגט איך טרײַב קאַטאָוועס.

און אַזוי איז דאָ אײנער, וואָס ער מיינט טאַקע אויף קאַטאָוועס; ער איז אָבער פאָרט מזיק דעם אַנדערן מיט זײַנע רייד.

און האָט אַזוי זײַנען דאָ כמהערליי קאַטאָוועסן.

און צווישן די אַלע מדינות איז דאָ אַ מדינה, וואָס זי איז כולל אַלע מדינות. און אין דער דאָזיקער מדינה איז דאָ אַ שטאָט, וואָס איז כולל אַלע שטעט פון גאָר דער מדינה. און אין דער דאָזיקער שטאָט איז דאָ אַ שטוב, וואָס זי איז כולל די אַלע שטיבער פון דער גאַנצער שטאָט, וואָס זי איז כולל די אַלע שטעט פון דער מדינה, וואָס זי איז כולל די אַלע מדינות. און דאָרט אין שטוב איז דאָ אַ מענטש, וואָס ער איז כולל גאָר די שטוב. און דאָרט איז פאַראַן אײנער, וואָס ער מאַכט נאָך דאָס לצנות און דעם קאַטאָוועס פון דער גאַנצער מדינה.

האָט דער חכם מיט זיך גענומען זייער אַ סך געלט און איז אַהין געגאַנגען.

האָט ער געזען, אַז מע מאַכט דאָרט כלערליי געשפּעט און לצנות.

און ער האָט פאַרשטאַנען פון דעם קאַטאָוועס, אַז די גאַנצע מדינה איז פול מיט שקר מתחילה עד סוף.

וואָרעם ער האָט געזען, ווי מע טרײַבט שפּאַס, ווי אַזוי מע נאַרט מענטשן אין משא־ומתן. דער אָפּגענאַרטער קומט זיך לדין אין מאַ־

גיסטראַט. דאָרטן איז אָבער כּולו שקר. מע נעמט דאָרטן שוחד. גייט ער צום העכערן סאַנד. אויך דאָרטן איז אָבער כּולו שקר.

זיי האָבן אַלץ איז געשפּעט, אויף קאַטאָוועס. געמאַכט אָנשטעלן פֿון די דאָזיקע אַלע זאַכן.

און דער חכם האָט פֿאַרשטאַנען פֿון דעם דאָזיקן קאַטאָוועס, אַז די גאַנצע מדינה איז פֿול מיט שקרים, מיט רמאות, אַז עס איז אין איר קיין שום אמת נישטאָ.

איז ער געגאַנגען און האָט געהאַנדלט אין דער מדינה, און האָט זיך געלאָזט אָפּנאַרן אין משׂא־מתּן. נאָך דעם איז ער געגאַנגען זיך לאָדן פֿאַר די געריכטן.

האָט ער געזען, אַז זיי זײַנען אַלע פֿול מיט ליגן און זיי נעמען אַלע שוחד. הײַנט האָט ער זיי געגעבן שוחד, און אויף מאָרגן האָבן זיי אים שוין נישט דערקענט.

איז ער געגאַנגען צו אַ נאָך העכערן געריכט. און אויך דאָרטן איז כּולו שקר געווען — ביז ער איז אָנגעקומען שוין פֿאַר דעם סענאַט. און אויך דאָרטן זײַנען זיי פֿול געווען מיט שקר און מיט שוחד.

איז ער געגאַנגען שוין צום מלך אַליין. און אַז ער איז געקומען צום מלך, האָט ער זיך אָנגערופֿן און געזאָגט:

— איבער וועמען ביסטו אַ מלך? די מדינה איז דאָך אין גאַנצן פֿול מיט ליגן. פֿון דעם אָנהייב ביז צום סוף. עס איז אין איר קיין שום אמת נישטאָ.

און ער האָט אָנגעהויבן אויסדערציילן גאָר די פֿאַלשקייט פֿון דער מדינה.

אַז דער מלך האָט געהערט זײַנע רייד, האָט ער צוגעבויגן זײַנע אויערן צום פֿאָרהאַנג, ער זאָל גוט הערן. וואָרעם עס איז בײַם מלך אַ גרויס ווונדער געווען, אַז עס זאָל זיך געפֿינען אַ מענטש, וואָס זאָל וויסן קענען די פֿאַלשקייט פֿון דער מדינה.

און די שׂרי מלוכה, וואָס האָבן געהערט זײַנע רייד, זײַנען אויף אים זייער ברוגז געווען.

און דער חכם הנ״ל איז אַלץ געשטאַנען און האָט אויסגערעכנט די אַלע שקרים פֿון דער מדינה. און ער האָט זיך אָנגערופֿן, דער חכם, און געזאָגט:

— מע וואָלט געקענט זאָגן, אַז דער מלך איז אויך אַזוי ווי זיי, אַז ער האָט ליב ליגן, אַזוי ווי זײַן מדינה. נאָר אַדרבה, פֿון דאַנען זעט מען, אַז דו ביסט אַן איש אמת, ווײַל דו ביסט ווײַט פֿון זיי; דו קענסט נישט סובֿל זײַן דעם שקר פֿון דער מדינה.

און ער האָט אָנגעהויבן, דער חכם, זייער שטאַרק לויבן דעם מלך.

דער מלך, מחמת ער איז געווען זייער אַ גרויסער עניו, איז אַרײַנגעקומען אין גרויס קטנות, ביז ער איז געוואָרן ממש גאָרנישט, מחמת דעם גרויסן שבֿח, וואָס דער חכם האָט אים געלויבט און געגרויסט. וואָרעם אַזוי איז דער שטייגער פֿון עניו: אַז וואָס מער מע לויבט אים, וואָס מער מע גרייסט אים, ווערט ער אַלץ קלענער, אַלץ מער עניו.

האָט ער זיך נישט געקענט אײַנהאַלטן און האָט אַ וואָרף געטאָן דעם פֿאָרהאַנג, ער זאָל זען דעם חכם, ווער עס איז דער וואָס ווייס און פֿאַרשטייט דאָס אַלץ.

איז דערווײַל אַנטפּלעקט געוואָרן דאָס פּנים פֿון דעם מלך.

האָט אים דער חכם געזען און האָט אָפּגעמאָלט זײַן פּאָרטרעט און געבראַכט דעם פּאָרטרעט צום מלך.

אַ מעשה פון אַ מלך וואָס האָט גוזר שמד געווען

אַמאָל איז געווען אַ מלך. האָט ער גוזר געווען אויף דער מדינה אַ גירוש בגזירת שמד, דהיינו, אַז ווער עס וויל בלייבן אין דער מדינה, מוז זיך שמדן. אַז נישט, זאָל מען אים אַרויסטרייבן פון דער מדינה.

איז געווען אַ טייל, וואָס זיי האָבן מפקיר געווען גאָר זייער גוטס און זייער עשירות, און זיינען פון דאָרט אַרויס בדלות, כדי זיי זאָלן בלייבן ביי זייער אמונה, זיי זאָלן קענען זיין יידן. און אַ טייל האָט רחמנות געהאַט אויף זייער עשירות און זיינען דאָרטן געבליבן. זיינען זיי געווען אַנוסים. בצנעה, דהיינו, פאַרבאָרגן, האָבן זיי זיך נוהג געווען אין דעם דת פון יידן אָבער בפרהסיא, דהיינו, פאַר לייט, האָבן זיי נישט געטאָרט זיך נוהג זיין ווי יידן.

דערנאָך איז דער מלך געשטאָרבן און זיין זון איז געוואָרן מלך. און ער האָט אָנגעהויבן פירן די מדינה זייער שאַרף. ער האָט איינגענומען אַ סך מדינות און ער איז געווען אַ גרויסער חכם. און מחמת ער האָט זייער שאַרף געהאַלטן אין האַנט די שרי מלוכה, האָבן זיי קעגן אים געמאַכט אַ בונט, אַז זיי זאָלן אויף אים אָנפאַלן און הרגענען אים מיט אַלע זיינע קינדער.

און צווישן די שרים איז געווען איינער פון די אַנוסים.

האָט ער זיך מיישב געווען: נאָך וואָס בין איך אַן אַנוס? מחמת איך האָב חס געהאַט אויף מיין האָב און אויף מיין עשירות. היינט, אַז מע וועט דעם מלך הרגענען און די מדינה וועט זיין אָן אַ מלך, וועט איינער דעם אַנדערן לעבעדיקערהייט איינשלינגען, וואָרעם עס קען נישט מעגלעך זיין, אַז אַ מדינה זאָל זיין אָן אַ מלך.

דעריבער האָט ער זיך מיישב געווען: ער וועט אויסזאָגן דעם מלך, אַז זיי זאָלן נישט וויסן. און ער איז געגאַנגען און האָט אויסגעזאָגט דעם מלך, אַז מע האָט געמאַכט אַ בונט אויף אים, כנ״ל.

איז ער געגאַנגען, דער מלך, און האָט אויסגעפרוווט, צי עס איז אמת, וואָס ער האָט אים דערציילט.

האָט ער געזען, אַז עס איז אמת.

האָט ער געשטעלט שומרים די נאַכט, וואָס מע איז אויף אים אָנגעפאַלן, און מע האָט זיי געכאַפּט. און מע האָט זיי דן געווען, איטלעכן, ווי זיין משפט איז געווען. און דער מלך האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט צו דעם שר, דעם אַנוס הנ״ל:

— זאָג, וואָס פאַר אַ כבוד זאָל איך דיר געבן דערפאַר, וואָס דו האָסט מיך מציל געווען מיט מיינע קינדער? זאָל איך דיך מאַכן פאַר אַ שר? ביסטו דאָך שוין אַ שררה. זאָל איך דיר געבן געלט? האָסטו דאָך אַליין געלט. זאָג מיר, וואָס פאַר אַ כבוד ווילסטו, וועל איך עס דיר אַוודאי טאָן.

— אָבער דו וועסט מיר טאָן, — האָט דער אַנוס געענטפערט — וואָס איך וועל דיר זאָגן?

— יאָ, — זאָגט דער מלך — איך וועל דיר אַוודאי טאָן, וואָס דו וועסט וועלן.

— שווער מיר, — האָט דער אַנוס געזאָגט — ביי דיין קרוין און ביי דיין מלוכה.

האָט אים דער מלך געשוווירן.

האָט ער זיך אָנגערופן און געזאָגט, דער אַנוס הנ״ל:

— גאָר מיין כבוד איז, אַז איך זאָל מעגן זיין אַ ייד בפרהסיא, איך זאָל מעגן לייגן טלית ותפילין בפרהסיא.

האָט עס דעם מלך זייער געאַרט, מחמת אין זיין גאַנצער מדינה טאָרן נישט זיין קיין יידן, נאָר ער האָט אָבער קיין ברירה נישט געהאַט מחמת זיין שבועה.

אין דער פרי איז געגאַנגען דער אַנוס און האָט געלייגט טלית און תפילין בפרהסיא.

נאָך דעם איז דער מלך געשטאָרבן.

איז געוואָרן זיין זון מלך.

און ער האָט אָנגעהויבן צו פירן זײַן מדינה מיט גוטן, מחמת ער האָט געזען, מע האָט געוואָלט אויסרײַסן זײַן פֿאָטער, כּנ״ל. און ער האָט אײַנגענומען אַ סך מדינות, און איז געווען אַ זייער גרויסער חכם. האָט ער געהייסן, דער מלך, אַז מע זאָל צונויפֿרופֿן אַלע שטערנזעערס, אַז זיי זאָלן אים זאָגן, פֿון וואָסערער זאַך קען זײַן זרע פֿאַרשניטן ווערן, כּדי ער זאָל זיך דערפֿאַר היטן. האָבן די שטערנזעערס אים געזאָגט, אַז זײַן זרע וועט נישט פֿאַרשניטן ווערן, נאָר ער זאָל זיך היטן פֿון אַ שור ושׂה, דהײַנו, פֿון אַן אָקס און אַ לעמעלע.

האָט מען דאָס פֿאַרשריבן אין ספֿר הזכרונות.

און ער האָט אָנגעזאָגט זײַנע קינדער, אַז זיי זאָלן אויך אַזוי פֿירן די מדינה, ווי ער, מיט גוטן.

דערנאָך איז ער געשטאָרבן.

איז געוואָרן זײַן זון מלך.

און ער האָט שוין אָנגעהויבן פֿירן די מדינה מיט שאַרפֿקייט, אַזוי ווי זײַן זיידע. און ער האָט אײַנגענומען אַ סך מדינות און איז געפֿאַלן אויף אַ חכמה און געהייסן אויסרופֿן, אַז עס זאָלן זיך נישט געפֿינען אין זײַן מדינה קיין אָקס און קיין שאָף, כּדי זײַן זרע זאָל נישט קענען פֿאַרשניטן ווערן. און נאָך דעם, אַז מע האָט דאָס אויסגערופֿן, האָט ער זיך געטראַכט, אַז איצט האָט ער שוין קיין מורא נישט פֿאַר קיינעם. און ער האָט געפֿירט די מדינה זייער שאַרף און איז געוואָרן זייער אַ גרויסער חכם.

און ער איז געפֿאַלן אויף אַ חכמה, ער זאָל אײַננעמען גאָר די וועלט אָן מלחמה. וואָרעם עס זײַנען פֿאַראַנען זיבן חלקים אין דער וועלט. וואָרעם די וועלט איז אײַנגעטיילט אין זיבן חלקים. און עס זײַנען פֿאַראַן שבֿעה כּוכבֿי לכת, דהײַנו, זיבן שטערן, וואָס זיי גייען־אַרום די זיבן טעג פֿון דער וואָך. לײַכט איטלעכער שטערן אַרײַן אין אַ חלק פֿון די זיבן חלקים פֿון דער וועלט.

און עס זײַנען פֿאַראַן זיבנערליי מעטאַלן, דהײַנו, גאָלד און זילבער, און קופּער און צין, און די איבעריקע. לײַכט־אַרײַן איטלעכער שטערן פֿון די שבֿעה כּוכבֿי לכת אין אַ באַזונדער מין אײַזנוואַרג.

איז דער מלך געגאַנגען און האָט צונויפֿגענומען די אַלע זיבנערליי מעטאַלן און געהייסן, מע זאָל אים ברענגען די אַלע גאָלדענע פּאָרטרעטן פֿון די אַלע מלכים, וואָס הענגען אין זייערע פּאַלאַצן, און ער האָט געמאַכט דערפֿון אַ מענטש. דער קאָפּ איז געווען פֿון גאָלד, דער גוף פֿון זילבער און אַזוי די איבעריקע אבֿרים זײַנען געווען פֿון אַנדערע מעטאַלן.

עס זײַנען געווען אין דעם מענטשן די אַלע זיבנערליי מעטאַלן.

און ער האָט דעם מענטשן אַוועקגעשטעלט אויף אַ הויכן באַרג.

האָבן אַלע שבֿעה כּוכבֿי לכת, דהײַנו, אַלע זיבן שטערן אַרײַנגעלויכטן אין דעם מענטשן. און אַז אַ מענטש האָט באַדאַרפֿט עפּעס אַן עצה אָדער אַ משׂא ומתּן, און האָט נישט געוווּסט, אויב ער זאָל יאָ טאָן אָדער נײן, פֿלעגט ער זיך שטעלן אַנטקעגן דעם אבֿר פֿון אײַזנוואַרג, וועלכער געהערט צו דעם חלק פֿון דער וועלט, וואָס דער מענטש איז פֿון דאָרט געווען. און דער מענטש האָט אין זינען געהאַט דעמאָלט, צי ער זאָל טאָן די זאַך, וואָס ער האָט באַדאַרפֿט אָדער נײן. איז אויב דער מענטש האָט באַדאַרפֿט יאָ טאָן די זאַך, פֿלעגט דער אבֿר לײַכטן און שײַנען; אויב נישט, איז פֿינצטער געוואָרן דער דאָזיקער אבֿר.

אָט דאָס אַלץ האָט געטאָן דער מלך הנ״ל. און דורך דעם האָט ער אײַנגענומען די גאַנצע וועלט און האָט אָנגעזאַמלט זייער אַ סך געלט.

און דער מענטש הנ״ל, וואָס דער מלך האָט געמאַכט פֿון די זיבנערליי מעטאַלן, איז נישט מסוגל געווען צו טאָן דאָס אַלץ הנ״ל, נאָר באופֿן, בתּנאַי, אַז דער מלך זאָל משפּיל גאים און מגבֿיה שפֿלים[1] זײַן, דהײַנו, גרויסע לײַט זאָל ער אַראָפּוואַרפֿן פֿון זייער גדולה און קליינע לײַט זאָל ער דערהייבן.

איז געגאַנגען דער מלך און האָט געשיקט אוקאַזן[2] נאָך אַלע יעדנעראַלן[3] און נאָך אַנדערע שׂררות, וואָס האָבן געהאַט בײַ אים

[1] דערנידעריקן די געהויבענע און אויפֿהייבן די געפֿאַלענע. — [2] באַפֿעלן. — [3] גענעראַלן.

טשינען[4], דהײַנו, שׂררהשאַפֿט און אָרדערס. זײַנען זיי אַלע געקומען.

האָט ער זיי משפּיל[5] געווען און האָט בײַ זיי אַוועקגענומען זייערע אָרדערס. אַפֿילו בײַ די וואָס האָבן נאָך זייערע אָרדערס געהאַט פֿון זײַן עלטערזיידן, בײַ וועמען זיי האָבן בײַ אים נאָך געדינט, האָט ער אַוועקגענומען אַלע זייערע אָרדערס. און קליינע לײַט האָט ער אויפֿגעהויבן און האָט זיי געמאַכט אויף זייער אָרט, דהײַנו, אויף דעם אָרט פֿון די גרויסע לײַט.

און צווישן די שׂרים, וואָס דער מלך האָט אַראָפּגעוואָרפֿן, איז אויך געווען דער אָנוס הנ״ל. האָט אים דער מלך געפֿרעגט:

— וואָס איז דײַן שׂררהשאַפֿט?

— מײַן שׂררהשאַפֿט, — האָט ער אים געענטפֿערט — איז נאָר, אַז איך זאָל מעגן זײַן אַ ייִד בפֿרהסיא פֿאַר די טובֿה, וואָס איך האָב געטאָן דײַן זיידן.

האָט דער מלך דאָס בײַ אים אַוועקגענומען. איז ער ווידער געוואָרן אַן אָנוס.

איין מאָל האָט זיך דער מלך געלייגט שלאָפֿן. האָט ער געזען אין חלום, ווי דער הימל איז לויטער.

און ער האָט געזען אַלע צוועלף מזלות אין הימל. און ער האָט געזען, אַז דער אָקס און דאָס לעמעלע, וואָס זײַנען פֿאַראַן צווישן די מזלות, לאַכן פֿון אים.

האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט מיט גרויס כּעס און געהייסן ברענגען דעם ספֿר הזכרונות. און ער האָט געזען, עס שטייט דאָרט פֿאַרשריבן, אַז דורך אַן אָקס און אַ לעמעלע וועט זײַן זרע פֿאַרשניטן ווערן.
איז אויף אים געפֿאַלן אַ גרויסער פּחד און עס האָט אים זייער געקלאַפּט דאָס האַרץ.

און ער האָט דערציילט דעם חלום דער מלכּה.

איז אויף איר און אויף די קינדער אויך געפֿאַלן אַ גרויסער פּחד.

*

[4] טיטלען, הויכע פּאָזיציעס. — [5] אַראָפּגעוואָרפֿן.

און דער מלך האָט זיך זייער געשראָקן און האָט צונויפֿגערופֿן די אַלע פּותרי־חלומות, דהײַנו, די וואָס קענען באַשיידן אַ חלום. און איטלעכער פֿון זיי האָט נאָר פֿאַר זיך פּותר געווען.

זײַנען זייערע פּתרונות נישט אַרײַנגעגאַנגען אין זײַנע אויערן.

איז געקומען צו אים אַ חכם און האָט אים געזאָגט, באַשר ער האָט בקבלה פֿון זײַן פֿאָטער, אַז באַשר עס זײַנען פֿאַראַן שס״ה מינים תּהלוכות השמש[6], דהײַנו, דרײַ הונדערט פֿינף און זעכציק גענג האָט די זון. און עס איז פֿאַראַן אַן אָרט, ווו די אַלע שס״ה מינים גענג פֿון דער זון שײַנען־אַרײַן אַהין. און אין יענעם אָרט וואַקסט אַן אײַזערנע רוט.

און ווער עס האָט פּחד, איז ווען ער קומט צו דער רוט הנ״ל, ווערט ער ניצול פֿון דעם פּחד.

זײַנען די רייד פֿון דעם חכם וווּיל געפֿעלן דעם מלך, און ער איז געגאַנגען מיט זײַן ווײַב און קינדער און גאָר זײַן משפּחה צום אָרט הנ״ל. און דער חכם איז אויך מיט זיי געגאַנגען. און אין מיטן דעם וועג, וואָס פֿירט צו דער אײַזערנער רוט הנ״ל, שטייט אַ מלאך. דער דאָזיקער מלאך איז ממונה אויף כּעס. וואָרעם דורך כּעס באַשאַפֿט מען אַ מלאך המשחית. און דער דאָזיקער מלאך הנ״ל איז דער ממונה איבער אַלע משחיתים. און אָט דעם מלאך פֿרעגט מען דעם וועג.

וואָרעם עס איז פֿאַראַן דאָרט אַ וועג, וואָס ער איז גוט פֿאַר אַ מענטשן אויף צו גיין איבער אים. און עס איז פֿאַראַן אַ וועג, וואָס ער איז פֿול מיט גריבער. און אַ וועג וואָס איז פֿול מיט ליים. און אַזוי נאָך כּמה אַנדערע וועגן.

און איין וועג איז פֿאַראַן, וואָס דאָרט איז אַ פֿײַער, וואָס פֿיר מײַל פֿון דעם פֿײַער ווערט מען פֿאַרברענט.

האָבן זיי געפֿרעגט דעם וועג דעם מלאך. האָט ער זיי געזאָגט דעם וועג, וואָס דאָרט איז דאָס פֿײַער.

זײַנען זיי געגאַנגען, הײַנו, דער מלך מיט זײַן גאַנצער זרע מיט דעם חכם.

[6] די 365 טעג אין יאָר פֿון זונדורכגאַנג.

און דער חכם האָט אַלץ געקוקט פאַר זיך אַלע מאָל, אויב עס איז דאָרט דאָ דאָס פֿײַער. וואָרעם ער האָט געהאַט בקבלה פֿון זײַן פֿאָטער, אַז עס איז דאָרט דאָ דאָס פֿײַער הנ״ל.

דערווײַל האָט ער דערזען דאָס פֿײַער.

האָט ער געזען, אַז עס זײַנען דאָרט אומגעגאַנגען אין דעם פֿײַער מלכים און ייִדן אָנגעטאָן אין טלית און תּפֿילין.

און דאָס איז געווען, מחמת בײַ די דאָזיקע מלכים זײַנען געזעסן ייִדן אין זייער מדינה. איבער דעם האָבן זיי געקענט גיין דורך דעם פֿײַער.

האָט דער חכם געזאָגט צום מלך:

— באַשר איך האָב אַ קבלה, אַז פֿיר מײַל ווײַט פֿון דעם פֿײַער ווערט מען פֿאַרברענט, דעריבער וויל איך נישט גיין ווײַטער. דו, אַז דו ווילסט, גיי.

און דער מלך האָט זיך געטראַכט: ווײַל ער האָט געזען, אַז אַנדערע מלכים גייען דאָרט אום אין דעם פֿײַער, וועט ער אויך קענען גיין דאָרט.

האָט ער געזאָגט דעם חכם, אַז ער וויל גיין.

אָבער דער חכם האָט אים געענטפֿערט:

— איך האָב בקבלה פֿון מײַן פֿאָטער, כּנ״ל, דעריבער וויל איך נישט גיין. דו, אויב דו ווילסט גיין, גיי דיר.

און דער מלך מיט זײַן זרע זײַנען געגאַנגען.

האָט זיי פֿאַרכאַפּט דאָס פֿײַער, און ער איז פֿאַרברענט געוואָרן מיט גאָר זײַן זרע. זיי זײַנען אַלע אויסגעריסן געוואָרן.

אַז דער חכם איז געקומען אַהיים, איז דאָס געווען אַ וווּנדער פֿאַר די שׂרים, וואָס דער מלך איז פֿאַרשניטן געוואָרן מיט זײַן זרע. ער האָט זיך דאָך געהיט פֿאַר אַן אָקס און פֿאַר אַ לעמעלע, פֿון וואַנען זשע איז דאָס געקומען, וואָס זײַן זרע איז פֿאַרשניטן געוואָרן מיט אים?

האָט זיך אָנגערופֿן דער אָנוס און געזאָגט:

— דורך מיר איז ער פֿאַרשניטן געוואָרן. וואָרעם די שטערנ-

זעערס, וואָס האָבן געזען, אַז דורך אַן אָקס און אַ לעמעלע וועט זײַן זרע אויסגעריסן ווערן, האָבן נישט געוווּסט וואָס זיי זעען. וואָרעם אַן אָקס — מאַכט מען פֿון זײַן פֿעל תּפֿילין, און אַ לעמעלע — מאַכט מען פֿון זײַן וואָל ציצית פֿאַר אַ טלית. דורך זיי איז דער מלך אויסגעריסן געוואָרן מיט זײַן זרע. וואָרעם די מלכים, וואָס אין זייערע מדינות האָבן יאָ געוווינט ייִדן, וועלכע גייען אָנגעטאָן אין טלית און תּפֿילין, זײַנען איבער דעם גאָר נישט ניזוק געוואָרן, ווען זיי זײַנען געגאַנגען אין דעם פֿײַער. אָבער דער מלך, ווײַל קיין ייִדן, וואָס גייען אָנגעטאָן אין טלית און תּפֿילין, האָבן נישט געטאָרט זיצן אין זײַן מדינה, איבער דעם איז ער אויסגעריסן געוואָרן מיט זײַן זרע.

און איבער דעם האָבן דער אָקס און דאָס לעמעלע פֿון די מזלות געלאַכט פֿון אים.

און די שטערנזעערס האָבן געזען און נישט געוווּסט, וואָס זיי האָבן געזען.

און אָט אַזוי איז ער מיט זײַן זרע פֿאַרשניטן געוואָרן, כּנ״ל. אָמן, כּן יאבדו כּל אויביך ה׳ [7]!



ניגון צו כן יאבדו...

[7] (שופטים ה, ל״א) אַזוי זאָלן פֿאַרטיליקט ווערן אַלע שונאים דײַנע!

אַ מעשה פֿון אַ בן־מלך

מעשה. אַמאָל איז געווען אַ מלך. דער מלך האָט קיין קינדער נישט געהאַט. איז ער געגאַנגען און האָט זיך געפּאָרעט מיט דאָקטוירים, כּדי זײַן מלוכה זאָל נישט פֿאַרפֿרעמדט ווערן. זיי האָבן אים אָבער נישט געהאָלפֿן.

האָט ער גוזר געווען אויף ייִדן, אַז זיי זאָלן פֿאַר אים מתפּלל זײַן, ער זאָל האָבן קינדער.

האָבן ייִדן געזוכט אַ צדיק, כּדי ער זאָל פּועלן בײַ גאָט מיט זײַן תּפֿילה, דער מלך זאָל האָבן קינדער.

האָבן זיי געפֿונען אַ באַהאַלטענעם צדיק. און זיי האָבן צו אים געזאָגט, ער זאָל מתפּלל זײַן, אַז דער מלך זאָל האָבן קינדער.

האָט ער געענטפֿערט, ער ווייס גאָר נישט.

האָבן זיי דאָס מודיע געווען דעם מלך, באַשר עס איז דאָ אַ באַהאַלטענער צדיק, נאָר ער זאָגט, ער ווייס גאָר נישט.

האָט דער מלך געשיקט אַן אוקאַז [1] נאָך אים. האָט מען אים געבראַכט צום מלך. און דער מלך האָט אָנגעהויבן צו שמועסן מיט אים מיט גוטן:

— דו ווייסט דאָך, אַז די ייִדן זײַנען בײַ מיר אין דער האַנט. איך קען מיט זיי טאָן וואָס איך וויל. בכן, בעט איך דיר מיט גוטן: זײַ מתפּלל, אַז איך זאָל האָבן קינדער!

האָט דער צדיק אים מבֿטיח געווען, אַז ער וועט האָבן דאָס יאָר אַ קינד, און איז זיך אַהיימגעגאַנגען.

האָט די מלכּה געהאַט אַ טאָכטער. און די דאָזיקע בת־מלכּה איז געווען אַ גרויסער פֿאַרשוין. און אַז זי איז אַלט געווען פֿיר יאָר, האָט

[1] באַפֿעל, דעקרעט.

זי געקענט אַלע חכמות און אַלע לשונות, און האָט אויך געקענט שפּילן אויף אַלערליי כּלי־שיר.

און מלכים פֿלעגן קומען צו פֿאָרן פֿון אַלע מדינות, זיי זאָלן זי זען.

איז געווען אויף דעם מלך אַ גרויסע שׂמחה.

דערנאָך האָט דער מלך זייער געוואָלט, ער זאָל נאָך האָבן אַ זון, כּדי די מלוכה זאָל נישט אַוועקגיין צו אַ פֿרעמדן.

האָט ער ווידער אַ מאָל גוזר געווען אויף די ייִדן, זיי זאָלן מתפּלל זײַן, אַז ער זאָל האָבן אַ זון.

האָבן זיי געזוכט דעם ערשטן צדיק הנ״ל. זיי האָבן אים אָבער נישט געקענט געפֿינען, וואָרעם ער איז שוין פֿון לאַנג נפֿטר געוואָרן.

האָבן זיי ווײַטער געזוכט. האָבן זיי געפֿונען נאָך אַ באַהאַלטענעם צדיק. און זיי האָבן געזאָגט צו אים, ער זאָל געבן דעם מלך אַ זון.

האָט ער געזאָגט: ער ווייס גאָר נישט.

האָבן זיי ווידער אַ מאָל מודיע געווען דעם מלך.

האָט דער מלך דעם צדיק אויך געזאָגט כּנ״ל: „דו ווייסט דאָך, די ייִדן זײַנען בײַ מיר אין דער האַנט“, כּנ״ל.

האָט אים דער חכם, הײַנו, דער דאָזיקער צדיק הנ״ל, געזאָגט:

— וועסטו אָבער קענען טאָן, וואָס איך וועל דיר הייסן?

— יאָ! — האָט דער מלך געזאָגט.

האָט אים געזאָגט דער חכם:

— איך באַדאַרף, אַז דו זאָלסט ברענגען אַלערליי דימענטן. וואָרעם איטלעכער דימענט האָט אין זיך אַן אַנדער סגולה, וואָרעם בײַ די מלכים איז דאָ אַ ספֿר, וואָס דאָרט זײַנען פֿאַרשריבן די אַלערליי אַבֿנים טובֿות.

האָט דער מלך געזאָגט:

— איך וועל אויסברענגען אַ האַלבע מלוכה, אַבי איך זאָל האָבן אַ זון.

און ער איז געגאַנגען און האָט אים געבראַכט די אַלערליי אַבֿנים טובֿות.

האָט דער חכם זיי גענומען און זיי צעקלאַפּט. און ער האָט גע־נומען אַ בעכער ווײַן און האָט זיי אַרײַנגעשאָטן אין דעם ווײַן.

אַ האַלבן בעכער ווײַן האָט ער געגעבן דעם מלך טרינקען, און די אַנדערע העלפֿט — דער מלכּה.

און ער האָט צו זיי געזאָגט, אַז זיי וועלן האָבן אַ זון, וואָס וועט זײַן פֿון דימענטן, און ער וועט אין זיך האָבן אַלע סגולות פֿון די אַלע דימענטן.

און נאָך דעם איז זיך דער צדיק אַהיימגעגאַנגען.

*

און די מלכּה האָט געהאַט אַ זון. איז געווען גאָר אַ גרויסע שמחה אויף דעם מלך. נאָר דער זון איז נישט געווען פֿון דימענטן.

אַז דער זון איז אַלט געוואָרן פֿיר יאָר, איז ער געווען אַ גרויסער פּאַרשוין און אַ גרויסער חכם אין אַלע חכמות, און האָט געקענט אַלע לשונות.

פֿלעגן קומען צו פֿאָרן מלכים, זיי זאָלן אים זען.

און די בת־מלכּה האָט געזען, אַז זי איז שוין נישט אַזוי חשובֿ. האָט זי זיך אין אים מתקנא געווען. נאָר דאָס איז איר נחמה געווען: באַשר דער צדיק האָט געזאָגט, אַז דער זון וועט זײַן נאָר פֿון אֲבֿנים טובֿות, איז גוט כאָטש, וואָס ער איז נישט פֿון אֲבֿנים טובֿות.

איין מאָל האָט דער בן־מלך געשניטן האָלץ און האָט זיך אַ שניט געטאָן אין פֿינגער. איז די בת־מלכּה צוגעלאָפֿן צו אים אַרומבינדן דעם פֿינגער. האָט זי דאָרט דערזען אַ דימענט.

האָט זי אים מקנא געווען.

האָט זי זיך געמאַכט קראַנק, און כּמה דאָקטוירים זײַנען געקו־מען זי היילן. זיי האָבן אָבער נישט געקענט איר קיין רפֿואה געבן.

האָט מען גערופֿן מכשפֿים.

און זי האָט איין מכשף אויסגעזאָגט דעם אמת, אַז זי האָט זיך אַליין געמאַכט קראַנק, כּנ״ל, מחמת דעם ברודער. און זי האָט דעם

מכשף געפֿרעגט, אויב עס איז מעגלעך, אַז מע זאָל טאָן אַ מענטשן כּישוף, ער זאָל ווערן קרעציק.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט.

— אפֿשר וועט ער זוכן — האָט זי אים געפֿרעגט — אַן אַנדער מכשף, וואָס וועט מבֿטל זײַן דעם כּישוף און ער וועט אויסגעהיילט ווערן?

האָט דער מכשף געזאָגט, אַז מע וועט אַרײַנוואַרפֿן דעם כּישוף אין וואַסער אַרײַן, וועט מען שוין נישט קענען אים מבֿטל זײַן[2].

האָט זי אַזוי געטאָן און אַרײַנגעוואָרפֿן דעם כּישוף אין וואַסער אַרײַן.

און דער מלך האָט זיך געפּאָרעט מיט דאָקטוירים און מכשפֿים. און זיי האָבן נישט געהאָלפֿן. האָט ער גוזר געווען אויף די ייִדן פֿון זײַן מדינה, אַז זיי זאָלן מתפּלל זײַן.

האָבן די ייִדן אויפֿגעזוכט דעם צדיק הנ״ל, וואָס האָט מתפּלל געווען, אַז דער מלך זאָל האָבן אַ זון, און האָבן אים געבראַכט פֿאַר דעם מלך.

און דער צדיק פֿלעגט תּמיד מתפּלל זײַן פֿאַר השם יתברך: באַשר ער האָט צוגעזאָגט דעם מלך, אַז זײַן זון זאָל זײַן נאָר פֿון אֲבֿנים טו־בֿות, צום סוף איז ער נישט געווען אַזוי. ער האָט געטענהט צום איבערשטן:

— צי האָב איך דען דאָס געטאָן פֿון מײַן כּבֿוד וועגן? איך האָב דאָך דאָס געטאָן נישט מער ווי פֿון דײַן כּבֿוד וועגן. פֿאַר וואָס זשע איז נישט מקוים געוואָרן אַזוי ווי איך האָב געזאָגט?

און דער בן־מלך איז זייער קרעציק געוואָרן. ער האָט געהאַט

[2] דער מקור פֿון דעם דאָזיקן מאָטיוו אין דער מעשׂה איז אין ירושלמי סנהדרין כ״ו, ב, ווּ עס ווערט דערציילט די מעשׂה מיט דער מכשפֿה, וואָס האָט פֿאַרכּישופֿט דעם זון מיט דער שנור פֿון אַ ייִדישן זקן, זיי זאָלן קיין קינדער נישט האָבן, און האָט אַרײַנגעוואָרפֿן דעם כּישוף אין ים אַרײַן, פֿון וואַנען ער איז צוריק אַרויסגעשפּיגן געוואָרן דורך דעם שר של ים אויף דעם באַפֿעל פֿון ענגע ייִדישע תּנאים.

אויף דער נאָז קרעץ און אויף דעם פּנים, און אויף דעם איבעריקן גוף.

און דער צדיק איז געקומען צום מלך. האָט מתפּלל געווען אויף די קרעץ פֿון בן־מלך, ער זאָל געהיילט ווערן, און עס האָט נישט געהאָלפֿן.

האָט מען אים מודיע געווען פֿון אויבן, אַז דאָס איז אַ כּישוף.

און דער צדיק הנ״ל איז העכער געווען פֿון אַלע מכשפים.

איז דער צדיק געקומען און האָט מודיע געווען דעם מלך, אַז דאָס איז אַ כּישוף, און אַז מע האָט דעם כּישוף אין וואַסער אַרײַנגעוואָרפֿן, קען דער בן־מלך אַנדערש נישט געהיילט ווערן, סײַדן מע זאָל אַרײַנוואַרפֿן דעם מכשף, וואָס האָט געטאָן דעם כּישוף, אין וואַסער אַרײַן.

האָט דער מלך געזאָגט:

— איך גיב דיר אַלע מכשפים, מע זאָל זיי אַרײַנוואַרפֿן אין וואַסער, אַבי מײַן זון זאָל אויסגעהיילט ווערן.

האָט די בת־מלכּה מורא געהאַט און איז געלאָפֿן צום וואַסער אַרויסנעמען דעם כּישוף פֿון דעם וואָסער. וואָרעם זי האָט געוווסט, ווו דער כּישוף ליגט. איז זי אַרײַנגעפֿאַלן אין וואַסער אַרײַן.

איז געוואָרן אַ גרויס געפּילדער, אַז די בת־מלכּה איז אַרײַנגעפֿאַלן אין וואַסער אַרײַן.

איז דער צדיק הנ״ל געקומען און האָט געזאָגט, אַז דער בן־מלך וועט שוין אויסגעהיילט ווערן.

און ער איז אויסגעהיילט געוואָרן.

די צרעת איז פֿאַרדאַרט געוואָרן און איז אַראָפּגעפֿאַלן.

און דערנאָך האָט זיך אָפּגעשיילט גאָר די הויט פֿון אים.

איז ער געוואָרן נאָר פֿון אַבנים טובֿות און האָט אין זיך געהאַט די אַלע סגולות פֿון אַבנים טובֿות.

וואָרעם, אַז די הויט האָט זיך אָפּגעשיילט, האָט מען געזען, אַז דער בן־מלך איז אין גאַנצן פֿון אַבנים טובֿות, אַזוי ווי דער צדיק האָט געזאָגט.

אַ מעשה פֿון אַ פֿאַרביטענעם בן־מלך מיט אַ פֿאַרביטענעם בן־שפּחה

— א —

אַ מעשה מיט אַ מלך, וואָס בײַ אים אין שטוב איז געווען אַ שפּחה, וועלכע האָט באַדינט די מלכּה.

און אַ קעכין טאָר מן הסתּם נישט אַרײַנקומען צום מלך; נאָר די שפּחה האָט געהאַט עפּעס אַן אַנדערע אַרבעט, אַ קליינע אַרבעט.

און עס איז געקומען די צײַט, ווען די מלכּה האָט באַדאַרפֿט האָבן אַ קינד.

און די שפּחה האָט אויך באַדאַרפֿט געווינען אין דער צײַט.

איז געגאַנגען די באָבע [1] און האָט איבערגעביטן די קינדער, כּדי זי זאָל זען וואָס דאָ וועט זיך טאָן, וואָס דערפֿון וועט אַרויסקומען. זי האָט גענומען דאָס קינד פֿון דעם מלך און עס אַנידערגעלייגט נעבן דער שפּחה, און דאָס קינד פֿון דער שפּחה האָט זי געלייגט נעבן דער מלכּה.

די קינדער האָבן אָנגעהויבן אונטערצווואַקסן. דער בן־מלך, הײַנו, דער וואָס איז געוואַקסן בײַם מלך, מחמת מע האָט געמיינט, אַז דאָס איז דער זון פֿון דעם מלך, האָט מען „אויפֿגעהויבן״ אַלע מאָל העכער, העכער, ביז ער איז געוואָרן זייער גרויס און איז גאָר אַ גרויסער „בריה״ געוואָרן.

און אויך יענער בן־שפּחה, הײַנו, דער וואָס איז געווען דער אמתער בן־מלך, נאָר ער איז דערצויגן געוואָרן בײַ דער שפּחה, איז אויסגעוואַקסן בײַ איר אין הויז.

---

[1] הייבאַם.

און די בײדע קינדער האָבן געלערנט אין אײנעם אין אײן חדר.

און אָט דער אמתער בן־מלך, וואָס ווערט אָנגערופֿן בן השפֿחה, האָט זײַן טבֿע געצויגן צום נימוס [2] פֿון אַ מלכות, נאָר ער איז מגודל געוואָרן בײַ דעם עבֿד אין שטוב.

און פֿאַרקערט: דער בן השפֿחה, וואָס ווערט אָנגערופֿן בן המלך, האָט זײַן טבֿע געצויגן צו אַן אַנדער נימוס, וואָס איז כּלל נישט ווי דער נימוס פֿון אַ מלך. נאָר ער איז מגודל געוואָרן בײַ דעם מלך אין שטוב, האָט ער זיך געמוזט פֿירן נאָך דעם נימוס פֿון אַ מלכות, וואָס מע האָט אים מגדל געווען אין דעם נימוס.

און מחמת ווײַבער זײַנען גרינג אויף דער דעה, זײ קענען זיך נישט אײַנהאַלטן, איז געגאַנגען די באָבע הנ״ל און אויסגעזאָגט דעם סוד פֿאַר אײנעם, באַשר זי האָט פֿאַרביטן די קינדער, כּנ״ל.

און אַזוי ווי איטלעכער מענטש האָט זיך זײַן חבֿר, און דער חבֿר האָט ווידער אויך אַ חבֿר. האָט אַזוי אײנער אויסגעזאָגט דעם אַנדערן, ביז דער סוד איז אַרויסגעקומען, אַזוי ווי דער סדר פֿון דער וועלט איז, ביז דער עולם האָט דערפֿון אָנגעהויבן שמועסן שטילערהײט, באַשר דער בן־מלך איז פֿאַרביטן געוואָרן. אין דער הויך האָט מען דאָך דערפֿון אַוודאי נישט געקענט רײדן, כּדי דער מלך זאָל פֿון דעם נישט געוויר ווערן. וואָרעם מיט וואָס וועט ער זיך דעמאָלט קענען העלפֿן? עס איז דאָך קײן עצה דערצו נישטאָ. וואָרעם אין גאַנצן גלײבן אין דעם קען מען נישט, מחמת טאָמער איז עס גאָר אַ ליגן? און ווי אַזוי קען מען צוריק איבערבײַטן? דעריבער האָבן זײ פֿאַרשטאַנען, אַז זײ טאָרן אַוודאי צו דעם מלך דעם סוד נישט מגלה זײַן. נאָר דער עולם האָט צווישן זיך שטילערהײט געשמועסט דערפֿון.

*

ויהי היום, איז געגאַנגען אײנער און האָט אויסגעזאָגט דעם סוד פֿאַר דעם בן־מלך: באַשר מע זאָגט אויף אים, אַז ער איז פֿאַרביטן געוואָרן, כּנ״ל.

[2] פֿירונג, מאַנירן.

— נאָר דו קענסט עס נישט אויספֿאָרשן, וואָרעם עס איז נישט לפֿי כּבֿודך. נאָר איך האָב עס דיר דערצײלט, כּדי דו זאָלסט קענען וויסן. טאָמער וועט אַ מאָל זײַן אַ בונט אַקעגן דער מלוכה, וועט דער בונט דורך דעם קענען שטאַרקער זײַן. וואָרעם זײ וועלן זאָגן, אַז זײ נעמען זיך דעם בן־מלך פֿאַר אַ מלך, היינו, דעם וואָס מע זאָגט אויף אים, אַז ער איז צום אמת דער בן־מלך, כּנ״ל. דעריבער באַדאַרפֿסטו זען, צו פֿאַרטראַכטן אַן עצה, ווי אַזוי דו זאָלסט יענעם בחור פֿון דער וועלט אומברענגען.

אָט אַזוי האָט אַלץ גערעדט דער אײנער, וואָס האָט מגלה געווען דעם סוד פֿאַר דעם בן־שפֿחה, וואָס מע האָט אָנגענומען פֿאַר דעם בן־מלך.

איז געגאַנגען דער בן־מלך, היינו, דער וואָס מע האָט נאָר גערופֿן בן־מלך, און האָט אָנגעהויבן צו טאָן שפּיצלעך דעם בן־שפֿחהס פֿאָטער, וואָס צום אמת איז ער דאָך טאַקע געווען זײַן אײגענער פֿאָטער, און אָנגעלײגט זיך אַלץ אים אָנצוטאָן צרות תּמיד. ער האָט אים אַלץ דערלאַנגט שפּיצלעך, אײנס נאָכן אַנדערן, כּדי ער זאָל מוזן עוקר זײַן מיט זײַן זון.

און כּל־זמן דער מלך אַלײן האָט נאָך געלעבט, האָט ער נאָך פֿאָרט אַזאַ גרויסע ממשלה נישט געהאַט, כאָטש ער האָט אים אויך דעמאָלט פֿאַרשאַפֿט אַ סך צרות. אָבער דער מלך איז אַלט געוואָרן און איז געשטאָרבן.

האָט ער, היינו, דער פֿאַרביטענער בן־שפֿחה, וואָס ווערט גערופֿן איצט בן־מלך, כּנ״ל, איבערגענומען די מלוכה. און דעמאָלט האָט ער נאָך מער שלעכטס געטאָן צו יענעם זונס פֿאָטער, היינו, צו דעם פֿאָטער פֿון בן השפֿחה, וואָס צום אמת איז ער געווען דער בן־מלך, און אָט דער פֿאָטער איז טאַקע געווען זײַן פֿאָטער: דער פֿאָטער פֿון דעם, וואָס האָט אָפּגענומען די מלוכה; וואָרעם זײ זײַנען דאָך געווען פֿאַרביטן, כּנ״ל. ער האָט אים זײער שטאַרק נוגש געווען.

און אַלץ האָט ער אָפּגעטאָן פֿאַרשטעלט, אַז די וועלט זאָל נישט וויסן, אַז עס איז פֿון אים, וואָרעם עס איז נישט שײן פֿאַר לײַטן.

און די בײדע קינדער האָבן געלערנט אין אײנעם אין אײן חדר.

און אָט דער אמתער בן־מלך, וואָס ווערט אָנגערופֿן בן השפחה, האָט זײַן טבֿע געצויגן צום נימוס [2] פֿון אַ מלכות, נאָר ער איז מגודל געוואָרן בײַ דעם עבֿד אין שטוב.

און פֿאַרקערט: דער בן השפחה, וואָס ווערט אָנגערופֿן בן המלך, האָט זײַן טבֿע געצויגן צו אַן אַנדער נימוס, וואָס איז כּלל נישט ווי דער נימוס פֿון אַ מלך. נאָר ער איז מגודל געוואָרן בײַ דעם מלך אין שטוב, האָט ער זיך געמוזט פֿירן נאָך דעם נימוס פֿון אַ מלכות, וואָס מע האָט אים מגדל געווען אין דעם נימוס.

און מחמת ווײַבער זײַנען גרינג אויף דער דעה, זײ קענען זיך נישט אײַנהאַלטן, איז געגאַנגען די באָבע הנ״ל און אויסגעזאָגט דעם סוד פֿאַר אײנעם, באַשר זי האָט פֿאַרביטן די קינדער, כּנ״ל.

און אַזוי ווי איטלעכער מענטש האָט זיך זײַן חבֿר, און דער חבֿר האָט ווידער אויך אַ חבֿר. האָט אַזוי אײנער אויסגעזאָגט דעם אַנדערן, ביז דער סוד איז אַרויסגעקומען, אַזוי ווי דער סדר פֿון דער וועלט איז, ביז דער עולם האָט דערפֿון אָנגעהויבן שמועסן שטילערהײט, באַשר דער בן־מלך איז פֿאַרביטן געוואָרן. אין דער הויך האָט מען דאָך דערפֿון אַוודאי נישט געקענט רײדן, כּדי דער מלך זאָל פֿון דעם נישט געוויר ווערן. וואָרעם מיט וואָס וועט ער זיך דעמאָלט קענען העלפֿן? עס איז דאָך קײן עצה דערצו נישטאָ. וואָרעם אין גאַנצן גלײבן אין דעם קען מען נישט, מחמת טאָמער איז עס גאָר אַ ליגן? און ווי אַזוי קען מען צוריק איבערבײַטן? דעריבער האָבן זײ פֿאַרשטאַנען, אַז זײ טאָרן אַוודאי צו דעם מלך דעם סוד נישט מגלה זײַן. נאָר דער עולם האָט צווישן זיך שטילערהײט געשמועסט דערפֿון.

*

ויהי היום, איז געגאַנגען אײנער און האָט אויסגעזאָגט דעם סוד פֿאַר דעם בן־מלך: באַשר מע זאָגט אויף אים, אַז ער איז פֿאַרביטן געוואָרן, כּנ״ל.

---

[2] פֿירונג, מאַנירן.

— נאָר דו קענסט עס נישט אויספֿאָרשן, וואָרעם עס איז נישט לפֿי כּבֿודך. נאָר איך האָב עס דיר דערצײלט, כּדי דו זאָלסט קענען וויסן. טאָמער וועט אַ מאָל זײַן אַ בונט אַקעגן דער מלוכה, וועט דער בונט דורך דעם קענען שטאַרקער זײַן. וואָרעם זײ וועלן זאָגן, אַז זײ נעמען זיך דעם בן־מלך פֿאַר אַ מלך, הײַנו, דעם וואָס מע זאָגט אויף אים, אַז ער איז צום אמת דער בן־מלך, כּנ״ל. דעריבער באַדאַרפֿסטו זען, צו פֿאַרטראַכטן אַן עצה, ווי אַזוי דו זאָלסט יענעם בחור פֿון דער וועלט אומברענגען.

אָט אַזוי האָט אַלץ גערעדט דער אײנער, וואָס האָט מגלה געווען דעם סוד פֿאַר דעם בן־שפֿחה, וואָס מע האָט אָנגענומען פֿאַר דעם בן־מלך.

איז געגאַנגען דער בן־מלך, הײַנו, דער וואָס מע האָט נאָר גערופֿן בן־מלך, און האָט אָנגעהויבן צו טאָן שפּיצלעך דעם בן־שפֿחהס פֿאָטער, וואָס צום אמת איז ער דאָך טאַקע געווען זײַן אײגענער פֿאָטער, און אָנגעלײגט זיך אַלץ אים אָנצוטאָן צרות תּמיד. ער האָט אים אַלץ דערלאַנגט שפּיצלעך, אײנס נאָכן אַנדערן, כּדי ער זאָל מוזן עוקר זײַן מיט זײַן זון.

און כּל־זמן דער מלך אַלײן האָט נאָך געלעבט, האָט ער נאָך פֿאָרט אַזאַ גרויסע ממשלה נישט געהאַט, כאָטש ער האָט אים אויך דעמאָלט פֿאַרשאַפֿט אַ סך צרות. אָבער דער מלך איז אַלט געוואָרן און איז געשטאָרבן.

האָט ער, הײַנו, דער פֿאַרביטענער בן־שפֿחה, וואָס ווערט גערופֿן איצט בן־מלך, כּנ״ל, איבערגענומען די מלוכה. און דעמאָלט האָט ער נאָך מער שלעכטס געטאָן צו יענעם זונס פֿאָטער, הײַנו, צו דעם פֿאָטער פֿון בן השפֿחה, וואָס צום אמת איז ער געווען דער בן־מלך, און אָט דער פֿאָטער איז טאַקע געווען זײַן פֿאָטער: דער פֿאָטער פֿון דעם, וואָס האָט אָפּגענומען די מלוכה; וואָרעם זײ זײַנען דאָך געווען פֿאַרביטן, כּנ״ל. ער האָט אים זײער שטאַרק גוגש געווען.

און אַלץ האָט ער אָפּגעטאָן פֿאַרשטעלט, אַז די וועלט זאָל נישט וויסן, אַז עס איז פֿון אים, וואָרעם עס איז נישט שײן פֿאַר לײַטן.

*

און דער אַבי הבן, הנ״ל, האָט פאַרשטאַנען, אַז ער טוט אים אָפּ שפּיצלעך מחמת דעם, וואָס די וועלט שמועסט, אַז די קינדער זיינען פאַרביטן געוואָרן. איז ער געגאַנגען און דערציילט זיין זון — היינו: דעם אמתן בן־מלך, וואָס מחמת דעם חילוף האָט עס אויסגעזען, אַז ער איז זיין זון — דעם גאַנצן ענין.

און ער האָט געזאָגט צו אים, אַז ער האָט אויף אים גרויס רחמנות. וואָרעם ממה־נפשך: ביסטו אַנדערש, מיין קינד, האָב איך דאָך אוודאי גרויס רחמנות אויף דיר; ביסטו אַנדערש נישט, מיין קינד, נאָר ביסט צום אמת דער בן־מלך, איז דאָך נאָך מער רחמנות אויף דיר. וואָרעם דער, וואָס האָט אָפּגענומען די מלוכה, וויל דאָך דיך גאָר אין גאַנצן פון דער וועלט אומברענגען, חס ושלום. איבער דעם מוזסטו עוקר זיין, אַנטלויפן פון דאַנען.

האָט עס אים זייער געאַרט.

נאָר דער מלך הנ״ל, היינו, דער וואָס איז געוואָרן מלך אויף דעם אָרט פון זיין פאָטער, וואָרעם מע האָט געמיינט, אַז ער איז דער בן־מלך מחמת דעם חילוף, האָט דערווייל אַלע מאָל דערלאַנגט נייע שפּיצלעך, איינס נאָכן אַנדערן.

האָט זיך דעמאָלט דער בן־מלך הנ״ל, דער אמתער בן־מלך, מיישב געווען: ער מוז אַנטלויפן.

האָט אים דער פאָטער געגעבן אַ סך געלט און ער איז פון דאָרטן אַוועק.

און עס האָט אים, דעם בן־מלך הנ״ל, וואָס איז געווען צום אמתן דער בן־מלך, זייער פאַרדראָסן, וואָס ער איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין מדינה אומזיסט. וואָרעם ער האָט זיך געקלערט: פאַר וואָס און פאַר ווען קומט עס מיר, איך זאָל פאַרטריבן ווערן? בין איך דער בן־מלך, קומט מיר אַוודאי נישט, איך זאָל פאַרטריבן ווערן; און אויב אַפילו איך בין נישט דער בן־מלך, קומט מיר אויך נישט, איך זאָל

זיין אַ בורח, אַן אַנטלאָפענער, אומזיסט. וואָרעם וואָס בין איך דאָ שולדיק? מיט וואָס האָב איך זיך פאַרזינדיקט?

און מחמת פאַרדראָס האָט ער זיך גענומען צום טרונק און איז געגאַנגען לבית הזונות[3]. ער האָט מיט דעם געוואָלט פאַרברענגען אַלע זיינע יאָרן: שיכּורן און גיין נאָך וואָס זיין האַרץ גלוסט, דערפאַר וואָס ער איז פאַרטריבן געוואָרן אומזיסט.

און דער מלך, דהיינו, דער פאַלשער בן־מלך, האָט געפירט די מלוכה שטרענג. און אַז ער האָט עפּעס געהערט וועגן געוויסע מענטשן, זיי מורמלען און שמועסן עפּעס וועגן דעם חילוף הנ״ל, האָט ער זיי געשטראָפט און געפּייניקט און זיך שטאַרק נוקם געווען אין זיי.

און אָט אַזוי האָט ער געקעניגט בתוקף ועוז[4].

*

ויהי היום איז דער מלך געפאָרן מיט זיינע שׂרים נאַ וולאָווי[5], דהיינו, כאַפּן חיות. זיינען זיי צוגעקומען צו אַ שיינעם אָרט. און אַ טייכל וואַסער איז געווען פאַר אָט יענעם אָרט.

האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט דאָרטן רוען און שפּאַצירן. און דער בן־מלך האָט זיך אַ ביסל צוגעלייגט.

איז אים געקומען אויפן זינען די מעשׂה הנ״ל, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, ווען ער האָט פאַרטריבן דעם דאָזיקן אומזיסט. וואָרעם ממה־נפשך, איז ער אַנדערש, דער בן־מלך, איז לא די וואָס ער איז פאַרביטן געוואָרן — פאַר וואָס זאָל ער נאָך פאַרטריבן ווערן אומזיסט? און איז ער נישט דער בן־מלך, קומט דאָך אים אויך נישט, מע זאָל אים פאַרטרייבן — וואָס זשע האָט ער געזינדיקט?

און דער מלך האָט אַלץ געטראַכט דערפון, און חרטה געהאַט אויף דער גרויסער עבירה און אויף דער גרויסער עוולה, וואָס ער האָט דאָ געטאָן, און קיין עצה זיך נישט געקענט געבן, ווי ער זאָל זיך פירן.

---

[3] שאַנדהייזער. [4] מיט דער שטאַרקער האַנט. — [5] אויף יאָגד.

און שמועסן וועגן דעם קען מען דאָך מיט קיין מענטשן נישט: מע קען זיך נישט מיט קיינעם קיין עצה האַלטן, וואָרעם מע שעמט זיך אַוודאי אַזוינס צו שמועסן מיט לײַט.

איז דער מלך זייער פֿאַרזאָרגט געוואָרן. און מחמת גרויס דאַגה האָט ער געהייסן די שׂרים, מע זאָל זיך אַהיים אומקערן. וואָרעם מחמת עס זײַנען אים באַפֿאַלן דאַגות, איז אים שוין נישט געלעגן אין קאָפּ צו שפּאַצירן. און די האָבן זיך אומגעקערט אַהיים.

און אַז דער מלך איז געקומען אַהיים, האָט ער דאָך אַוודאי געהאַט כּמה זאַכן און אינטערעסן. האָט ער זיך פֿאַרטאָן אין זײַנע אינטערעסן. איז אים די זאַך אויס זײַן זין אַרויס, דהײַנו, די דאַגה און די חרטה, וואָס ער האָט געהאַט אויף דעם, וועמען ער האָט פֿאַרטריבן אומזיסט.

*

און דער וואָס איז פֿאַרטריבן געוואָרן, הײַנו, דער אמתער בן־מלך, און האָט געטאָן, וואָס ער האָט געטאָן, און אויסגעבראַכט זײַן געלט, איז איין מאָל אַרויסגעגאַנגען אַליין שפּאַצירן, און ער האָט זיך אויך צוגעלייגט אַ ביסל, איז אים געקומען אויפֿן זינען, וואָס מיט אים האָט זיך איבערגעטאָן. און ער האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן:

— וואָס האָט עס דאָ גאָט געטאָן מיט מיר? בין איך אַנדערש, דער בן־מלך, קומט דאָס מיר אַוודאי נישט. און אַז איך בין נישט דער בן־מלך, קומט מיר אויך נישט, אַז איך זאָל זײַן אַ בורח און אַ פֿאַרטריבענער.

דערנאָך האָט ער זיך מיישבֿ געווען אין דער דעה:

— אַדרבה, אַז עס איז יאָ אַזוי, אַז השם יתברך קען יאָ אַזוינס טאָן, אַז מע זאָל פֿאַרבײַטן אַ בן־מלך און עס זאָל מיט אים פֿאָרקומען כּנ״ל — אויב אַזוי איז דען רעכט דאָס אַלץ, וואָס איך האָב געטאָן? האָב איך זיך דען באַדאַרפֿט אַזוי פֿירן, ווי איך האָב זיך געפֿירט.

און ער האָט אָנגעהויבן זיך מצער צו זײַן און גרויס חרטה האָבן אויף די מעשׂים רעים, וואָס ער האָט געטאָן.

דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים, דאָרט ווו ער איז געווען, און האָט זיך ווײַטער גענומען צום טרונק. נאָר מחמת ער האָט שוין אָנגעהויבן חרטה צו האָבן, פֿלעגן אים מבֿלבל זײַן די מחשבֿות פֿון חרטה און תּשובֿה, וואָס זײַנען אים געקומען אויפֿן זינען אַלע מאָל.

איין מאָל האָט ער זיך צוגעלייגט און עס האָט זיך אים געחלומט: באַשר אין דעם אָרט איז אַ יאַריד אין דעם און דעם טאָג, בכן זאָל ער אַהין גיין, און וואָס פֿאַר אַ פֿאַרדינסט עס וועט זיך אים טרעפֿן צו ערשט, זאָל ער אָננעמען, כאָטש די אַרבעט וועט נישט זײַן ווערדליק זײַן כּבֿוד...

און ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט.

דער חלום איז אים שטאַרק אַרײַן אין דער מחשבֿה אַרײַן, וואָרעם אַ מאָל גייט אַזאַ חלום גיך אַוועק פֿון דער מחשבֿה, אָבער דער דאָזיקער חלום איז אים זייער אַרײַן אין דער מחשבֿה זײַנער. פֿון דעסט וועגן איז בײַ אים פֿאָרט זייער שווער געווען, אַז ער זאָל דאָס טאָן. נאָר ער איז געגאַנגען ווײַטער צום טרונק.

האָט זיך אים ווידער אַ מאָל געחלומט דער חלום. עס האָט זיך אים כּמה פּעמים געחלומט. איז ער דערפֿון זייער מבֿולבל געוואָרן.

איין מאָל האָט מען אים געזאָגט אין חלום:

— אַז דו ווילסט אויף דיר רחמנות האָבן, זאָלסטו טאָן כּנ״ל, דהײַנו, ער זאָל גיין אויף דעם יאַריד, כּנ״ל.

האָט ער שוין געמוזט מקיים זײַן דעם חלום.

איז ער געגאַנגען און האָט אַוועקגעגעבן דאָס איבעריקע געלט, וואָס ער האָט נאָך געהאַט, אויף דעם האַרבעריק, ווו ער איז געשטאַנען, און די גוטע קליידער, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער אויך געלאָזט אויף דער סטאַנציע; און ער האָט גענומען פֿאַר זיך אַ פּראָסטן מלבוש, וואָס סוחרים טראָגן, הײַנו, אַ פּינטשע, און ער איז געפֿאָרן אויף דעם יאַריד און געקומען אַהין.

און ער איז אױפֿגעשטאַנען גאַנץ פֿרי און געגאַנגען אױף דעם יאַריד.

האָט אים באַגעגנט אַ סוחר און געזאָגט צו אים:

— װילסטו עפּעס פֿאַרדינגען בײַ אַן אַרבעט?

האָט ער אים געענטפֿערט:

— יאָ.

האָט ער אים געזאָגט:

— איך באַדאַרף דאָ טרײַבן בהמות. װעסטו זיך פֿאַרדינגען בײַ מיר?

און ער האָט קײן צײַט נישט געהאַט צו מיישבֿ זײַן זיך, מחמת דעם חלום הנ״ל, װאָרעם דער חלום איז דאָך געװען, אַז דאָס ערשטע פֿאַרדינסט, װאָס מע לײגט אים פֿאַר, מוז ער אָננעמען. האָט ער זיך איבער דעם אָנגערופֿן און געענטפֿערט תּיכף:

— יאָ.

און דער סוחר האָט אים תּיכף געדונגען און אָנגעהױבן באַלד צו שאַפֿן און באַדינען זיך מיט אים װי אַ האַר מיט זײַנע משרתים.

האָט ער זיך אָנגעהױבן אַרומקוקן, װאָס ער האָט דאָ געטאָן אַזױנס. װאָרעם עס פּאַסט דאָך אַװדאי פֿאַר אים נישט אַזאַ מין אַרבעט. װאָ־רעם ער איז זיך אַן אײדעלער מענטש און אַצינד װעט ער מוזן טרײַבן בהמות און װעט באַדאַרפֿן גײן צו פֿוס בײַ די בהמות.

נאָר מע קען שױן קײן חרטה נישט האָבן. דער סוחר שאַפֿט זיך מיט אים, װי אַ האַר שאַפֿט זיך מיט די משרתים זײַנע.

האָט ער געפֿרעגט דעם סוחר:

— װי אַזױ װעל איך אַלײן גײן מיט די בהמות?

האָט ער אים געענטפֿערט:

— עס זײַנען דאָ נאָך פּאַסטעכער, װאָס טרײַבן מײַנע בהמות, װעסטו מיט זײ אין אײנעם גײן.

און דער סוחר האָט אים געגעבן צו דער האַנט עטלעכע בהמות, ער זאָל זײ טרײַבן.

האָט ער די בהמות אַרױסגעפֿירט פֿון דער שטאָט און דאָרטן איז

ער זיך צונױפֿגעקומען מיט די איבעריקע פּאַסטעכער, װאָס האָבן געטריבן דעם סוחרס בהמות, און זײ זײַנען אין אײנעם געגאַנגען.

און דער סוחר איז געריטן אױף אַ פֿערד מיט אַכזריות בײַ דער זײַט פֿון די פּאַסטעכער. און אַקעגן אים האָט ער גאָר גרױס אַכזריות און כּעס געהאַט.

און ער האָט זיך זײער שטאַרק געשראָקן פֿאַר דעם סוחר, מחמת ער האָט געזען, אַז ער האָט זײער גרױס אַכזריות און כּעס אַקעגן אים. האָט ער מורא געהאַט, טאָמער גיט ער אים אַ זעץ מיט דעם שטעקן, װעט ער תּיכף שטאַרבן, הײַנו, צוליב דעם, װאָס ער איז אַזאַ אײדע־לער. װאָרעם ער איז געװען זײער אַן אײדעלער, האָט זיך אים גע־דאַכט אַזױ.

איז ער געגאַנגען אַזױ אין שרעק מיט די בהמות און דער סוחר נעבן אים.

און זײ זײַנען צוגעקומען צו אַן אָרט, און האָבן גענומען דעם זאַק, װאָס דאָרטן ליגט דאָס ברױט פֿון די פּאַסטעכער. און דער סוחר האָט זײ געגעבן צום עסן. און מע האָט אים אױך געגעבן צום עסן פֿון דעם דאָזיקן ברױט.

דערנאָך זײַנען זײ געגאַנגען נעבן אַ זײער געדיכטן װאַלד.

זײַנען פֿאַרגאַנגען צװײ בהמות פֿון זײַנע בהמות אין װאַלד אַרײַן.

האָט אױף אים דער סוחר אַ געשרײ געטאָן.

איז ער געגאַנגען נאָך די בהמות אין װאַלד אַרײַן, ער זאָל זײ כאַפּן.

זײַנען די בהמות נאָך װײַטער אַנטלאָפֿן.

און ער האָט זיך װײַטער נאָכגעיאָגט נאָך זײ.

און מחמת דער װאַלד איז געװען געדיכט און פֿאַרװאַקסן, איז תּיכף װי ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין װאַלד אַרײַן האָבן זײ זיך שױן נישט געזען אײנס דאָס אַנדערע, און ער איז באַלד פֿאַרהױלן געװאָרן פֿון די אױגן פֿון די חבֿרים זײַנע.

און ער, דהײַנו, דער בן־מלך, װאָס בײַ אים זײַנען עס פֿאַרגאַנ־גען די צװײ בהמות, איז אַלץ געגאַנגען און האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך

די בהמות און זיי זײַנען אַלץ ווײַטער געלאָפֿן.

האָט ער זיך אַזוי לאַנג נאָכגעיאָגט נאָך זיי, ביז ער איז אַרײַנגעקומען אין סאַמע געדיכטן אָרט פֿון וואַלד אַרײַן.

האָט ער זיך מיישבֿ געווען: סײַ ווי סײַ וועל איך שוין שטאַרבן. וואָרעם אויב איך וועל זיך אומקערן אָן די בהמות, וועט מיך דער סוחר הרגענען, וואָרעם מחמת דעם גרויסן פּחד, וואָס ער האָט געהאַט פֿאַר דעם סוחר, האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער סוחר וועט אים הרגענען, אויב ער וועט זיך אומקערן אַהיים אָן די בהמות — און אַז איך וועל דאָ זײַן, וועל איך אויך שטאַרבן דורך די חיות פֿון וואַלד. האָט ער זיך מיישבֿ געווען:

— צו וואָס זאָל איך מיך אומקערן צום סוחר? וואָרעם ווי אַזוי קען איך קומען צו אים אָן די בהמות?

וואָרעם ער האָט פֿאַר אים גרויס פּחד געהאַט.

איז ער געגאַנגען און האָט זיך ווײַטער געיאָגט נאָך די בהמות. און זיי אַנטלויפֿן אַלץ.

דערווײַל איז געוואָרן נאַכט.

און אַזוינס האָט ער נאָך גאָר נישט געהאַט, אַז ער זאָל מוזן נעכטיקן אַליין בײַ נאַכט אין אַזאַ געדיכטן וואַלד.

און ער האָט געהערט דאָס ברומען פֿון די חיות, וואָס האָבן געשריגן, ווי זייער סדר איז.

האָט ער זיך מיישבֿ געווען און איז אַרויפֿגעגאַנגען אויף אַ בוים און האָט דאָרטן גענעכטיקט.

און ער האָט אַ גאַנצע נאַכט געהערט דאָס קול פֿון די חיות, וואָס האָבן געשריגן, ווי זייער סדר איז.

— ב —

אין דער פֿרי, אַז ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, האָט ער געזען, אַז די בהמות שטייען נאָענט נעבן אים.

איז ער אַראָפּ פֿון דעם בוים און איז געגאַנגען זיי כאַפּן. זײַנען זיי ווײַטער אַנטלאָפֿן געוואָרן.

איז ער זיי נאָכגעגאַנגען ווײַטער, און זיי זײַנען ווײַטער אַנטלאָפֿן.

און די בהמות האָבן זיך געפֿונען דאָרט עפּעס גראָז צום עסן. האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט פּאַשען.

איז ער נאָכגעגאַנגען זיי כאַפּן — זײַנען זיי ווײַטער אַנטלאָפֿן געוואָרן.

און אַזוי איז ער זיי אַלץ נאָכגעגאַנגען און זיי זײַנען אַלץ ווײַטער אַנטלאָפֿן, ביז ער איז אַרײַנגעקומען אין גאָר אַ געדיכטן אָרט פֿון וואַלד, וואָס דאָרטן זײַנען שוין געווען חיות, וואָס האָבן גאָר קיין מורא נישט געהאַט פֿאַר מענטשן, וואָרעם זיי זײַנען זייער ווײַט פֿון ישובֿ.

און עס איז ווידער געוואָרן נאַכט.

און ער האָט געהערט דאָס קול פֿון די חיות ברומען. האָט ער זיך שטאַרק געשראָקן.

דערווײַל האָט ער דערזען, ווי עס שטייט דאָרט זייער אַ גרויסער בוים, איז ער אַרויפֿגעקראָכן אויף אים. ווי ער איז אַרויף אויף דעם בוים האָט ער דערזען: עס ליגט דאָרט אַ מענטש. האָט ער זיך זייער שטאַרק דערשראָקן. נאָר פֿון דעסט וועגן האָט ער הנאה געהאַט, מחמת ער האָט געפֿונען אַ מענטשן.

און זיי האָבן זיך געפֿרעגט איינער דעם אַנדערן:

— ווער ביסטו?

— אַ מענטש.

— ווער ביסטו?

— אַ מענטש.

— פֿון וואַנען קומסטו אַהער?

האָט ער אים נישט געוואָלט דערציילן, וואָס מיט אים האָט זיך איבערגעטאָן, האָט ער אים געענטפֿערט:

— דורך די בהמות, וואָס איך האָב געפּאַשעט. צוויי בהמות זײַנען פֿאַרגאַנגען אַהער און דורך דעם בין איך אַהער געקומען.

האָט ער ווידער געפֿרעגט דעם מענטשן, וואָס ער האָט געפֿונען דאָרט אויף דעם בוים:

— פֿון וואַנעט ביסטו געקומען אַהער?

האָט ער אים געענטפֿערט:

— איך בין געקומען אַהער דורך אַ פֿערד. וואָרעם איך בין געריטן אויף אַ פֿערד. האָב איך מיך געשטעלט אָפּרוען, איז דאָס פֿערד פֿאַרגאַנגען אין אַ וואַלד אַרײַן, האָב איך אים נאָכגעיאָגט, איך זאָל עס כאַפּן, און דאָס פֿערד איז ווײַטער אַנטלאָפֿן געוואָרן. ביז איך בין געקומען אַהער.

האָבן זיי צווישן זיך אָפּגעמאַכט, אַז זיי זאָלן זיך האַלטן אין אײנעם. און אַז זיי וועלן קומען אַפֿילו אין ישובֿ אַרײַן, זאָלן זיי זיך אויך האַלטן אין אײנעם.

און זיי האָבן דאָרטן איבערגענעכטיקט ביידע, און געהערט דאָס קול פֿון די חיות, וואָס האָבן דאָרטן געברומט און געשריגן.

*

אַקעגן טאָג האָט ער געהערט זייער אַ גרויסן געלעכטער — כאַ־כאַ־כאַ — איבער דעם גאַנצן וואַלד. וואָרעם דאָס קול פֿון דעם געלעכטער איז געגאַנגען איבער דעם גאַנצן וואַלד. עס איז זייער גרויס געווען, ביז דער בוים האָט אַזש אָנגעהויבן ציטערן פֿון דעם.

איז ער זייער דערשראָקן געוואָרן און האָט גרויס פּחד געהאַט דערפֿון.

האָט אים דער אַנדערער געזאָגט, הײַנו, דער מענטש, וועלכער האָט זיך געפֿונען דאָרט אויף דעם בוים, וואָס ער איז געלעגן דאָרט פֿון פֿריִער:

— איך האָב שוין גאָר קיין פּחד נישט דערפֿון. וואָרעם איך נעכטיק שוין דאָ כּמה נעכט. איז אַלע נאַכט, אַזוי ווי עס קומט נאָענט צום טאָג, הערט מען דאָס דאָזיקע געלעכטער, ביז עס הייבן־אָן אַלע ביימער ציטערן און טרייסלען זיך.

האָט ער זיך זייער דערשראָקן און געזאָגט צום חבֿר זײַנעם:

— אַ פּנים, אַז דאָ איז דאָס אָרט פֿון די „לײַט“[6], וואָרעם אין ישובֿ הערט מען גאָר נישט אַזאַ געלעכטער. וואָרעם ווער האָט עס ערגעץ אויף גאָר דער וועלט געהערט אַזאַ געלעכטער?

דערנאָך איז געוואָרן תּיכף טאָג.

האָבן זיי אַ קוק געטאָן, האָבן זיי געזען, ווי די בהמות פֿון דעם שטייען און דאָס פֿערד פֿון יענעם שטייט.

זײַנען זיי אַראָפּגעגאַנגען און האָבן אָנגעהויבן זיך יאָגן: דער נאָך די בהמות און יענער נאָך דעם פֿערד.

און די בהמות זײַנען אַלץ ווײַטער אַנטלאָפֿן געוואָרן און ער יאָגט זיך נאָך אַלץ נאָך זיי נאָך כּנ״ל.

און אויך דער צווייטער יאָגט־נאָך דאָס פֿערד און דאָס פֿערד אַנטלויפֿט.

און אַזוי זײַנען זיי פֿאַרגאַנגען ווײַט איינער פֿון אַנדערן און זיי האָבן איינער פֿון צווייטן נישט געוווּסט.

דערווײַל האָט ער, דהײַנו, דער בן־מלך, וואָס ער האָט עס זיך נאָכגעיאָגט נאָך די בהמות, געפֿונען אַ זאַק מיט ברויט. און דאָס איז אַוודאי זייער אַן אָנגעלייגטע זאַך אין מדבר. האָט ער גענומען דעם זאַק אויף די פּלייצעס און איז נאָכגעגאַנגען די בהמות.

דערווײַל האָט ער באַגעגנט אַ מענטשן.

האָט ער זיך תּחילה דערשראָקן. נאָר פֿון דעסט וועגן האָט ער פֿאָרט אַ ביסל הנאה געהאַט דערפֿון, וואָס ער האָט דאָ געפֿונען אַ מענטשן.

— ווי אַזוי ביסטו געקומען אַהער? — האָט דער מענטש אים געפֿרעגט.

— און ווי קומסטו אַהער? — האָט ער צוריקגעפֿרעגט יענעם מענטשן.

האָט אים יענער מענטש געענטפֿערט:

— איך, מײַנע עלטערן און מײַנע עלטערנס עלטערן זײַנען דאָ

[6] שדים.

מגודל געוואָרן. אָבער דאָ, ווי קומסטו אַהער? וואָרעם אַהער קומט גאָר נישט קיין מאָל קיין מענטש פֿון דעם ישוב.

האָט ער זיך זייער שטאַרק דערשראָקן. וואָרעם ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז גאָר קיין מענטש נישט, ווײַל ער האָט געזאָגט, אַז זײַנע עלטערן זײַנען דאָ אויפֿגעוואַקסן, און אַז קיין מענטש פֿון ישוב קומט גאָר נישט אַהער. דעריבער האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז דער מענטש, וואָס ער האָט געפֿונען, איז גאָר קיין מענטש נישט.

נאָר פֿון דעסט וועגן האָט דער מענטש אים גאָר נישט געטאָן און האָט אים נאָך מקרבֿ געווען. הײַנו, אָט דער מענטש פֿון וואַלד האָט קיין שלעכטס נישט געטאָן אָט דעם, וועלכער איז נאָכגעגאַנגען די בהמות, וואָס ער איז געווען דער אמתער בן־מלך, נאָר ער איז פֿאַרביטן געוואָרן, כנ״ל.

און ער האָט געזאָגט צו אים, הײַנו, דער מענטש פֿון וואַלד צום אמתן בן־מלך:

— וואָס טוסטו דאָ?

האָט ער אים געענטפֿערט, אַז ער יאָגט זיך נאָך די בהמות, כנ״ל.

האָט צו אים דער מענטש הנ״ל געזאָגט:

— הער שוין אויף זיך נאָכיאָגן נאָך די עוונות. וואָרעם דאָס זײַנען גאָר קיין בהמות נישט. די זינד דײַנע, זיי פֿירן עס דיך אַזוי אַרום. גענוג שוין. דו האָסט שוין אָפּגענומען דאָס דײַניקע, הײַנו, דעם עונש דײַנעם האָסטו שוין אָפּגענומען. און איצט הער שוין אויף זיי נאָכצויאָגן. קום מיט מיר. וועסטו צוקומען צו דעם, וואָס פּאַסט פֿאַר דיר.

איז ער געגאַנגען מיט אים.

און ער האָט מורא געהאַט מיט אים צו ריידן און צו פֿרעגן אים עפּעס.

וואָרעם אַזאַ מענטש — טאָמער עפֿנט ער אויף דאָס מויל און שלינגט אים אײַן.

איז ער אים אַזוי נאָכגעגאַנגען שווײַגנדיק.

דערווײַל האָט ער באַגעגנט זײַן חבֿר, וואָס האָט נאָכגעיאָגט דאָס פֿערד.

און תּיכף, ווי ער האָט אים דערזען, האָט ער אים באַלד אַ ווונק געטאָן, אַז דאָס איז גאָר קיין מענטש נישט „און דו זאָלסט מיט אים קיין מגע ומשׂא נישט האָבן". און ער איז תּיכף געגאַנגען און האָט אים דאָס אײַנגערוימט אין אויער, אַז דאָס איז גאָר קיין מענטש נישט, כנ״ל.

דערווײַל האָט יענער אַ קוק געטאָן, הײַנו, דער מענטש פֿון פֿערד, האָט ער געזען, אַז ער האָט אַ זאַק מיט ברויט אויף די פּלייצעס. האָט ער אים אָנגעהויבן בעטן:

— ברודער, עס איז שוין כּמה טעג, אַז איך האָב נישט געגעסן. גיב מיר ברויט.

— דאָ אין מדבר — האָט ער אים געענטפֿערט — העלפֿט קיין שום זאַך נישט. וואָרעם מײַן לעבן איז בילכער. איך באַדאַרף דאָס ברויט פֿון מײַנעט וועגן.

האָט ער זיך אָנגעהויבן צו בעטן בײַ אים. ער האָט אים זייער שטאַרק געבעטן:

— איך וועל דיר געבן אַלץ, וואָס איך קען דיר נאָר געבן.

נאָר אין מדבר העלפֿט אַוודאי קיין שום גאָב נישט פֿאַר ברויט. האָט ער אים געענטפֿערט:

— וואָס קענסטו מיר געבן פֿאַר ברויט אין מדבר?

האָט ער אים געענטפֿערט, הײַנו, דער וואָס האָט געבעטן ברויט, דער מענטש פֿון פֿערד, האָט געענטפֿערט דעם מענטשן פֿון די בהמות, וואָס איז געווען דער אמתער בן־מלך:

— איך גיב מיך אין גאַנצן אַוועק. איך פֿאַרקויף מיך צו דיר פֿאַר אַ קנעכט פֿאַר דעם ברויט.

און ער האָט זיך באַרעכנט, הײַנו, דער מענטש פֿון די בהמות האָט זיך באַרעכנט, אַז עס איז כּדאַי צו קויפֿן אַ מענטשן פֿאַר ברויט. האָט ער אים אָפּגעקויפֿט פֿאַר אַן אייביקן קנעכט.

דער האָט אים געשווירן מיט שבֿועות, אַז ער וועט אים זײַן אַן אייביקער קנעכט, אַפֿילו אַז זיי וועלן קומען אין ישובֿ אַרײַן. און דער

האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט אים געבן ברויט, הײַנו, זיי וועלן ביידע עסן פֿון דעם זאַק ברויט ביז עס וועט אויסגיין.

*

זײַנען זיי געגאַנגען ביידע אין איינעם און זײַנען נאָכגעגאַנגען דעם מענטשן פֿון וואַלד.

דער קנעכט, הײַנו, דער מענטש פֿון פֿערד, וואָס האָט זיך פֿאַרקויפֿט פֿאַר אַ קנעכט צום מענטשן פֿון די בהמות, איז אים, דעם מענטשן פֿון די בהמות הנ״ל, נאָכגעגאַנגען און זיי ביידע זײַנען נאָכגעגאַנגען דעם מענטשן פֿון וואַלד.

און דערווײַל איז אים שוין אַ ביסל גרינגער געוואָרן, מחמת ער האָט געהאַט שוין אַ קנעכט.

אַז ער האָט באַדאַרפֿט אויפֿהייבן עפּעס אַ זאַך אָדער עפּעס אַנדערש טאָן, האָט ער געהייסן זײַן קנעכט, הײַנו, דעם מענטשן פֿון פֿערד, וואָס האָט זיך צו אים פֿאַרקויפֿט פֿאַר אַ קנעכט, אַז ער זאָל עס טאָן פֿאַר אים אָדער ער זאָל עס אים אויפֿהייבן. און זיי זײַנען נאָכגעגאַנגען אין איינעם דעם מענטשן פֿון וואַלד. ביז זיי זײַנען צוגעקומען צו אַן אָרט, וואָס דאָרטן זײַנען געווען נחשים ועקרבים, הײַנו, שלאַנגען און עקדישן.

האָט ער זיך זייער שטאַרק דערשראָקן און מחמת פּחד האָט ער געפֿרעגט דעם מענטשן פֿון דעם וואַלד:

— ווי אַזוי וועלן מיר דאָ אַריבערגיין?

האָט ער אים געענטפֿערט:

— הלמאַי פֿרעגסטו נישט, ווי אַזוי וועסטו אַרײַן אין מײַן שטוב?

און ער האָט אים געוויזן זײַן שטוב, ווי זי שטייט אין דער לופֿטן.

און זיי זײַנען געגאַנגען מיט דעם מענטש פֿון וואַלד הנ״ל און ער האָט זיי בשלום אַריבערגעפֿירט און אַרײַנגעבראַכט צו זיך אין שטוב און זיי געגעבן עסן און טרינקען, און נאָך דעם איז ער זיך אַוועקגעגאַנגען.

*

און ער, הײַנו, דער אמתער בן־מלך, דער מענטש פֿון די בהמות, האָט זיך געשאַפֿט מיט זײַן קנעכט שטענדיק, ווען ער האָט נאָר וואָס באַדאַרפֿט.

האָט עס דעם קנעכט שטאַרק פֿאַרדראָסן, וואָס ער האָט זיך פֿאַרקויפֿט פֿאַר אַ קנעכט פֿאַר איין שעה וועגן, ווען ער האָט באַדאַרפֿט האָבן ברויט צום עסן. וואָרעם איצט האָט ער דאָך שוין וואָס צו עסן און נאָר פֿון איין שעה וועגן וועט ער דאַרפֿן זײַן אַן אייביקער קנעכט. האָט ער אַ גרויסן זיפֿץ געטאָן:

— אויף וואָס איך בין איבערגעקומען, איך זאָל דאַרפֿן זײַן אַ קנעכט.

האָט ער אים געפֿרעגט, הײַנו, דער אמתער בן־מלך, וואָס ער איז זײַן האַר געווען:

— איז וואָס פֿאַר אַ גדולה ביסטו עס געווען, וואָס דו זיפֿצסט דערויף, הלמאַי דו ביסט דערצו געקומען?

האָט ער אים געענטפֿערט און דערציילט:

— באַשר ער איז געווען אַ מלך, האָט מען אויף אים געזאָגט, אַז ער איז פֿאַרביטן געוואָרן, כּנ״ל.

וואָרעם אין אמתן איז אָט דער מענטש פֿון דעם פֿערד געווען דער בן־מלך אַליין, וואָס צום אמת איז ער גאָר געווען דער בן־שפֿחה, כּנ״ל, וואָס האָט פֿאַרטריבן זײַן חבֿר, דעם אמתן בן־מלך. נאָך דעם ווי עס איז אים איין מאָל אַרויפֿגעקומען אויף דער דעה, אַז ער האָט נישט רעכט געטאָן, און ער האָט חרטה געהאַט, האָט ער שוין שטענדיק געליטן פֿון חרטות אויף דער מעשה־רע און אויף דער גרויסער עוולה, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן זײַן חבֿר.

*

איין מאָל האָט זיך אים געחלומט, אַז זײַן תּיקון איז, ער זאָל אַוועקוואַרפֿן די מלוכה און זאָל גיין אַהין, ווו די אויגן וועלן אים טראָגן: מיט דעם וועט ער מתקן זײַן זײַן חטא.

האָט ער דאָס נישט געוואָלט טאָן.

עס פֿלעגן אים אָבער מבֿלבל זײַן תּמיד די דאָזיקע חלומות, אַז ער זאָל אַזוי טאָן, ביז עס איז בײַ אים געבליבן אין דער דעה, אַז ער זאָל אַזוי טאָן. האָט ער אַוועקגעוואָרפֿן די מלוכה און איז געגאַנגען, ווו ער איז געגאַנגען, ביז ער איז אַהער געקומען, און איצט דאַרף ער זײַן אַ קנעכט.

דערהערט ער אַלץ און שווײַגט, הײַנו, דער אמתער בן־מלך, וואָס האָט געפֿירט די בהמות הערט דאָס אַלץ, וואָס דער מענטש פֿון דעם פֿערד דערציילט אים, און שווײַגט. ער האָט זיך געטראַכט:

— איך וועל שוין וויסן, ווי אַזוי זיך צו פֿירן מיט דיר.

בײַ נאַכט איז אָנגעקומען דער מענטש פֿון דעם וואַלד הנ״ל און האָט זיי געגעבן עסן און טרינקען. און זיי האָבן דאָרט איבערגע־נעכטיקט.

אַקעגן טאָג האָבן זיי געהערט דאָס גרויסע געלעכטער, כּנ״ל, אַז אַלע ביימער האָבן אַזש געציטערט. דאָס קול פֿון געלעכטער האָט גע־בראָכן אַלע ביימער.

האָט ער אים אָנגערעדט, הײַנו, דער קנעכט האָט אָנגערעדט דעם אמתן בן־מלך, וואָס ער איז זײַן האַר, צו פֿרעגן דעם מענטש פֿון דעם וואַלד, וואָס דאָס איז, האָט ער אים געפֿרעגט:

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ גרויס געלעכטער נאָענט צו טאָג?

האָט ער אים געענטפֿערט:

— דאָס לאַכט דער טאָג אויס דער נאַכט. וואָרעם די נאַכט פֿרעגט דעם טאָג: פֿאַר וואָס, אַז דו קומסט, האָב איך קיין נאָמען נישט. הייבט־אָן דעמאָלט דער טאָג שטאַרק לאַכן, און דערנאָך ווערט טאָג. און דאָס איז דאָס געלעכטער, וואָס מע הערט נאָענט צו טאָג.

איז דאָס בײַ אים אַ גרויסער וווּנדער געווען. וואָרעם דאָס איז עפּעס אַ ווילדע זאַך, אַז דער טאָג לאַכט־אויס די נאַכט.

אָבער פֿרעגן ווײַטער האָט ער שוין נישט געקענט, אַז יענער ענטפֿערט אים מיט אַזאַ לשון.

אין דער פֿרי איז ווידער דער מענטש פֿון וואַלד אַוועקגעגאַנגען, און זיי האָבן דאָרט געגעסן און געטרונקען.

בײַ נאַכט איז ער ווידער געקומען, און זיי האָבן אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען און גענעכטיקט דאָרטן.

בײַ נאַכט האָבן זיי ווידער געהערט דאָס קול פֿון די חיות, ווי זיי האָבן געשריגן און געברומט מיט ווילדע קולות. וואָרעם די אַלע חיות און עופֿות האָבן קולות געמאַכט: דער לייב האָט געשריגן אויף זײַן שטייגער און דער לעמפּערט האָט געברומט מיט אַן אַנדער קול. און די עופֿות האָבן געסווישטשעט און געקנאַקט, און אַזוי די אַלע איבע־ריקע חיות. יעדע חיה האָט געברומט מיט אַן אַנדער קול.

תּחילת האָבן זיי זיך זייער שטאַרק דערשראָקן. האָבן זיי זיך נישט רעכט צוגעהערט צום קול, מחמת פּחד. דערנאָך האָבן זיי זיך צוגעהערט בעסער. האָבן זיי געהערט, אַז דאָס איז אַ קול פֿון אַ ניגון, אַז זיי זינגען אַ ווילן ניגון, וואָס איז אַ ווילדער חידוש. האָבן זיי זיך נאָך מער צוגעהערט.

האָבן זיי געהערט, אַז עס איז אַ וווּנדערלעכער ניגון, וואָס עס איז אַ גוואַלדיק גרויסער תּענוג אים צו הערן, וואָס די אַלע תּענוגים פֿון דער וועלט זײַנען אַלע גאָר נישט אַנטקעגן דעם גוואַלדיק גרויסן תּענוג, וואָס מע האָט, אַז מע הערט אָט דעם דאָזיקן וווּנדערלעכן ני־גון. און זיי האָבן געשמועסט צווישן זיך, אַז זיי זאָלן שוין דאָ בלײַבן. וואָרעם זיי האָבן דאָ צו עסן און צו טרינקען און זיי געניסן נאָך פֿון אַזאַ תּענוג נפֿלא, וואָס די אַלע מינים תּענוגים האָבן קיין ווערט נישט אַנטקעגן אים.

און דער קנעכט האָט אָנגערעדט דעם האַר — הײַנו, דעם אמתן בן־מלך — ער זאָל אים פֿרעגן, דעם וואַלדמענטש, וואָס דאָס איז אַזויגס. און ער האָט אים געפֿרעגט.

האָט ער אים געענטפֿערט:

— באַשר די זון האָט געמאַכט אַ מלבוש דער לבֿנה, האָבן זיך אָנגערופֿן אַלע חיות פֿון דעם וואַלד: באַשר די לבֿנה טוט זיי גרויסע טובֿות. וואָרעם זייער שליטה, די שליטה פֿון די חיות, איז דער עיקר נאָר בײַ נאַכט. וואָרעם אַ מאָל באַדאַרפֿן זיי אַרײַנגיין אין ישובֿ, קע־נען זיי נישט גיין אַהין בײַ טאָג, נאָר בײַ נאַכט, וואָרעם זייער שליטה

איז דער עיקר נאָר בײַ נאַכט. טוט זיי די לבֿנה אַזאַ טובֿה, וואָס זי לײַכט זיי. דעריבער האָבן זיי אַלע מסכּים געווען, אַז זיי זאָלן מאַכן אַ נײַעם ניגון לכּבֿוד דער לבֿנה. און דאָס איז דאָס דער ניגון וואָס איר הערט. די אַלע חיות און עופֿות זינגען עס דעם נײַעם ניגון לכּבֿוד דער לבֿנה, וואָס האָט מקבל געווען אַ מלבוש פֿון דער זון.

און אַז זיי האָבן געהערט, דאָס איז טאַקע אַ ניגון, האָבן זיי זיך נאָך מער צוגעהערט. האָבן זיי געהערט, אַז דאָס איז טאַקע אַ זייער ווױלער, זיסער ניגון.

און ער, דהײַנו, דער מענטש פֿון וואַלד הנ״ל, האָט צו זיי געזאָגט:

— וואָס איז דאָס בײַ אײַך אַזאַ חידוש? הלמאַי האָב איך אַ כּלי, וואָס איך האָב מקבל געווען פֿון מײַנע עלטערן, וועלכע זיי האָבן זי געירשנט פֿון זייערע עלטערנס עלטערן. זי איז געמאַכט געוואָרן מיט אַזױנע זאַכן, מיט אַזױנע בלעטלעך, מיט אַזױנע פֿאַרבן, וואָס אַז מע לייגט זי אַרויף אויף אַ וואַסערער בהמה אָדער אויף אַ וואַסער עוף, הייבט זי באַלד אָן אויסשפּילן דעם ניגון, וואָס די חיות האָבן דאָ געזונגען.

דערנאָך איז ווידער געוואָרן דאָס געלעכטער הנ״ל, און עס איז געוואָרן טאָג.

און דער מענטש פֿון וואַלד הנ״ל איז זיך ווידער אַוועקגעגאַנגען, און ער, הײַנו, דער אמתער בן־מלך איז געגאַנגען זוכן די כּלי הנ״ל. ער האָט אויסגעזוכט דעם גאַנצן חדר און זי נישט געקענט געפֿינען. און ווײַטער האָט ער מורא געהאַט צו גיין.

און זיי, הײַנו, דער האַר, וואָס איז דער אמתער בן־מלך, און דער קנעכט, וואָס איז אין דער אמתן דער בן־השפּחה, וואָס איז פֿרי׳ער געווען מלך, כּנ״ל — האָבן מורא געהאַט צו זאָגן דעם מענטש פֿון וואַלד הנ״ל, אַז ער זאָל זיי פֿירן אין אַ ישובֿ אַרײַן.

דערנאָך איז געקומען דער מענטש פֿון וואַלד און האָט זיי געזאָגט, אַז ער וועט זיי פֿירן אין ישובֿ אַרײַן. און ער האָט זיי געפֿירט. און ער האָט גענומען די כּלי הנ״ל און האָט זי געגעבן צום אמתן בן־מלך און געזאָגט צו אים:

— די כּלי שענק איך דיר און מיט דעם דאָזיקן מענטשן וועסטו וויסן ווי זיך נוהג צו זײַן מיט אים.

האָבן זיי אים געפֿרעגט:

— וווהין זאָלן מיר גיין?

האָט ער זיי געזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך נאָכפֿרעגן אויף דער מדינה, וואָס הייסט דאָס נאַרישע לאַנד און דער קלוגער מלכות.

האָבן זיי אים געפֿרעגט:

— ווו און אין וועלכער זײַט זאָלן מיר זיך אָנהייבן נאָכפֿרעגן אויף דער מדינה?

האָט ער זיי געוויזן מיט דער האַנט „אָט אַהער", — ווי איינער ווײַזט מיט דעם פֿינגער.

און דער מענטש פֿון וואַלד האָט געזאָגט צו דעם אמתן בן־מלך:

— גיי אַהין צו דער מדינה, וועסטו דאָרטן קומען צו דײַן גדולה.

זײַנען זיי אַוועקגעגאַנגען.

— ג —

און ווי זיי זײַנען אַזוי געגאַנגען, האָט זיך זיי שטאַרק געגלוסט צו געפֿינען עפּעס אַ חיה אָדער אַ בהמה, כּדי זיי זאָלן פּרוּוון די כּלי, אויב זי וועט קענען שפּילן דעם ניגון כּנ״ל. נאָר זיי האָבן נאָך קיין שום חיה נישט געזען.

דערנאָך זײַנען זיי מער אין ישובֿ אַרײַנגעקומען, האָבן זיי געפֿונען עפּעס אַ בהמה. האָבן זיי אויף איר אַנידערגעזעצט די כּלי, און זי האָט אָנגעהויבן שפּילן דעם ניגון הנ״ל.

זײַנען זיי געגאַנגען און געגאַנגען ביז זיי זײַנען געקומען צו דער מדינה הנ״ל. און אַרום דער מדינה איז געווען אַ מויער. מע האָט נישט געקענט אַרײַנגיין אין איר, נאָר דורך איין מויער, און מע האָט זיך געדאַרפֿט אַרומדרייען כּמה מײַל, ביז מע איז געקומען צום טויער, מע זאָל קענען אַרײַנקומען דורך אים אין דער מדינה.

האָבן זיי זיך אַזוי לאַנג אַרומגעדרייט ביז זיי זײַנען צוגעקומען צום טויער.

אַז זיי זײַנען צוגעקומען צום טויער, האָט מען זיי נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן. היות דער מלך פֿון דער מדינה איז געשטאָרבן, איז געבליבן דער בן־מלך, האָט דער מלך געלאָזט אַ צוואה, באַשר ביז אַהער האָט מען גערופֿן די מדינה „דאָס נאַרישע לאַנד און דער קלוגער מלכות״, זאָל מען הײַנט זי שוין רופֿן פֿאַרקערט, „דאָס קלוגע לאַנד און דער נאַרישער מלכות״, און דער וואָס וועט זיך אונטערנעמען, אַז דער נאָמען זאָל זײַן ווי פֿריִער, אַז מע זאָל ווידער רופֿן די מדינה מיט איר ערשטן נאָמען, הײַנו, „דאָס נאַרישע לאַנד און דער קלוגער מלכות״, זאָל דער דאָזיקער ווערן מלך. איבער דעם לאָזט מען קיין שום מענטשן נישט אַרײַן אין דער מדינה, סײַדן דעם, וואָס וועט זיך אונטערנעמען דאָס דאָזיקע, אַז ער זאָל אומקערן דער מדינה דעם ערשטן נאָמען. און איבער דעם האָט מען אים נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן, און מע האָט געזאָגט צו אים:

— קענסטו זיך דאָס אונטערנעמען, אַז דו זאָלסט דער מדינה אומקערן דעם ערשטן נאָמען?

האָט ער זיך אַוודאי נישט געקענט אונטערנעמען — האָבן זיי נישט געקענט אַרײַנגיין.

און דער קנעכט הנ״ל האָט אים אָנגערעדט, אַז זיי זאָלן זיך אומקערן אַהיים.

ער האָט אָבער נישט געוואָלט אומקערן זיך. וואָרעם דער מענטש פֿון וואַלד האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל גיין צו דער מדינה, און דאָרטן וועט ער קומען צו זײַן גדולה.

דערווײַל איז אַהין אָנגעקומען נאָך אַ מענטש, וואָס האָט געריטן אויף אַ פֿערד. ער האָט געוואָלט אַרײַנגיין אין שטאָט. מע האָט אים אָבער אויך נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן, מחמת הנ״ל.

דערווײַל האָט ער דערזען, ווי עס שטייט דאָס פֿערד פֿון יענעם מענטשן.

איז ער געגאַנגען און האָט גענומען די כּלי הנ״ל און אַנידערגעלייגט זי אויף דעם פֿערד.

האָט די כּלי אָנגעהויבן אויסשפּילן דעם וווּנדערלעכן ניגון, כּנ״ל. און דער מענטש פֿון פֿערד האָט זיך געבעטן בײַ אים זייער, ער זאָל אים פֿאַרקויפֿן די דאָזיקע כּלי.

האָט ער זי נישט געוואָלט פֿאַרקויפֿן. ער האָט אים געענטפֿערט:

— וואָס קענסטו מיר געבן פֿאַר אַזאַ וווּנדערלעכע כּלי?

האָט צו אים דער מענטש פֿון פֿערד געזאָגט:

— וואָס קענסטו דען טאָן מיט דער כּלי. דו קענסט מיט איר נאָר מאַכן קאָמעדיעס, וועסטו קריגן דערפֿאַר אַ גילדן. איך קען אָבער אַ זאַך, וואָס איז פֿיל בעסער פֿון דײַן כּלי, הײַנו, איך קען אַ זאַך, וואָס איך האָב מקבל געווען פֿון מײַנע עלטערנס עלטערן, איך זאָל זײַן אַ מבֿין דבֿר מתּוך דבֿר, הײַנו, ווען איינער זאָגט אַ דיבור גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן, קען מען דורך דער קבלה הנ״ל, וואָס איך האָב, פֿאַרשטיין אַן אַנדער זאַך פֿון דער דאָזיקער זאַך. און איך האָב דאָס נאָך נישט מגלה געווען צו קיין שום מענטשן אויף דער וועלט. בכן וועל איך דיך אויסלערנען די דאָזיקע זאַך, און דו וועסט מיר געבן די דאָזיקע כּלי דערפֿאַר.

האָט ער זיך מיישבֿ געווען, דער אמתער בן־מלך, וואָס האָט געהאַט די דאָזיקע כּלי כּנ״ל, אַז עס איז טאַקע באמת זייער אַ גרויסער חידוש, מע זאָל זײַן אַ מבֿין דבֿר מתּוך דבֿר, האָט ער אים די כּלי הנ״ל געגעבן. און ער, הײַנו, דער מענטש פֿון דעם פֿערד הנ״ל, איז געגאַנגען און האָט אים אויסגעלערנט די זאַך הנ״ל, ער זאָל זײַן אַ מבֿין דבֿר מתּוך דבֿר.

און דער אמתער בן־מלך, מחמת ער איז שוין געוואָרן אַ מבֿין דבֿר מתּוך דבֿר, איז דאָרט אומגעגאַנגען בײַ דעם טויער פֿון דער מדינה און ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז יאָ געמאָלט, ער זאָל זיך דאָס אונטערנעמען, אַז ער זאָל אומקערן צו דער מדינה דעם ערשטן נאָמען. וואָרעם ער איז דאָך שוין געוואָרן אַ מבֿין דבֿר מתּוך דבֿר.

דעריבער האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז יאָ געמאָלט, כאָטש ער האָט נאָך נישט געוווּסט ווי אַזוי.

האָט ער זיך מיישבֿ געווען: ער וועט זיך דאָס אונטערנעמען, ער זאָל אומקערן צו דער מדינה דעם ערשטן נאָמען. וואָרעם וואָס וועט ער דאָ צולייגן? און ער האָט געזאָגט צו די מענטשן, וואָס האָבן נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן קיין שום מענטשן, סײַדן דעם וואָס וועט זיך אונטערנעמען דעם ענין הנ״ל, אַז זיי זאָלן אים לאָזן אַרײַנגיין און ער וועט זיך אונטערנעמען דעם ענין הנ״ל, ער זאָל אומקערן דער מדינה דעם ערשטן נאָמען.

האָט מען אים אַרײַנגעלאָזט און מע האָט מודיע געווען די שׂרים, אַז עס געפֿינט זיך אַזאַ מענטש, וואָס וויל זיך דאָס אונטערנעמען, ער זאָל אומקערן דער מדינה דעם ערשטן נאָמען. האָט מען אים געבראַכט צו די שׂרים פֿון דער מדינה. און די שׂרים האָבן צו אים געזאָגט:

— דו זאָלסט וויסן, אַז מיר זײַנען חס־ושלום אויך קיין „נערנים“ נישט. נאָר דער מלך, וואָס איז געווען, איז געווען אַ ווילדגרויסער חכם, וואָס אַקעגן אים זײַנען מיר אַלע געווען נאַראָנים. איבער דעם פֿלעגט מען די מדינה רופֿן „דאָס נאַרישע לאַנד און דער קלוגער מלכות“. דערנאָך איז דער מלך געשטאָרבן. איז געבליבן דער בן־מלך. און דער בן־מלך איז אויך אַ חכם. נאָר אַקעגן אונדז איז ער קיין חכם נישט. איבער דעם רופֿט מען הײַנט די מדינה פֿאַרקערט: „דאָס קלוגע לאַנד און דער נאַרישער מלכות“. האָט דער מלך אַ צוואה געלאָזט, אַז אויב עס וועט זיך געפֿינען אַזאַ חכם, וואָס וועט קענען אומקערן צו דער מדינה דעם ערשטן נאָמען, זאָל ער זײַן מלך. און ער האָט אָנגעזאָגט דעם זון, אַז אויב מע וועט געפֿינען אַזאַ מענטשן, זאָל ער זיך אָפּזאָגן פֿון דער מלוכה און יענער מענטש זאָל ווערן מלך, הײַנו, אַז עס וועט זיך אָפּזוכן אַזאַ ווילדגרויסער חכם, וואָס אַקעגן אים וועלן זיי אַלע זײַן נאַראָנים, זאָל ער זײַן מלך, וואָרעם דער מענטש וועט ווידער אומקערן דער מדינה דעם ערשטן נאָמען, כּדי מע זאָל זי ווידער רופֿן „די נאַרישע מדינה און דער קלוגער מלכות“. וואָרעם

זיי וועלן אַלע זײַן נאַראָנים אַקעגן אים. בכן, זאָלסטו וויסן, וואָס דו נעמסט זיך אונטער.

אָט דאָס אַלץ האָבן צו אים די שׂרים הנ״ל געזאָגט. און זיי האָבן צו אים ווײַטער געזאָגט:

— דער פּרוּוו וועט זײַן, אויב דו ביסט אַזאַ חכם, באַשר דאָ איז דאָ אַ גאָרטן, וואָס איז איבערגעבליבן פֿון דעם מלך, וועלכער איז געווען זייער אַ גרויסער חכם, און דער דאָזיקער גאָרטן איז גאָר אַ ווילדער חידוש. וואָרעם עס וואַקסן אין אים כּלי מתּכות, דהײַנו, כּלים פֿון אײַזנוואַרג, זילבערנע כּלים און גילדערנע כּלים. ער איז גאָר אַ גוואַלדיקער חידוש. נאָר וואָס דען? מע קען נישט אַרײַנגיין אַהין. וואָרעם אַז עס גייט־אַרײַן אַ מענטש אַהין, הייבט מען אים תּיכף דאָרטן אָן צו יאָגן. מע יאָגט אים און ער שרײַט. און ער זעט גאָר נישט און ווייס גאָר נישט. און אָט אַזוי יאָגט מען אים, ביז מע מאַכט אים אַנטלויפֿן פֿון גאָרטן. בכן, וועלן מיר זען, אַז דו ביסט אַ חכם, אויב דו וועסט קענען אַרײַנגיין אין דעם גאָרטן.

אַזוי האָבן אַלץ געזאָגט די שׂרים צו דעם בן־מלך.

האָט ער זיי געפֿרעגט, צי מע שלאָגט דעם מענטשן וואָס גייט־אַרײַן אַהין. האָבן זיי אים געזאָגט:

— דער עיקר איז: מע יאָגט אים און ער ווייס גאָר נישט ווער עס יאָגט אים. און ער מוז אַנטלויפֿן אין גרויס בהלה.

וואָרעם אַזוי האָבן זיי דערציילט מענטשן, וואָס זײַנען אַהין אַרײַנגעגאַנגען.

האָט ער, הײַנו, אָט דער אמתער בן־מלך, זיך אויפֿגעהויבן און איז געגאַנגען צו דעם גאָרטן. און ער האָט געזען, אַז דער גאָרטן האָט אַ מויער אַרום זיך, אַז דער טויער איז אָפֿן און עס שטייען בײַ אים נישט קיין שומרים. וואָרעם מע דאַרף אַוודאי קיין שומרים נישט צו דעם גאָרטן. וואָרעם עס קען דאָך אַוודאי קיינער אין אים נישט אַרײַנגיין.

און אַז ער איז צוגעקומען צום גאָרטן, האָט ער דערזען, ווי עס שטייט דאָרטן אַ מענטש, הײַנו, עס איז דאָרט געווען אויסגעמאָלט

אַ מענטש. האָט ער זיך צוגעקוקט און געזען, אַז העכער איבער דעם מענטש געפֿינט זיך אַ ברעטל אַזאַ, וואָס הייסט „טאַבליצע״[8]. און דאָרט שטייט אָנגעשריבן, אַז אַט דער מענטש איז געווען אַ מלך פֿאַר כּמה מאות שנים, פֿאַר עטלעכע הונדערט יאָר. און אין די צײַטן ביז דעם מלך זײַנען געווען מלחמות און אַזוי נאָך אים זײַנען געווען מלחמות. אָבער אין די צײַטן פֿון דעם מלך איז געווען שלום.

האָט ער פֿאַרשטאַנען מחמת דעם, וואָס ער איז געוואָרן אַ מבֿין דבֿר מתּוך דבֿר, כּנ״ל, אַז אַלץ איז נאָר געווענדט פֿון דעם מענטשן: אַז מע גייט אין דעם גאָרטן אַרײַן און מע הייבט־אָן צו יאָגן, באַדאַרף מען בישט אַנטלויפֿן, נאָר מע זאָל זיך שטעלן נעבן דעם מענטשן. דורך דעם וועט מען ניצול ווערן. נאָך מער אַפֿילו: אַז מע זאָל נעמען דעם דאָזיקן מענטשן און מע זאָל אים אַרײַנשטעלן אינעווייניק אין דעם גאָרטן, וועט קענען איטלעכער מענטש אַרײַנקומען בשלום אין גאָרטן אַרײַן.

אַזוי האָט דאָס אַלץ פֿאַרשטאַנען דער אמתער בן־מלך, ווײַל ער איז געווען אַ מבֿין דבֿר מתּוך דבֿר, כּנ״ל.

האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און איז אַרײַנגעגאַנגען אין דעם גאָרטן אַרײַן. און תּיכּף ווי מע האָט אים אָנגעהויבן יאָגן, איז ער געגאַנגען און האָט זיך געשטעלט נעבן דעם מענטש הנ״ל, וואָס איז געשטאַנען נעבן גאָרטן אין דרויסן, און דורך דעם איז ער אַרויס בשלום פֿון דאָרטן און עס האָט אים גאָר נישט געשאַדט. וואָרעם די אַנדערע, אַז זיי זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין גאָרטן און מע האָט זיי אָנגעהויבן נאָכ־יאָגן, פֿלעגן אַנטלויפֿן אין זייער גרויס שרעק, און פֿלעגן געשלאָגן און געשעדיקט ווערן דורך דעם. ער איז אָבער אַרויסגעגאַנגען פֿון דאָרטן בשלום ושלווה צוליב דעם וואָס ער האָט זיך געשטעלט נעבן דעם מענטש הנ״ל.

און די שׂרים האָבן דאָס געזען און האָבן זיך זייער פֿאַרוווּנדערט, וואָס ער איז אַרויס בשלום.

---

[8] (סלאַוויש) טאָוול, ברעט.

דערנאָך האָט ער, הײַנו, דער אמתער בן־מלך, געהייסן אַז מע זאָל נעמען דעם מענטש און מע זאָל אים אַרײַנשטעלן אינעווייניק אין גאָרטן אַרײַן.

האָט מען געטאָן אַזוי. זײַנען דעמאָלט אַלע שׂרים אַרײַנגעגאַנגען אין דעם גאָרטן אַרײַן. זיי זײַנען אַרײַנגעגאַנגען און אַרויסגעגאַנגען בשלום און גאָר נישט געשעדיקט געוואָרן. האָבן זיך די שׂרים צו אים אָנגערופֿן:

— כאָטש מיר האָבן פֿון דיר געזען אַזאַ זאַך, פֿון דעסט וועגן קומט דיר נאָך נישט אָפּצוגעבן די מלוכה צוליב איין זאַך. מיר וועלן דיך פּרובירן נאָך מיט איין זאַך: באַשר דאָ איז פֿאַראַן אַ שטול פֿון דעם מלך, וואָס איז געווען; און די שטול איז זייער הויך; און בײַ דער שטול שטייען אַלערליי חיות און עופֿות פֿון האָלץ אויסגעשניצט; און פֿאַר דער שטול שטייט אַ בעטל; און בײַ דעם בעטל שטייט אַ טיש; און אויף דעם טיש שטייט אַ לײַכטער; און פֿון דעם שטול גייען־אַרויס געשלאָגענע וועגן; און די וועגן זײַנען געמויערט און זיי גייען־אַרויס פֿון שטול פֿון אַלע זײַטן; און קיין שום מענטש ווייס גאָר נישט, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שטול און וואָס זײַנען עס פֿאַר אַ וועגן. און די וועגן, אַז זיי גייען־אַרויס און ציִען זיך אַוועק אַ שטיק, שטייט דאָרטן אַ גילדערנער לייב; און אַז אַ מענטש זאָל צו אים צוגיין, וועט ער עפֿענען דאָס מויל און אים אײַנשלינגען. און ווײַטער פֿון דעם לייב ציט זיך דער וועג נאָך ווײַטער. און אַזוי איז אויך בײַ די איבעריקע וועגן, וואָס גייען־אַרויס פֿון שטול אין אַן אַנדער זײַט. אַז דער וועג ציט זיך אַ שטיק וועג אַוועק, שטייט דאָרטן אַן אַנדער מין חיה, ווי אַ לעמפּערט פֿון אײַזנוואַרג, למשל. און דאָרטן קען מען אויך צו אים נישט צוגיין, וואָרעם ער וועט אײַנשלינגען. און ווײַטער פֿון דעם לעמפּערט ציט זיך דער וועג ווײַטער, און דאָס אייגענע איז בײַ די איבעריקע וועגן. און די דאָזיקע וועגן ציִען זיך און גייען אין דער גאַנצער מדינה. און קיין שום מענטש ווייסט נישט דעם באַטײַט פֿון דער שטול מיט די וועגן. בכן, וועסטו דערמיט געפּרוּווט ווערן. אויב דו וועסט קענען וויסן דעם ענין פֿון דער שטול מיט דעם אַלעמען,

האָט מען אים געוויזן די שטול. האָט ער געזען, אַז זי איז זייער הויך. איז ער צוגעגאַנגען צו דער שטול און האָט זיך צו איר גוט צוגעקוקט. האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז די שטול איז געמאַכט געוואָרן פֿון דעם האָלץ פֿון דעם קעסטל הנ״ל, הײַנו, די כּלי וואָס דער מענטש פֿון דעם וואַלד האָט אים געשענקט, וואָס האָט געהאַט דעם כּוח, אַז מע פֿלעגט זי אַרויפֿלייגן אויף אַ בהמה אָדער אַ חיה, האָט זי אָנגעהויבן צו שפּילן.

האָט ער ווײַטער געקוקט. האָט ער געזען, אַז עס גייט אָפּ־אויבן פֿון דער שטול עפּעס אַ רייזעלע, און אַז די שטול זאָל האָבן דאָס רייזעלע, וואָלט זי געהאַט דעם כּוח פֿון דעם קעסטל, הײַנו, די כּלי הנ״ל, וואָס זי האָט געהאַט דעם כּוח, אַז מע פֿלעגט זי לייגן אויף עפּעס אַ בהמה אָדער אַ חיה, האָט זי אָנגעהויבן צו שפּילן, כּנ״ל.

און ער האָט זיך ווײַטער צוגעקוקט און געזען, אַז דאָס רייזעלע וואָס גייט־אָפּ אויף דער שטול, ליגט אונטן אין שטול. באַדאַרף מען דאָס רייזעלע אַרויסנעמען פֿון אונטן און אַרײַנזעצן עס אויבן, וועט האָבן דעמאָלט די שטול דעם כּוח פֿון קעסטל הנ״ל. וואָרעם דער מלך, וואָס איז געווען, האָט איטלעכע זאַך געטאָן מיט חכמה, אַלץ פֿאַרשטעלט, כּדי קיינער זאָל נישט פֿאַרשטיין די זאַך, וואָס ער מיינט, ביז עס וועט נישט קומען אַ חכם מופלג, וואָס וועט זיך אָנשטויסן און קענען טרעפֿן, ווי אַזוי איבערצושטעלן און מסדר זײַן די אַלע זאַכן ווי עס באַדאַרף צו זײַן.

און אַזוי אויך דאָס בעטל — האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז מע באַדאַרף עס אַ ביסל אָוועקרוקן פֿון דעם אָרט, ווו עס איז געשטאַנען. און אַזוי אויך דער טיש, באַדאַרף מען אים אויך אָוועקרוקן אַ ביסל. און אַזוי דער לײַכטער — באַדאַרף מען אויך אַ ביסל אָוועקרוקן פֿון זײַן אָרט. און אַזוי אויך די עופֿות און די חיות — מוז מען זיי אויך איבערשטעלן, מע זאָל נעמען דאָס עוף פֿון דעם אָרט און מע זאָל עס שטעלן אויף דעם אָרט. און אַזוי אַלע — מוז מען אַלץ איבערשטעלן אַנדערש.

וואָרעם דער מלך האָט אַלץ געטאָן מיט חכמה אויף אַן אופֿן עס זאָל קיין מענטש נישט פֿאַרשטיין, ביז עס וועט קומען דער חכם, וואָס וועט קענען פֿאַרשטיין, ווי אַזוי אַלץ איבערצושטעלן.

און אַזוי אויך דעם לייב, וואָס שטייט דאָרטן, ווו דער וועג גייט־אַרויס, באַדאַרף מען אים אַהין שטעלן.

און אַזוי אַלע — מע באַדאַרף אַלץ איבערשטעלן.

און ער האָט געהייסן, מע זאָל אַלץ מסדר זײַן ווי מע באַדאַרף. מע זאָל אַרויסנעמען דאָס רייזעלע אונטן און מע זאָל עס אַרײַנזעצן אויבן. און אַזוי די אַלע זאַכן זאָל מען אַלץ איבערשטעלן.

און ווי מע האָט נאָר אַזוי געטאָן, האָבן זיי אָנגעהויבן אַלע שפּילן דעם ווונדערלעכן ניגון, וואָס ער איז געווען אַ ווילדער חידוש, און זיי האָבן אַלע געטאָן דאָס, וואָס זיי האָבן באַדאַרפֿט טאָן.

און דעמאָלט האָט מען אים אָפּגעגעבן די מלוכה — דהײַנו, דעם אמתן בן־מלך, וואָס האָט די אַלע חכמות באַוויזן, כּנ״ל.

האָט ער זיך אָנגערופֿן, דער בן־מלך, און געזאָגט צו דעם בן־השפּחה: הײַנט פֿאַרשטיי איך, אַז איך בין טאַקע דער אמתער בן־מלך און דו ביסט דער בן־השפּחה באמת.

אַ מעשה פון אַ הינקענדיקן

מעשה, אַמאָל איז געווען אַ חכם.

פאַר זײַן טויט האָט ער גערופן זײַנע קינדער און זײַן משפחה און האָט זיי געלאָזט אַ צוואה, אַז זיי זאָלן אָנטרינקען ביימער. „איר מעגט עוסק זײַן אין אַנדערע פרנסות אויך, נאָר דאָס זאָלט איר זען תמיד צו טאָן: אָנצוטרינקען ביימער“.

דערנאָך איז דער חכם געשטאָרבן און האָט געלאָזט קינדער.

און ער האָט געהאַט איין זון, וואָס האָט נישט געקענט גיין. שטיין האָט ער יאָ געקענט, נאָר גיין האָט ער נישט געקענט. פלעגן אים די ברידער געבן סיפוק[1] אויף זײַן פרנסה. און זיי האָבן אים אַזוי פיל געגעבן, אַז עס איז אים נאָך איבערגעבליבן שטענדיק מותר[2].

האָט ער זיך צונויפגעזאַמלט ביסלעכווײַז דאָס, וואָס עס איז אים איבערגעבליבן חוץ פרנסה, ביז ער האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ סך געלט. און ער האָט זיך מיישב געווען, דער דאָזיקער זון, וואָס האָט נישט געקענט גיין: „נאָך וואָס זאָל איך בײַ זיי קצבֿה נעמען, בעסער וועל איך אָנהייבן טאָן עפּעס אַ משא ומתן“.

און כאָטש ער האָט נישט געקענט גיין, האָט ער זיך מיישבֿ גע־ווען, ער זאָל זיך דינגען אַ פור מיט אַ נאמן, מיט אַ בעל־עגלה, און פאָרן מיט זיי קיין לײַפּציק, וועט ער קענען פירן דעם משא ומתן, כאָטש ער קען נישט גיין.

ווי די משפחה האָט דאָס דערהערט, איז דאָס איר זייער ווויל געפעלן. די משפחה האָט אויך געזאָגט: „נאָך וואָס זאָלן מיר אים

[1] פאַרזאָרגונג, אויסהאַלטונג. — [2] אַן עודף, איבערבלײַב, מער ווי ער האָט באַדאַרפט האָבן.

געבן הספקה, בעסער לאָז ער זיך מאַכן אַ פרנסה“. און זי האָט אים נאָך צוגעלײגן געלט, כדי ער זאָל קענען פירן דעם משא ומתן.

האָט ער אַזוי געטאָן.

האָט ער זיך געדונגען אַ פור און אַ נאמן און אַ בעל־עגלה און איז געפאָרן און איז געקומען צו אַ קרעטשמע.

האָט דער נאמן געזאָגט, אַז מע זאָל דאָרט נעכטיקן.

האָט ער נישט געוואָלט.

וואָס זיי האָבן אים געבעטן, האָט ער זיי איבערגעשפּאַרט.

זײַנען זיי פון דאָרט אַוועקגעפאָרן.

פאָרנדיק זײַנען זיי פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין אַ וואַלד.

זײַנען אויף זיי אָנגעפאַלן גזלנים.

און די דאָזיקע גזלנים זײַנען געוואָרן גזלנים על־פּי־מעשׂה.

*

עס איז אַמאָל געווען אַ הונגער.

איז איינער געקומען אין שטאָט אַרײַן און האָט אויסגערופן: ווער עס וויל עסן, זאָל צו אים קומען.

זײַנען זיך צו אים צונויפגעקומען כמה מענטשן.

האָט ער אַלץ מיר ערמה[3] געמאַכט, און די מענטשן, וואָס ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי וועלן אים נישט צו נוץ קומען, האָט ער מדחה געווען.

צו איינעם האָט ער געזאָגט:

— דו קענסט זײַן אַ בעל־מלאָכה.

און צו דעם האָט ער געזאָגט:

— דו קענסט זײַן אין אַ מיל.

און ער האָט אויסגעקליבן קלוגע יונגען און איז מיט זיי געגאַנ־גען אין וואַלד אַרײַן.

און דאָרט האָט ער זיי אָנגערעדט, אַז זיי זאָלן ווערן גזלנים:

[3] מיט כיטרעקייט.

„באַשר פֿון דאַנען גייען קיין לייפּציק און קיין ברעסלוי און צו אַנדערע ערטער, און עס פֿאָרן דאָ דורך סוחרים. שטענדיק וועלן מיר זיי באַראַבעווען, וועלן מיר האָבן געלט״.

אַזוי האָט דער גזלן, וואָס האָט פֿריִער אויסגערופֿן אין שטאָט, זיי אָנגערעדט.

זײַנען די דאָזיקע גזלנים אָנגעפֿאַלן אויף זיי, דהײַנו, אויף דעם זון הנ״ל, וואָס האָט נישט געקענט גיין און אויף זײַנע מענטשן, דהײַנו, דעם נאמן מיט דעם בעל־עגלה.

דער בעל־עגלה און דער נאמן האָבן געקענט אַנטלויפֿן, זײַנען זיי אַנטלאָפֿן געוואָרן. ער איז אָבער געבליבן אויף דעם וואָגן.

זײַנען די גזלנים צוגעגאַנגען צו אים און האָבן בײַ אים געפֿרעגט:

— וואָס זיצסטו?

האָט ער געענטפֿערט:

— איך קען נישט גיין.

האָבן זיי בײַ אים אַוועקגענומען דאָס קעסטל מיט דעם געלט און די פֿערד. און ער איז געבליבן אויף דעם וואָגן.

און דער נאמן מיט דעם בעל־עגלה, וואָס זײַנען אַנטלאָפֿן געוואָרן, האָבן זיך מיישבֿ געווען: באַשר זיי האָבן גענומען פֿריקלאַדן [4] בײַ פּריצים, טאָ נאָך וואָס זאָלן זיי זיך אומקערן אַהיים? זיי קענען נאָך קומען אין קייטן אַרײַן. בעסער וועלן זיי דאָרט בלײַבן; דאָרט, ווו זיי זײַנען אַנטלאָפֿן געוואָרן, וועלן זיי דאָ זײַן אַ נאמן און אַ בעל־עגלה.

נאָר דער, וואָס האָט נישט געקענט גיין, וואָס ער איז געבליבן אויף דעם וואָגן, איז כּל־זמן ער האָט נאָך געהאַט דעם מאַכל, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגענומען פֿון דער היים, די סוכאַרעס [5], האָט ער זיי געגעסן. דערנאָך אַז דאָס איז שוין אויסגעגאַנגען און ער האָט נישט געהאַט וואָס צו עסן, האָט ער זיך מיישבֿ געווען: וואָס טוט

[4] שטאָפֿן פֿאַר בגדים. — [5] געטריקנט צעשניטן ברויט.

מען? האָט ער זיך אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון דעם וואָגן, ער זאָל עסן גראָז.

און ער פֿלעגט נעכטיקן אַליין אין פֿעלד.

איז ער איבערגעשראָקן געוואָרן. און פֿון שרעק איז בײַ אים אַוועקגענומען געוואָרן דער כּוח. האָט ער שוין נישט געקענט אַפֿילו שטיין, נאָר רוקן זיך. און ער פֿלעגט עסן דאָס גראָז, וואָס איז געווען אַרום אים. איז כּל־זמן ער האָט געקענט דערלאַנגען צום גראָז אַרום אים און עסן עס, האָט ער דאָרט געגעסן. און אַז עס איז אויסגעגאַנגען דאָס גראָז אַרום אים, האָט ער זיך אַוועקגערוקט ווײַטער און האָט דאָרט געגעסן. און אַזוי האָט ער געגעסן דאָס גראָז אַ צײַט.

איין מאָל איז ער געקומען צו אַ קרײַטעכץ, וואָס ער האָט נאָך קיין מאָל אַזאַ קרײַטעכץ נישט געגעסן. איז אים דאָס קרײַטעכץ זייער געפֿעלן. האָט ער זיך מיישבֿ געווען: ער וועט אים אויסרײַסן מיט דעם וואָרצל.

איז געווען אונטערן וואָרצל אַ דימענט. און דער דימענט איז געווען פֿיר עקיגיק. און איטלעכע זײַט פֿון דעם דימענט האָט געהאַט אַן אַנדער סגולה.

אויף איין זײַט פֿון דעם דימענט איז געשטאַנען אָנגעשריבן, אַז ווער עס וועט אָננעמען בײַ דער זײַט, וועט ער אים טראָגן אַהין, וווּ טאָג־און־נאַכט קומען זיך צונויף, הײַנו, וווּ די זון מיט דער לבֿנה קומען זיך אין איינעם צונויף. און אַז ער האָט אויסגעריסן דאָס קרײַטעכץ מיט דעם וואָרצל, האָט זיך מזדמן געווען, אַז ער האָט אָנגענומען בײַ דער זײַט, וואָס עס איז מסוגל, עס זאָל אים טראָגן צו דעם אָרט, וווּ טאָג־און־נאַכט קומען זיך צונויף, כּנ״ל.

האָט עס אים אַוועקגעטראָגן אַהין און ער איז אָנגעקומען צום אָרט, וווּ טאָג־און־נאַכט קומען זיך צונויף.

ער קוקט זיך אַרום, זעט ער, אַז ער איז שוין דאָרט, וווּ די זון מיט דער לבֿנה קומען זיך צונויף, כּנ״ל.

הערט ער, די זון מיט דער לבֿנה שמועסן.

די זון האָט זיך געקלאָגט פֿאַר דער לבֿנה: עס איז פֿאַראַנען אַ בוים, וואָס האָט אַ סך צווײַגן און פּירות און בלעטלעך, און איטלעכער

צוווײַג און איטלעכע פּרי און איטלעך בלעטל האָט אין זיך אַ באַזונדער סגולה. דאָס איז מסוגל צו קינדער, און דאָס איז מסוגל צו פּרנסה. דאָס איז מסוגל צו היילן אַזאַ חולאַת, און דאָס איז מסוגל צו אַן אַנדער חולאַת. איטלעך פּיצל פֿון דעם בוים איז מסוגל צו אַן אַנדער זאַך. און דעם בוים וואָלט מען באַדאַרפֿט אַנטרינקען. זאָל מען אים אַנטרינקען, וואָלט ער זייער מסוגל געווען.

לאָ די אָבער, וואָס איך טרינק אים נישט אָן, שײַן איך נאָך אויף אים, ווערט ער דורך דעם פֿאַרטריקנט.

האָט זיך די לבֿנה אָנגערופֿן צו איר:

— דו זאָרגסט זיך פֿרעמדע זאָרג. איך וועל דיר דערציילן מײַן דאַגה: איך האָב טויזנט בערג. און אַרום די טויזנט בערג זײַנען פֿאַראַן נאָך טויזנט בערג. און דאָרט איז דאָס אָרט פֿון די שדים. און די שדים האָבן הינערשע פֿיס. האָבן זיי קיין כּוח נישט אין די פֿיס. נעמען זיי כּוח פֿון מײַנע פֿיס. און מחמת דעם האָב איך קיין כּוח נישט אין מײַנע פֿיס. און איך האָב אַפֿילו אַזאַ פּיל, דהײַנו, אַ שטויב, וואָס ער איז אַ רפֿואה צו מײַנע פֿיס. קומט אָבער אַ ווינט און טראָגט אים אַוועק.

האָט זיך די זון אָנגערופֿן:

— אָט דאָס זאָרגסטו זיך? איך וועל דיר זאָגן אַ רפֿואה: באַשר עס איז דאָ אַ וועג. און פֿון דעם וועג צעטיילן זיך כּמה וועגן. איין וועג איז פֿון צדיקים. אַפֿילו דער צדיק, וואָס געפֿינט זיך דאָ, שיט מען אונטער אים דעם פּיל פֿון דעם וועג, הנ״ל, אונטער זײַן יעדן טריט. איטלעכן טריט, וואָס ער טוט, גייט ער אַלץ אויף דעם פּיל. און עס איז דאָ אַ וועג פֿון אַפּיקורסים. אַפֿילו דער אַפּיקורס, וואָס געפֿינט זיך דאָ, שיט מען אונטער אים דעם שטויב הנ״ל אין איטלעכן טריט. און עס איז דאָ אַ וועג פֿון משוגעים, דהײַנו, אַפֿילו אַ משוגענער פֿון דאַנען, שיט מען אים אונטער דעם שטויב, כּנ״ל. אָט אַזוי זײַנען דאָ כּמה וועגן. עס איז דאָ אַ וועג פֿון די צדיקים, וואָס זיי זײַנען מקבל אויף זיך די יסורים; פֿירן זיי די פּריצים אין קייטן, האָבן זיי קיין כּוח נישט אין די פֿיס. שיט מען זיי אונטער דעם שטויב פֿון

דעם וועג. האָבן זיי שוין כּוח אין די פֿיס. בכן, זאָלסטו אַהין גיין. וואָרעם דאָרט איז דאָ אַ סך פּילן, וועסטו האָבן אַ רפֿואה אויף די פֿיס.

דאָס האָט אַלץ די זון גערעדט צו דער לבֿנה.

און ער, דהײַנו, דער וואָס האָט קיין כּוח נישט געהאַט אין די פֿיס, הערט דאָס אַלץ.

דערווײַל האָט ער אַ קוק געטאָן אויף דעם דימענט אויף דער אַנדערער זײַט. האָט ער געזען, דאָרטן איז געשטאַנען אָנגעשריבן, אַז ווער עס וועט אָננעמען בײַ דער זײַט, וועט עס אים טראָגן צו דעם וועג, וואָס עס גייען פֿון אים אַרויס כּמה וועגן, דהײַנו, דער וועג וואָס די זון האָט מודיע געווען דער לבֿנה.

האָט ער אָנגענומען בײַ דער זײַט.

האָט ער אַרײַנגעטאָן די פֿיס אין דעם וועג, וואָס זײַן שטויב איז אַ רפֿואה צו די פֿיס. און ער איז תּיכּף אויסגעהיילט געוואָרן.

איז ער געגאַנגען און האָט גענומען דעם שטויב פֿון אַלע וועגן, און האָט איטלעכן שטויב באַזונדער אײַנגעבונדן אין אַ בינטל. הײַנו, דעם פּיל פֿון דעם וועג פֿון צדיקים האָט ער אײַנגעבונדן באַזונדער; און אַזוי האָט ער אויך איטלעכן פּיל פֿון די איבעריקע וועגן באַזונדער אײַנגעבונדן.

ער האָט זיך געמאַכט בינטלעך פֿון די פּילן און ער האָט די דאָזיקע אַלע בינטלעך מיטגענומען.

און ער האָט זיך מיישבֿ געווען און איז געגאַנגען צו דעם וואַלד, וואָס מע האָט אים דאָרט באַראַבעוועט.

און ווי ער איז אַהין געקומען, האָט ער זיך אויסגעקליבן אַ הויכן בוים, וועלכער איז נאָענט צו דעם וועג, וואָס פֿון דאָרט גייען־אַרויס די גזלנים ראַבעווען.

און ער האָט גענומען דעם פּיל פֿון צדיקים און דעם פּיל פֿון משוגעים און האָט זיי אויסגעמישט אין איינעם און האָט זיי אויסגעלייגט איבער דעם וועג.

און ער איז אַרויפֿגעגאַנגען אויף דעם בוים, און האָט זיך דאָרט געזעצט, ער זאָל זען, וואָס מיט זיי וועט זיך טאָן.

האָט ער געזען, ווי גזלנים זײַנען געקומען אויף דעם וועג. דאָס זײַנען געווען די גזלנים, וואָס דער עלטסטער זייערער, הנ״ל, האָט זיי געשיקט גזלנען. און אַז זיי זײַנען צוגעקומען צו יענעם וועג, איז תּיכּף ווי זיי האָבן אַ טראָט געטאָן אויף יענעם פּיל, זײַנען זיי געוואָרן צדיקים. האָבן זיי גענומען שרײַען אויף זייערע יאָרן און טעג, וואָס זיי האָבן ביז אַהער געראַבעוועט און געהרגעט כּמה נפשות. נאָר מחמת ער איז געווען אויסגעמישט מיט דעם פּיל פֿון משוגעים, זײַנען זיי געוואָרן משוגענע צדיקים. האָבן זיי אָנגעהויבן צו קריגן זיך איינער מיט דעם אַנדערן.

דער האָט געזאָגט: „איבער דיר האָבן מיר געהרגעט״.

און דער האָט געזאָגט: „איבער דיר״.

האָבן זיי זיך אַזוי צעקריגט, ביז זיי האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע געהרגעט.

האָט דער עלטסטער געשיקט נאָך אַ מאָל אַנדערע גזלנים.

איז אויך אַזוי געווען ווי פֿריִער: זיי האָבן זיך אויך געהרגעט איינס דאָס אַנדערע.

און אַזוי איז עטלעכע מאָל געווען —

ביז זיי זײַנען אַלע אויסגעהרגעט געוואָרן —

ביז ער האָט פֿאַרשטאַנען, דהײַנו, דער וואָס האָט פֿריִער קיין כּוח נישט געהאַט אין זײַנע פֿיס, וואָס איז אַרויף אויף אַ בוים, אַז עס איז שוין גאָר נישט געבליבן פֿון די גזלנים, נאָר ער אַליין, דהײַנו, דער עלטסטער גזלן, וואָס ער האָט זיי אַליין אָנגערעדט, כּנ״ל, מיט נאָך איינעם.

איז ער דעמאָלט אַראָפּ פֿון דעם בוים, האָט אויסגעקערט דעם שטויב פֿון דעם וועג און האָט פֿאַרשפּרייט דעם פּיל פֿון צדיקים אַליין, און ער איז געגאַנגען און האָט זיך ווידער געזעצט אויף דעם בוים.

און דער עלטסטער גזלן, וואָס האָט אַלץ געשיקט זײַנע גזלנים, און זיי האָבן זיך נישט אומגעקערט, האָט זיך זייער געוווּנדערט, וואָס ער שיקט אַלץ די גזלנים, און קיינער קערט זיך נישט אום.

האָט ער זיך מיישבֿ געווען און איז אַליין געגאַנגען מיט דעם איינעם, וואָס איז נאָך געבליבן בײַ אים.

און תּיכּף ווי ער איז געקומען אויף דעם וועג, וואָס דער זון, הנ״ל, האָט דאָרט פֿאַרשפּרייט דעם פּיל פֿון צדיקים, איז ער געוואָרן אַ צדיק און האָט אָנגעהויבן שרײַען צום אַנדערן אויף זײַנע יאָרן און טעג, וואָס ער האָט געהרגעט אַזוי פֿיל נפשות און האָט אַזוי פֿיל געראַבעוועט. ער האָט קבֿרים געריסן און תּשובֿה געטאָן און זייער שטאַרק חרטה געהאַט.

און אַז דער זון, הנ״ל, וואָס איז געזעסן אויף דעם בוים, האָט געזען, אַז ער האָט אַזוי שטאַרק חרטה און טוט אַזוי פֿיל תּשובֿה, איז ער אַראָפּ פֿון בוים.

ווי דער גזלן האָט דערזען אַ מענטשן, האָט ער גענומען שרײַען אויף זיך:

— ווײ איז דער נשמה מײַנער, אַזוינס און אַזוינס האָב איך געטאָן. גוואַלד, גיב מיר אַרויס אַ תּשובֿה!

האָט ער אים געענטפֿערט:

— קערט מיר אום דאָס קעסטל, וואָס איר האָט געראַבעוועט בײַ מיר!

וואָרעם בײַ זיי, בײַ די גזלנים, איז געווען פֿאַרשריבן אויף איטלעכער גזילה, ווען עס איז געגזלט געוואָרן און בײַ וועמען מע האָט עס געגזלט.

האָט ער אים געענטפֿערט:

— איך קער דיר אום תּיכּף. איך וועל דיר שענקען אַפֿילו אַלע אוצרות פֿון גזילה, וואָס איך האָב, נאָר גיב מיר אַרויס אַ תּשובֿה.

האָט ער אים געזאָגט:

— דײַן תּשובֿה איז נאָר, אַז דו זאָלסט גיין אין שטאָט אַרײַן און דו זאָלסט שרײַען און זיך מתוודה זײַן: „איך בין עס דער, וואָס איך האָב דעמאָלט אויסגערופֿן און האָב געמאַכט כּמה גזלנים און געגזלט און געהרגעט כּמה נפשות״ — דאָס איז דײַן תּשובֿה.

האָט אים דער גזלן געגעבן אַלע אוצרות און איז געגאַנגען מיט

אים אין שטאָט אַרײַן און געטאָן דאָרטן אַזוי ווי דער זון, הנ״ל, האָט אים געהייסן.

האָט מען דאָרט געפּסקנט אין שטאָט, אַז באַשר ער האָט אויסגעהרגעט אַזוי פֿיל נפֿשות, על כּן זאָל מען אים הענגען, למען ידעו, כּלומר, די אַנדערע זאָלן זיך אָפּלערנען.

דערנאָך האָט ער זיך מיישבֿ געווען, דהײַנו, דער זון הנ״ל, וואָס האָט פֿריִער קיין כּוח נישט געהאַט אין די פֿיס, ער וועט גיין צו די צוויי טויזנט בערג, ער זאָל זען, וואָס דאָרטן טוט זיך.

אַז ער איז געקומען אַהין, האָט ער זיך געשטעלט פֿון דער ווײַטנס פֿון די צוויי טויזנט בערג.

ער האָט געזען, דאָרטן זײַנען דאָ כּמה אַלפֿי אַלפֿים ורבוא רבֿבֿות משפּחות פֿון שדים. וואָרעם זיי זײַנען פּרים ורבים און האָבן קינדער, ווי מענטשן, און זיי זײַנען זייער פֿיל. און ער האָט געזען זייער מלכות איז געזעסן אויף אַ שטול, וואָס קיין שום ילוד־אשה זיצט נישט אויף אַזאַ שטול. און ער האָט זיי געהערט מאַכן לצנות. דער דערציילט, אַז ער האָט בײַ דעם אַ קינד מזיק געווען. אַן אַנדערער דערציילט, ווי ער האָט דעם אַ האַנט מזיק געווען. נאָך אַן אַנדערער דערציילט, ווי ער האָט אַ פֿוס מזיק געווען. און אַזוי אַנדערע לצנות.

דערווײַל האָט ער דערזען, ווי פֿאָטער און מוטער גייען און וויינען.

האָט מען זיי געפֿרעגט:

— וואָס וויינט איר?

האָבן זיי געענטפֿערט: זיי האָבן אַ זון, פֿלעגט זײַן שטייגער זײַן אַוועקלאָזן זיך אין וועג אויף אַ באַשטימטער צײַט און אומקערן זיך, ווען די באַשטימטע צײַט איז שוין געקומען. הײַנט אָבער איז שוין גאָר אַ לאַנגע צײַט איבערגעגאַנגען און ער איז נאָך אַלץ נישט געקומען.

און אָט די אַלע — דער פֿאָטער מיט דער מוטער מיט דעם זון — זײַנען אַלע געווען פֿון די שדים.

האָט מען זיי געבראַכט צום מלך.

האָט דער מלך געהייסן, אַז מע זאָל שיקן שליחים אין גאָר דער וועלט, אַז מע זאָל אים געפֿינען.

און אַז דער פֿאָטער מיט דער מוטער זײַנען קריק געגאַנגען פֿון דעם מלך, האָבן זיי באַגעגנט איינעם, וואָס ער איז אין איינעם געגאַנגען מיט זייער זון, הנ״ל, הײַנו, דער דאָזיקער איינער, וואָס זיי האָבן באַגעגנט, איז געווען זייער זונס אַ חבֿר און ער איז פֿריִער געגאַנגען אין איינעם מיט זייער זון. איצטער אָבער האָבן זיי אים אַליין באַגעגנט.

— וואָס וויינט איר? — האָט ער זיי אויך געפֿרעגט.

האָבן זיי אים אויך דערציילט, כּנ״ל.

— איך וועל אײַך דערציילן — האָט ער זיי געזאָגט — היות מיר האָבן געהאַט אַן אינדזל אויף דעם ים, וואָס דאָרט איז געווען אונדזער אָרט. איז געגאַנגען דער מלך, וואָס צו אים האָט געהערט דער אינדזל, און האָט געוואָלט דאָרט בויען פּאַלאַצן. ער האָט דאָרט שוין געלייגט אַ גרונט. האָט אײַער זון געזאָגט צו מיר, אַז מיר זאָלן אים מזיק זײַן. זײַנען מיר געגאַנגען און האָבן אַוועקגענומען דעם כּוח פֿון דעם מלך. האָט ער זיך געפּאָרעט מיט דאָקטוירים, און זיי האָבן אים נישט געקענט העלפֿן. האָט ער זיך אָנגעהויבן צו פּאָרען מיט מכשפֿים. איז דאָרט געווען איין מכשף, וואָס מײַן משפּחה האָט ער נישט געקענט. זײַן משפּחה האָט ער אָבער יאָ געקענט, דעריבער האָט ער מיר גאָר נישט געקענט טאָן. זײַן משפּחה האָט ער אָבער יאָ געקענט, האָט ער אים געכאַפּט און ער פּײַניקט אים זייער שטאַרק.

האָט מען אים געבראַכט פֿאַר דעם מלך, דהײַנו, דעם שד, וואָס ער האָט דאָס אַלץ דערציילט. האָט ער דאָס פֿאַר דעם מלך אויך דערציילט.

— לאָז מען אומקערן דעם כּוח צום מלך! — האָט דער מלך געזאָגט.

האָט ער געענטפֿערט:

— עס איז בײַ אונדז געווען איינער, וואָס האָט קיין כּוח נישט געהאַט, האָבן מיר אים אַוועקגעגעבן דעם כּוח.

— לאָז מען בײַ אים אָפּנעמען דעם כּוח — האָט דער מלך געזאָגט — און לאָז מען אים אומקערן צום מלך.

האָט מען אים געענטפֿערט: דער שד, וואָס זיי האָבן אים אַוועקגעגעבן דעם כּוח פֿון דעם מלך, איז געוואָרן אַ וואָלקן.

האָט דער מלך געזאָגט, אַז מע זאָל רופֿן דעם וואָלקן און ברענגען אים אַהער.

האָט מען געשיקט אַ שליח נאָך אים.

*

האָט ער זיך מיישבֿ געווען, אָט דער וואָס האָט קיין כּוח נישט געהאַט אין די פֿיס פֿרײַער, וואָס איז געקומען אַהער און האָט דאָס אַלץ צוגעזען: לאָם איך גיין זען דעם ענין, ווי אַזוי עס ווערט פֿון די לײַט אַ וואָלקן.

איז ער נאָכגעגאַנגען דעם שליח און איז געקומען אין דער שטאָט, וואָס דאָרטן איז געווען דער וואָלקן.

האָט ער געפֿרעגט די שטאָטלײַט:

— פֿאַר וואָס איז דאָ אַזאַ וואָלקן אין שטאָט?

— דאָ אין שטאָט — האָבן זיי אים געענטפֿערט — איז, אַדרבא, קיין מאָל קיין וואָלקן נישטאָ, נאָר ערשט פֿון אַ צײַט האָט דאָ אַזוי באַדעקט די שטאָט אַ וואָלקן.

איז דער שליח געקומען און האָט גערופֿן דעם וואָלקן.

איז ער אַוועקגעגאַנגען פֿון דאָרט.

און דער מענטש, הנ״ל, דהײַנו, דער וואָס האָט קיין כּוח נישט געהאַט אין די פֿיס פֿרײַער, האָט זיך מיישבֿ געווען: ער וועט זיי נאָכגיין, ער זאָל הערן, וואָס זיי שמועסן.

און ער האָט געהערט, ווי דער שליח האָט אים געפֿרעגט:

— ווי קומט עס, וואָס דו ביסט געוואָרן אַ וואָלקן?

— איך וועל דיר דערציילן — האָט ער אים געענטפֿערט — אַ מעשׂה.

אַמאָל איז געווען אַ חכם. און דער קייסער פֿון דער מדינה איז

געווען אַ גרויסער אַפּיקורס, וועלכער האָט געמאַכט די גאַנצע מדינה פֿאַר אַפּיקורסים.

איז געגאַנגען דער חכם, און האָט צונויפֿגערופֿן זײַן גאַנצע משפּחה און האָט צו זיי געזאָגט:

— איר זעט דאָך, אַז דער קייסער איז אַ גרויסער אַפּיקורס. ער האָט געמאַכט די גאַנצע מדינה פֿאַר אַפּיקורסים. אַ טייל פֿון אונדזער משפּחה האָט ער שוין אויך געמאַכט פֿאַר אַפּיקורסים. בכן, לאָמיר זיך אַוועקלאָזן אין מדבר, כּדי מיר זאָלן בלײַבן בײַ אונדזער אמונה אין גאָט ברוך־הוא.

זײַנען זיי מרוצה געוואָרן דערויף.

און דער חכם האָט געזאָגט אַ שם, הײַנו, ער האָט דערמאָנט אַ שם פֿון די פֿיל שמות פֿון קודשא בריך הוא — האָט ער זיי באַלד געבראַכט דורך דעם דאָזיקן שם צו אַ מדבר.

איז אים נישט געפֿעלן דער מדבר.

האָט ער ווידער געזאָגט אַ שם — זײַנען זיי פֿאַרטראָגן געוואָרן צו אַן אַנדער מדבר.

איז אים דער מדבר אויך נישט געפֿעלן.

האָט ער געזאָגט נאָך אַ שם — האָט ער זיי ווידער געבראַכט צו אַן אַנדער מדבר.

איז אים דער מדבר שוין יאָ געפֿעלן.

און דער דאָזיקער מדבר איז געווען נאָענט צו די צוויי טויזנט בערג.

איז דער חכם הנ״ל געגאַנגען און האָט געמאַכט אַן עיגול, כּלומר, אַרומגעקרײַזט אַרום זיי, אַז קיינער זאָל נישט קענען צוטרעטן צו זיי.

— און עס איז פֿאַראַן אַ בוים, וואָס אַז מע זאָל דעם בוים אָנטרינקען, וואָלט פֿון אונדז, שדים, גאָר נישט געבליבן. איבער דעם שטייען תּמיד אונדזעריקע, וואָס זיי גראָבן טאָג און נאַכט, זיי זאָלן נישט צולאָזן קיין וואַסער צו דעם בוים.

פֿרעגט אים דער אַנדערער:

— נאָך וואָס באַדאַרף מען שטיין טאָג און נאַכט און גראָבן?

אַמער, ווען מען גראָבט־אָפּ איין מאָל, אַז דאָס וואַסער זאָל נישט קע־גען צוקומען, איז דאָך שוין גענוג.

האָט ער אים געענטפערט:

— באַשר עס זײַנען בײַ אונדז פֿאַראַנען „מדברים״, כּלומר, באַ־ריידערס, און די דאָזיקע מדברים גייען און מאַכן־אָן קריג צווישן דעם מלך און צווישן אַן אַנדערן מלך. און דורך דעם ווערן מלחמות. און דורך די מלחמות ווערן ערד־ציטערנישן. פֿאַלט־אײַן די ערד, וואָס אַרום דעם גראָבן. קען צוקומען וואַסער צום בוים. איבער דעם מוז מען שטיין תּמיד, מע זאָל גראָבן, כּנ״ל.

— און אַז עס ווערט אַ מלך פֿון אונדז, דהײַנו, פֿון די שדים, מאַכט מען פֿאַר אים כּל הלצנות און מע פֿרייט זיך זייער.

דער שפּעט, ווי ער האָט מזיק געווען אַ קינד, און ווי די יולדת טרויערט דערויף. און דער ווײַזט אַנדערע לצנות. און אָט אַזוי ווײַזט מען כּלערליי לצנות.

און אַז דער מלך קומט־אַרײַן אין שמחה, גייט ער אום שפּאַצירן מיט די שׂרי־מלוכה און ער פּרוווט זיך דעמאָלט אויסרײַסן דעם בוים. וואָרעם אַז דער בוים זאָל גאָר נישט זײַן, וואָלט אונדז זייער גוט געווען.

און דער מלך שטאַרקט זיך דאָס האַרץ זייער, כּדי ער זאָל אויס־רײַסן דעם בוים אין גאַנצן.

ווי ער קומט אָבער צו צום בוים, טוט דער בוים אַ גרויס געשריי.

פֿאַלט אויף אים אָן אַ פּחד.

מוז ער זיך אומקערן.

— און איין מאָל איז געוואָרן אַ נײַער מלך בײַ אונדז, כּלומר, בײַ די שדים, וואָרעם דאָס האָט אַלץ דערציילט דער וואָלקן צו דעם שליח, כּנ״ל.

האָט מען פֿאַר אים געמאַכט לצנות גרויסע, כּנ״ל.

איז ער אין גרויס שׂמחה אַרײַנגעגאַנגען.

האָט ער זיך געמאַכט אַ שטאַרק האַרץ און געוואָלט אויסרײַסן גאָר דעם גאַנצן בוים.

איז ער געגאַנגען שפּאַצירן מיט זײַנע שׂרים און האָט זיך זייער געשטאַרקט דאָס האַרץ, און איז צוגעלאָפֿן אויסרײַסן דעם בוים.

און ווי נאָר ער איז צוגעקומען צום בוים, האָט ער אויף אים אַ גרויס געשריי געטאָן.

איז אויף אים אָנגעפֿאַלן אַ פּחד.

האָט ער זיך אומגעקערט.

און ער איז אין גרויס כּעס געווען, ווען ער איז צוריקגעגאַנגען.

דערווײַל האָט ער אַ קוק געטאָן, האָט ער דערזען מענטשן זיצן.

דאָס איז געווען דער חכם, הנ״ל, מיט זײַנע מענטשן.

האָט דער מלך געשיקט זײַנע לײַט, אַז זיי זאָלן זיי מזיק זײַן.

איז ווי די משפּחה פֿון דעם חכם האָט זיי דערזען, איז אויף זיי אָנגעפֿאַלן אַ גרויסער פּחד.

האָט זיך דער חכם אָנגערופֿן צו זיי:

— שרעקט זיך נישט.

און אַז די שדים זײַנען אַהינגעקומען, האָבן זיי נישט געקענט צוטרעטן צו זיי, איבער דעם עיגול, וואָס איז געווען אַרום זיי.

האָט ער געשיקט אַנדערע שליחים.

האָבן זיי אויך נישט געקענט צוטרעטן צו זיי.

איז דער מלך געקומען אין גרויס כּעס אַרײַן און איז אַליין גע־גאַנגען.

און ער האָט אויך נישט געקענט צוטרעטן צו זיי.

האָט ער געבעטן דעם זקן, ער זאָל אים לאָזן אַרײַנגיין צו זיי.

האָט אים דער זקן געזאָגט:

— ווײַל דו בעטסט מיך, וועל איך דיך יאָ אַרײַנלאָזן, נישט מער, עס איז אָבער קיין שטייגער נישט, אַז אַ מלך זאָל גיין אַליין, וועל איך דיך לאָזן אַרײַנגיין נאָך מיט איינעם.

האָט ער זיי געעפֿנט אַ טירל. זײַנען זיי אַרײַנגעגאַנגען.

דערנאָך האָט ער ווידער פֿאַרשלאָסן דעם עיגול.

האָט דער מלך געזאָגט צום זקן:

— ווי קומסטו דיך זעצן אויף מײַן אָרט?

האָט ער אים געזאָגט:

— פֿאַר וואָס איז דאָס דײַן אָרט? עס איז מײַן אָרט.

זאָגט דער מלך צום זקן:

— דו האָסט פֿאַר מיר קיין מורא נישט?

— ניין! — זאָגט ער.

— דו האָסט קיין מורא נישט? — פֿרעגט ער ווידער.

און ער האָט זיך תּוך כּדי דיבור אויסגעצויגן אין דער הויך.

ער איז זייער גרויס געוואָרן, ביז אין הימל, און האָט אים גע־וואָלט אײַנשלינגען.

זאָגט דער זקן:

— איך האָב פֿאָרט קיין מורא נישט פֿאַר דיר. נאָר אַז איך וויל, וועסטו פֿאַר מיר יאָ מורא האָבן.

און ער איז געגאַנגען און האָט אַ ביסל מתפּלל געווען.

זײַנען געוואָרן גרויסע וואָלקנס און גרויסע דונערן — און דער דונער הרגעט זיי אויס אַלע. עס זײַנען געהרגעט געוואָרן אַלע זײַנע שׂרי־מלוכה, און עס איז מער נישט איבערגעבליבן נאָר דער מלך מיט דעם איינעם, וואָס איז מיט אים געווען דאָרט אין דעם עיגול.

האָט דער מלך געבעטן דעם זקן, אַז דער דונער זאָל אויפֿהערן.

האָט ער אויפֿגעהערט.

— אַז דו ביסט יאָ אַזאַ מענטש, — האָט זיך אָנגערופֿן דער מלך און געזאָגט צום זקן — וועל איך דיר שענקען אַ ספֿר פֿון די אַלע משפּחות פֿון די שדים. וואָרעם עס זײַנען פֿאַראַנען בעלי־שמות, וואָס וויסן מער נישט ווי נאָר פֿון איין משפּחה; און אַפֿילו די משפּחה קענען זיי נישט אין גאַנצן. וועל איך דיר געבן אַ ספֿר, וואָס דרינען שטייען אַלע משפּחות. וואָרעם בײַ דעם מלך זײַנען זיי אַלע פֿאַר־שריבן. אַפֿילו ווער עס ווערט געבוירן ווערט אויך פֿאַרשריבן בײַ דעם מלך.

האָט דער מלך געשיקט דעם איינעם, וואָס איז מיט אים געווען נאָך דעם ספֿר, הײַנו, דער מלך פֿון די שדים האָט געשיקט דעם איי־נעם, וואָס איז מיט אים געווען, נאָך דעם ספֿר — און דער נמצא איז,

אַז ער האָט זייער רעכט געטאָן, וואָס ער האָט אים אַרײַנגעלאָזט מיט נאָך איינעם, וואָרעם, אויב נישט, ווער וואָלט ער געקענט שיקן נאָכן ספֿר?

האָט ער אים געבראַכט דעם ספֿר.

האָט ער אים געעפֿנט און געזען: עס שטייען דרינען אלף אַלפֿים רבוא רבֿבֿות זייערע משפּחות.

האָט דער מלך צוגעזאָגט דעם זקן, אַז זיי זאָלן קיין מאָל נישט מזיק זײַן די גאַנצע משפּחה פֿונעם זקן. און ער האָט געהייסן ברענגען אַלע „פּאָרטרעטן“ פֿון זײַן גאַנצער משפּחה. ער האָט געזאָגט, אַז אַפֿילו ווען עס וועט בײַ זיי געבוירן ווערן אַ קינד, זאָל מען תּיכּף ברענגען זײַן פּאָרטרעט, כּדי זיי זאָלן נישט מזיק זײַן קיינעם פֿון דער משפּחה פֿון דעם זקן.

דערנאָך, אַז עס איז געקומען די צײַט פֿון דעם זקן, ער זאָל אַוועקגיין פֿון דער וועלט, האָט ער גערופֿן זײַנע קינדער און האָט זיי אַ צוואה געלאָזט און צו זיי אַזוי געזאָגט:

— איך לאָז אײַך איבער דעם דאָזיקן ספֿר. און איר זעט דאָך, אַז איך בין בכּוח צו באַניצן זיך מיט אים בקדושה. פֿון דעסט וועגן ניץ איך מיך נישט מיט אים, נאָר איך האָב אמונה אין השם יתברך. זאָלט איר אויך נישט באַניצן זיך מיט אים. אַפֿילו אַז עס וועט זיך געפֿינען איינער פֿון אײַך, וואָס וועט קענען זיך באַניצן מיט אים בקדושה, זאָל ער פֿאָרט מיט אים זיך נישט באַניצן, נאָר ער זאָל האָבן אמונה אין השם יתברך.

דערנאָך איז דער חכם געשטאָרבן.

און דער ספֿר איז געגאַנגען בירושה און איז אָנגעקומען צו זײַן אייניקל.

און דאָס דאָזיקע אייניקל איז בכּוח געווען צו ניצן דעם ספֿר בקדושה, נאָר ער האָט געהאַט אמונה אין השם יתברך, האָט ער זיך מיט אים נישט באַניצט, אַזוי ווי דער זקן האָט אין זײַן צוואה געלאָזט.

*

און די מדברים, הײַנו, די אָנריידערס וואָס זײַנען פֿאַראַנען צווישן די שדים, האָבן אָנגערעדט דאָס אייניקל פֿון דעם זקן:

— באַשר דו האָסט טעכטער גרויסע, און דו האָסט נישט זיי מפֿרנס צו זײַן און חתונה צו מאַכן, על כּן, פֿאַרע זיך מיט דעם ספֿר.

און ער האָט נישט געוווּסט, אַז זיי ריידן עס אים אָן. ער האָט געמיינט, אַז זײַן האַרץ רעדט דאָס אים אָן.

איז ער געפֿאָרן צו זײַן זיידן אויף זײַן קבֿר. און ער האָט אים געפֿרעגט:

— באַשר דו האָסט געלאָזט אַ צוואה, אַז מע זאָל זיך נישט באַניצן מיט דעם ספֿר, נאָר מיר זאָלן אמונה האָבן אין השם יתברך. הײַנט רעדט מיך אָבער אָן מײַן האַרץ, איך זאָל זיך מיט אים יאָ באַניצן.

האָט אים געענטפֿערט זײַן זיידע, וואָס איז געשטאָרבן:

— כאָטש דו קענסט אים ניצן בקדושה, איז בעסער אַז דו זאָלסט האָבן אמונה אין השם יתברך. דו זאָלסט זיך מיט אים נישט באַניצן. השם יתברך וועט דיר העלפֿן.

און ער האָט אַזוי געטאָן.

ויהי היום איז אין דער מדינה, וואָס דאָרט איז געזעסן דאָס אייניקל פֿון דעם זקן, דער מלך קראַנק געוואָרן. האָט ער זיך געפֿאָרעט מיט דאָקטוירים און זיי האָבן אים נישט געקענט געבן קיין רפֿואה מחמת די גרויסע היצן, וואָס זײַנען געווען דאָרטן. איבער די היצן האָבן די רפֿואות נישט געהאָלפֿן.

האָט דער מלך גוזר געווען, אַז ייִדן זאָלן פֿאַר אים מתפּלל זײַן.

האָט אונדזער מלך, הײַנו, דער מלך פֿון די שדים, געזאָגט:

— באַשר דאָס אייניקל, הנ״ל, האָט כּוח צו באַניצן זיך מיט דעם ספֿר בקדושה, און ער באַניצט זיך פֿאָרט נישט מיט אים, דעריבער באַדאַרפֿן מיר אים אַ טובֿה טאָן.

און ער האָט געהייסן מיר, אַז איך זאָל דאָרט ווערן אַ וואָלקן, כּדי דער מלך זאָל האָבן אַ רפֿואה פֿון די רפֿואות, וואָס ער האָט שוין גענומען, און פֿון די רפֿואות וואָס ער וועט נאָך נעמען.

און דאָס אייניקל האָט דערפֿון גאָר נישט געוווּסט.

און מחמת דעם בין איך געוואָרן אַ וואָלקן.

אָט דאָס אַלץ דערציילט דער וואָלקן צום שליח.

און דער, וואָס האָט פֿריִער נישט געהאַט קיין כּוח אין די פֿיס, איז זיי נאָכגעגאַנגען און האָט אַלץ געהערט.

*

און מע האָט אים, דהײַנו, דעם וואָס איז געוואָרן אַ וואָלקן, געבראַכט צום מלך. האָט דער מלך געהייסן, אַז מע זאָל בײַ אים אָפּנעמען דעם כּוח און מע זאָל אים אומקערן צו דעם מלך, וואָס זיי האָבן בײַ אים דעם כּוח אַוועקגענומען, ווײַל ער האָט געבויט אויף זייער אָרט.

האָט מען אים אומגעקערט דעם כּוח.

און דעמאָלט האָט זיך צוריקגעקערט דער זון פֿון די שדים, הנ״ל, וואָס זײַן פֿאָטער און מוטער האָבן געוויינט נאָך אים, כּנ״ל. און ער איז געקומען זייער אָפּגעמוטשעט, אָן כּוח. וואָרעם מע האָט אים דאָרט זייער שטאַרק געפּײַניקט. און עס האָט אים זייער פֿאַרדראָסן אויף דעם מכשף, וואָס האָט אים דאָרט אַזעלכע יסורים אָנגעטאָן.

האָט ער אָנגעזאָגט זײַנע קינדער און זײַן משפּחה, אַז זיי זאָלן תּמיד לאָקערן אויף דעם מכשף, הנ״ל.

און צווישן די שדים זײַנען דאָך אָבער דאָ מדברים, דהײַנו, אָנריידערס, זײַנען זיי געגאַנגען און האָבן אָפּגעטראָגן דעם מכשף, אַז זיי לאָקערן אויף אים, כּדי ער זאָל זיך היטן.

האָט ער געטאָן דער מכשף תּחבולות. ער האָט אויך גערופֿן נאָך מכשפֿים, וואָס קענען נאָך משפּחות פֿון שדים, כּדי ער זאָל זיך היטן פֿאַר זיי.

האָט זייער פֿאַרדראָסן דעם זון, הנ״ל, מיט זײַן משפּחה אויף די מדברים, נאָך וואָס זיי האָבן אויסגעזאָגט דעם סוד צום מכשף.

איין מאָל האָט זיך געטראָפֿן, אַז זיי זײַנען אין איינעם געגאַנגען

אויף דער וואַרטע בײַם מלך פֿון דער משפחה פֿון דעם זון, הנ״ל, מיט די פֿון די מדברים.

זײַנען געגאַנגען די בני המשפחה פֿון דעם זון, הנ״ל, און האָבן געמאַכט אַ בילבול אויף די מדברים.

האָט דער מלך אויסגעהרגעט די מדברים.

האָט עס די איבעריקע מדברים פֿאַרדראָסן.

זײַנען זיי געגאַנגען און האָבן געמאַכט אַ מרידה צווישן אַלע מלכים.

איז געוואָרן צווישן די שדים הונגער און חלשות און חרבֿ און דבֿר, און עס זײַנען געוואָרן מלחמות צווישן אַלע מלכים.

און דורך דעם איז געוואָרן אַן ערד־ציטערניש.

איז אײַנגעפֿאַלן די גאַנצן ערד.

איז דער בוים געוואָרן אָנגעטרונקען גאָר אין גאַנצן.

איז פֿון די שדים גאָר נישט געבליבן.

זיי זײַנען געוואָרן גאָר נישט.

אָמן.



ניגון צו ויהי בחצי הלילה

אַ מעשה מיט אַ הענגלײַכטער *

מעשׂה: אײנער איז אַוועקגעגאַנגען פֿון זײַן פֿאָטער און איז געווען אין אַנדערע מדינות פֿיל טעג. ער האָט זיך אויפֿגעהאַלטן בײַ פֿרעמדע.

אין אַ צײַט אַרום איז ער געקומען צום פֿאָטער זײַנעם און האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט דאָרטן זיך אויסגעלערנט אַ גרויסע אומנות[1], ווי אַזוי צו מאַכן מיט גרויס קונסט אַ הענגלײַכטער. און ער האָט געהייסן, מע זאָל צונויפֿנעמען די אַלע לײַט, וואָס באַשעפֿטיקן זיך מיט דער אומנות פֿון מאַכן הענגלײַכטער, וועט ער זיי ווײַזן די גרויסע חכמה זײַנע אין דער דאָזיקער אומנות.

און ער האָט אַזוי געטאָן, דער פֿאָטער זײַנער. ער האָט צונויפֿגענומען די אַלע, וואָס באַשעפֿטיקן זיך מיט דער דאָזיקער אומנות, זיי זאָלן זען די גרויסקייט פֿון זײַן זון, וואָס ער האָט אויפֿגעטאָן אין די דאָזיקע אַלע טעג, וואָס ער איז געווען בײַ אַנדערע אין די הענט.

און אַז זיי זײַנען זיך אַלע צונויפֿגעקומען, האָט דער זון אַרויסגענומען אַ מנורה, וואָס ער האָט געמאַכט.

האָט זי זייער מיאוס אויסגעזען אין די אויגן פֿון זיי אַלע.

איז דער פֿאָטער זײַנער געגאַנגען צו זיי אַלעמען און זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן אים אויסזאָגן דעם אמת.

זײַנען זיי געצווּנגען געווען אויסצוזאָגן אים דעם אמת, אַז זי איז זייער מיאוס.

נאָר דער זון האָט זיך געהאַלטן אין איין באַרימען:

— זעט איר, וואָס פֿאַר אַ חכמה עס ליגט אין מײַן אַרבעט!...

* די דאָזיקע מעשה געפֿינט זיך נישט אין דעם יידישן טעקסט. זי איז אויך נישטאָ צווישן די 13 דערציילונגען, פֿון וועלכע סיפורי־מעשיות באַשטייען. זי קומט גאָר צום סוף, אין די הערות פֿון ר׳ נתן צו דער מעשה פֿון די זיבן בעטלערס. — [1] מלאכה, האַנטווערק.

האָט אים זײַן פֿאָטער מודיע געווען, אַז דער הענגלײַכטער זעט גאָר גישט אויס שיין אין זייערע אַלעמענס אויגן.

האָט אים דער זון געענטפֿערט:

— אַדרבה, מיט דעם האָב איך באַוויזן מײַן גרויסקייט. וואָרעם איך האָב געוויזן זיי אַלעמען זייער חסרון. וואָרעם אין דעם דאָזיקן הענגלײַכטער געפֿינען זיך די חסרונות פֿון יעדן איינעם פֿון די בעלי־אומנות, וואָס געפֿינען זיך דאָ. דו זעסט דאָך, אַז בײַ דעם איז מיאוס אַט דער טייל פֿון דעם הענגלײַכטער; אַן אַנדער טייל אָבער זעט בײַ אים אויס זייער שיין. בײַ אַן אַנדערן ווידער איז פֿאַרקערט. אַדרבה, אַט דער טייל, וואָס זעט־אויס מיאוס בײַם חבֿר זײַנעם, איז שיין און וווּנדערלעך אין זײַנע אויגן. נאָר וואָס דען? אָט דער טייל איז מיאוס. און אָט אַזוי איז עס מיט זיי אַלע. דאָס, וואָס עס איז שלעכט אין די אויגן פֿון דעם, איז שיין אין די אויגן פֿון חבֿר זײַנעם. און אַזוי פֿאַר־קערט. האָב איך געמאַכט די דאָזיקע מנורה פֿון חסרונות אַליין, כּדי צו ווײַזן זיי אַלעמען, אַז זיי פֿאַרמאָגן קיין שלימות נישט. אַז יעדער איינער האָט אַ חסרון, וואָרעם דאָס, וואָס עס זעט־אויס שיין אין זײַנע אויגן, איז אַ חסרון אין די אויגן פֿון זײַן חבֿר. אין אמתן אָבער קען איך מאַכן דעם הענגלײַכטער ווי געהעריק.

צו דער כאַראַקטעריסטיק

פֿון ר׳ נחמן בראַצלעווערס שאַפֿן

בלעטער פֿון געשיכטע, שפּראַכפֿאָרשונג, קריטיק און זכרונות

אַהרן צייטלין

ר׳ נחמן [1]

עקספּאָזיציע

ר׳ נחמן, אַ ייִד מיט אַ שאַרף שמאָל בערדל, שפּיציק ווי אַ שטילעט, מיט אַ הויכן, ווײַסן שטערן און רויטע ליפּן, וואָס זעען־אויס ווי אָנגעצונדן, שטייט אומבאַוועגלעך אין פענצטער פון אַ נידעריק הויז, וואָס גייט־אַרויס אויפן אומאַנער בית־הקברות.

דער ייִד זעט־אויס פון אַ יאָר עטלעכע און דרײַסיק. ער קוקט אויף די קברים און טראַכט פון זײַן לעבן נאָכן טויט.

ער האָט זיך דאָך מיט אַ כיוון באַזעצט קעגנאיבער דעם בית־עולם, אַז די גרענעץ צווישן די וועלטן זאָל אים תמיד פאַר די אויגן שטיין.

דאָס בית־הקברות קומט אים פאָר ווי אַ ריזיקע מעשה, און די מעשה גופא איז צו גלײַך די דערציילערין — זי עפנט אַ מויל און דערציילט זיך אַליין.

שעהען לאַנג האָרכט ער בײַם פענצטער די ריזיקע מעשה פון די קברים.

אַלע דורות טענהן, אַלע טויטן זײַנען לעבנס; פון הינטער מאָגערע הצבה־שטיינער צײַען זיך הענט אויס; אין טיפן בית־עולם־גראָז קוילערן זיך אויגן; משוגענע בתולות מיט נאַקעטע הענט לויפן זינגענדיק און קושן זיך מיט אַ ווינט הפקרדיק; און, להבדיל, אומגעקומענע פון כמעלניצקיס צײַטן רירן מיט פאַרבלוטיקטע גלידער, מאַכן ציטערן דאָס גראָז מיטן קאָנוווּלסיע־צאַפּל פון אַ צעשניטענעם פיש, גיבן זיך ראַפּטום אַ וואָרף ביז עק פעלד און מאַכן פינצטער דאָס אויג פון טאָג.

און אָט קומען די זעקס בעטלערס פון דער מעשה מיט די זיבן, שאַרן זיך צווישן מצבות, שוואַרצן די גרענעץ פון צוויי וועלטן, בלײַבן שטיין מיט אַ מאָל, די קעפּ און די טאָרבעס פאַרוואָרפן אויף אַהינטער, און פרעגן זיך אַליין זעקס מאָל:

— איך לוקחים בכאן, ווי נעמט מען אַהער, את הבעטלער השביעי, דעם בעטלער דעם זיבעטן?

---

[1] פון גלאָבוס ב׳ 18, וואַרשע 1933, זז׳ 34—37.

ערגעץ ווײַטער וואַלגערט זיך דער חכם, רײַסט זיך די האָר פון קאָפּ, וואַרפט זיך ווי אַ יאַשטשערקע בײַם פּלויט פון בית־עולם, איבער אים שטייט זײַן ברודער, דער תם, און דער חכם שרײַט:

— הייב־אויף, ברודער תם, האָב רחמנות!

ערשט פון הינטער אַ „פּה נטמן” הייבט זיך אויף די בת־מלכה. און נעמט זי אירע טריט שטעלן — וואַקסט־אויס אַרום איר דער וואַסער־טורעם, און דער וואַסער־טורעם דרייט זיך אַרום איר ווי אַ גרויסער וואַסער־פויגל, און די וואַסער־ביימער רוישן איבער איר אַ שלאָפגעזאַנג, טריפן איבער איר אַ שלאָפ־געטראַנק.

אָט שטייט דער בעל־תפילה אויף אַ באַרג פון גאָלד. קרישלט זיך דער באַרג! די מטבעות קוילערן זיך אַראָפּ־צו, די תפילה קוילערט זיך אַרויף־צו. דאָס גאָלד פאַלט, קלאַפּערט וויינענדיק, די תפילה שטײַגט, פלאַטערט זינגענדיק.

דער באַרג פאַרזינקט, דער בעל־תפילה גייט־אַוועק, רײַסט־מיט אַ שטיק וואָלקן מיט זיך — און אין קלאָרן חלל, וואָס בלײַבט נאָך אים, גייט־אויף ווי אין אַ ראָד דאָס פּנים פון דעם עלטערזיידן, דעם בעל־שם.

אַז דער מענטש דערזעט אים דורכן פענצטער, שפּרינגט ער אויף.

— געקומען צום אוראייניקל? — פרעגט ער.

— נחמן! — רעדט דאָס פּנים אין ראָד — דײַנע מעשיות האָבן פליגל באַקומען: זיי פליִען איבער עולמות! ווו מע גייט און ווו מע שטייט, אַהאַ, עס רוישט נחמנקעס אַ מעשה!

דאָס פּנים ווערט צונויפגעגאָסן מיטן ראָד. דאָס ראָד אין דער הויך גיט אַ ציטער ווי פון קעלט, באַקומט אַ בערגלדיקן קאַצן־הויקער, שרומפּט זיך אײַן און ווערט אייגס מיטן בלייכן גלגל פון דער שפּעט־האַרבסטיקער זון, וואָס קרײַזט, אַ קילע און אַ פאַרטראַכטע, צוקאָפּנס פון. אומאַנער בית־הקברות.

דער מענטש גייט־אָפּ פון פענצטער.

ער שטעלט זיך אַוועק אין מיטן חדר און רופט־אויס צו זיך אַליין:

— נחמן, הערסט? דײַנע מעשיות האָבן פליגל באַקומען!

— דו ביסט דער טײַך, וואָס שווענקט־אָפּ אַלע פלעקן!

— דו ביסט דער צדיק האמת!

— דו רירסט־אָן מיט די הענט אַלע עולמות!

— דײַן פּײַערל וועט שוין טליִען ביז משיח וועט קומען!

ער דערפילט גאָט אין אַלע אברים. ער ציטערט־אויף פון דער אייגענער גרויסקייט.

גאָר אָט ווערט ער שטיל, וויל אויספּרוּוון דעם נאָכקלאַנג פון די אייגענע רייד. די שטילקייט, אַן אויסגעהאָרכטע, אַן אויסגעפּרוּווטע, פלאַצט — און

ווידער ציִנדן זיך די פֿײַער־רויטע ליפּן מיט ווערטער, וואָס פֿאָדערן־אַרויס, ווער־טער וואָס זײַנען פֿול מיט שטאָלץ און טרויער פֿון בן־יוסף, דעם פּרי־שטאַרבנ־דיקן:

— אויף וועמען קריגט איר? אויף מיר? וואָס קלערסטו זיך, שפּאָלער זיידע? אַז דו קענסט מיך? איר קריגט דאָך אַלע אויף אַן אַנדער מענטש! אויף אַ מענטש, וואָס איז נישט איך!

ער צעלאַכט זיך.

— זיי האָבן מיט אייגענע הענט זיך אויסגעשניצט אַ מענטש און זײַנען מיט אים מחולק! זיי האָבן זיך אײַנגערעדט, אַז יענער מענטש בין איך, נחמן בראַצלעווער!

און ווידער נעמט ער די שטילקייט אויף פֿאַרהער.

אַ טיף געוויין טרייסלט אים אַדורך.

יאָ, ער איז דער טײַך, וואָס שווענקט־אַרונטער אַלע פּגמים. נאָר מוז ער נישט אַרונטערשווענקען די פּגמים די אייגענע יעדע רגע, יעדע רגע פֿון זײַן שטיין אויף די גרענעצן?

ער איז דער תם, וואָס שפּאַנט איבער דער אײַזערנער בריק פֿון אמונה, נאָר ער איז נישט אויך דער חכם, וואָס מחמת קלוגשאַפֿט בלײַבט ער שטעקן אין דער בלאָטע און מוז שרײַען אַ גרויס געשריי?

דאָס געוויטער פֿון זײַן חכמה ברילט אין אים. דער חכם מישט זיך אין דעם תמס עסקים.

ער, וואָס האָט אַ רגע צוריק דערפֿילט מיטן גאַנצן בלוט, מיט לײַב, מיט הענט און פֿיס, ווי טיף עס שטעקט זײַן שורש אין דער ערד פֿון אייביקייט, ער ווערט איצט באַפֿאַלן פֿון אַזאַ ווייטיק, אַז ער וואָלט מחמת דער ווילדקייט פֿון זײַנע יסורים געקאָנט, דאַכט זיך, מיט די ציין צעזעגן אַ זעג.

דערנאָך, אַז ר׳ נתן געמיראָווער לענט־אויף שטילערהייט, ווי זײַן שטיי־גער, די טיר פֿון חדר מיט דעם איינציקן פֿענצטער, וואָס שטייט אין דער וואַנט ווי אַ מין ליכטיקער אָפּגוס פֿון דעם פֿאַרבאָרגענעם אייבערשטן אויג, זעט ער, ר׳ נתן: מיטן פּנים צו דר׳ערד ליגט אויסגעשטרעקט אויף דער פּאָדלאָגע ר׳ נחמן, וואַלגערט זיך אין שטויב, רײַסט פֿון זיך ס׳פֿלייש, דריגעט מיט די פֿיס און וויינט ווי אַ געשמיסענער.

ער שליוכצט:

— גיב אַ קוק! וואָס ערגעץ אַ כופר האָט ווען עס איז געכופֿרט, מוז עס אַדורכגיין דורך מיר. ווו ערגעץ אַ טרער, וואָס אַ בתולה אָן גדן האָט אַרײַנגע־וויינט אין קישן, מוז עס אַדורכרינען דורך מיר. און אַז זי רופֿט אין געדאַנק איר באַשערטן, מוז איר רופֿן דורכלויפֿן דורך מיר. און ייִדן, וואָס חמי״ל דער

רוצח האָט מיט זײַן שווערד צעהאַקט — דורך וועמען גייען זייערע פֿאַרשניטע־נע נשמות? דורך דעם עלנטן ר׳ נחמנקע. איך אַליין בין גאָרנישט מיט גאָרנישט. איך בין די אָפּענע גאַס. וואָס מײַנע קלוגשאַפֿטן ווערן שווערער, אַלץ גרינגער ווער איך. ווען קען תופֿס זײַן די גרויס פֿון מײַן נישטיקייט? וואָס בין איך? ווער בין איך? איך בין בלאָטע, וואָס וואַלגערט זיך אין בלאָטע. איך בין אַ חלום, וואָס עס קומט אים צו חלום אַ חלום. איך בין אַזוי גאָר נישט, אַז גאָר נישט איז אַלץ קעגן מיר. צו וואָס האָסטו מיך באַשאַפֿן און נאָך וואָס האָב איך הויט און ביינער באַקומען?

שטייט ר׳ נתן אַ פֿאַרציטערטער בײַ אַ וואַנט. הערט איטלעכס וואָרט און האָט מורא זיך אָנצורופֿן.

ר׳ נחמן פֿילט נישט יענעמס זײַן אין צימער. מיט די נעגל רײַסט ער די פּאָדלאָגע און עס שרײַען פֿון אים די יסורים, אַלע אומצייליקע יסורים פֿון אַ מענטש.

ר׳ נתן פֿאַרהאַלט דעם אָטעם.

דאָס פֿענצטער אַקעגנאיבער וויל אַנטלויפֿן.

דאָס בית־הקברות ציט זיך איבער מיט אַ שוואַרצן איבערדעק, זעט־אויס ווי אַ לאַנגע, שוואַרצע מיטה. בייזע האַרבסטווינטן שטעלן־אונטער אַקסלען, טראָגן די מיטה צו אַן אָרון, וואָס וואָלקנס האָבן אויף גיך צונויפֿגעקלאַפּט.

ר׳ נתן האַלט נישט אויס.

דער רבי אַליין רעדט אַזוי — וואָס זאָל ער שוין זאָגן, דער תלמיד?

ער רוקט זיך אויף שפּיץ פֿינגער, לויפֿט־אַרויס אַ צעטומלטער אויפֿן בית־הקברות, פֿאַלט־צו מיטן קאָפּ צו אַ מצבה און בלײַבט אַזוי אַ פֿאַרגליווערטער ליגן.

ער וואַרט, ביז ר׳ נחמנס רייד און געשרייען וועלן אָפּרעגענען און אין בייזן האַרץ פֿון די וואָלקנס וועט זיך אײַנשנײַדן דער דימענטענער רעגנבויגן פֿון דעם רבינס אַ נײַער מעשה.

ווער ווייס?

אפֿשר וועט מען נאָך זוכה זײַן צו דערהערן פֿון רבינס מויל דעם סוף פֿון דער מעשה מיט די זיבן בעטלערס.

אפֿשר וועלן זיך שטאַרקן די לויטערע וואַסערן פֿון חסד און ר׳ נחמן וועט מגלה זײַן דער וועלט דעם סוד פֿון דעם זיבעטן, דעם בעטלער דעם נאָך נישט געקומענעם.

און דעמאָלט וועט אפֿשר אויך ער, דער געטרײַער פֿאַרצייכענער ר׳ נתן, קאָנען משיג זײַן אויף אַן אמת, ווי אַזוי מע האָט זיך געפֿרייט אויף יענער חתונה אין גרוב, ווו פֿון די לעבעדיקע איז קיינער נישט געווען אַ חוץ אים, דעם רבין ר׳ נחמן.

יעקב גלאַטשטיין

דער בראַצלעווער צו זיין סופר *

פֿאַראַן אַזעלכע שטייגער לײַט,
וואָס טראַכטן אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך
און דער קאָפּ ווערט בײַ זיי הייליק,
אָבער דער גאַנצער גוף בלײַבט שטויב פֿון שטויבן.
זיי קוקן־אַרײַן אין אַ ספר
און די אויגן גלאָצן באַלד אַרויף אויבן,
אָבער די פּיסלעך מיט די הענטלעך
זײַנען נאָך בײַ זיי עפר ואפר,
און איבערן גאַרטל,
און אונטער דעם צווישנשייד,
ווערט אַלץ טריף און טריפֿער.
זיי לערנען זיך אויס שיינע ווערטער,
זיי זײַנען עולה־רגל צו די הייליקסטע ערטער.
נאָר זאָל קומען אַ גדבה בעטן אַ מענטש אַ פֿאַרשמאַכטער,
בלײַבט זייער האַנט פֿאַרמאַכט
און ס'האַרץ פֿאַרמאַכטער.
דעם קאָפּ האָבן זיי מרחיק געווען פֿונעם שׂכל,
און ס'אָרעמע מוחל רודערט אַזש מיט די גלגלים,
נאָר ס'פּיצעלנאָגטשיקל מענטשל ווערט פֿאַרפֿאַלן
אויף עולם ועד.

הערימאַך [1], זאָג איך דיר, נתן,
טראַכטן איז ווי נאָטן צו געזאַנגען,

* פֿון בוך געדענק־לידער, נ״י 1943, פֿון אַ ציקל: 1 פֿון 5 לידער. —
[1] בכן, דעריבער.

און די געזאַנגען וויינען אין לב.
זע, אַז ס'האַרץ זאָל טראַכטן לויטער,
וועט ממילא דער קאָפּ אויפֿהערן צו טשאַדן.
פֿײַנט האָב איך דעם גוטן ייִדן,
דעם כּלומרשטן ייִדען,
וואָס פֿאַרטיפֿט די אותיות פֿון ספֿרים
מיט נעצרדיקע [2] טראַכטערײַען.

נעם אַ ליכט און באַלײַכט דעם בראשית.
בּרא האָט באַשאַפֿן.
בראשית האָט באַשאַפֿן.
גוואַלד, נתן, וואָס איז דאָ שײַך צו טראַכטן?
לאָמיר גיין באַזאַמען אין רעגנס און אין שנייען,
אין זונען און אין קעלטן.
און לאָמיר זינגען —
בראשית האָט באַשאַפֿן וועלטן.

[2] פֿאַרהאַלטענע.

ש. צ. זעצער

ר׳ נחמן בראַצלעווערס פאַרהערלעכן ארץ־ישראל[1]

...וואָס עלטער ער איז געוואָרן, וואָס גרעסער עס איז זײַן גלויבן אין זיך געוואָרן, ער זאָל די ייִדישע וועלט אין דעם נײַעם דרך זײַנעם פון עבודת השם מחנך זײַן, אַלץ מער האָט זיך זײַן פאַרהערלעכונג פון ארץ־ישראל פאַרשטאַרקט, אַלץ מער האָט ער אָנגעהויבן באַטראַכטן ארץ־ישראל ווי דער קוואַל, פון וועלכן יעדער ייִד מוז שעפּן די השפעה פון שלימות פאַר די כוחות הנפש זײַנע, אַלץ מער האָט ער אָנגעהויבן קומען צום גלויבן, אַז ער קען זיך נישט בעמען פאַר דעם דורכפירן פון דער מיסיע זײַנער אין לעבן, ביז ער וועט נישט פריִער ממשיך זײַן אויף זיך די קדושה פון ארץ־ישראל, ביז ער וועט זיך נישט פריִער אין דעם אווירא דארץ־ישראל רייניקן.

ווי שטאַרק עס איז זיך נישט צעוואַקסן אין אים זײַן גלויבן אין זײַן גרויסקייט, ווי איבערגעפולט ער האָט זיך נישט געפילט פון די מעכטיקע גײַסטיקע כוחות, וואָס האָבן געברויזט אין אים, פון די מעכטיקע גײַסטיקע כוחות זײַנע, וואָס האָבן זיך געריסן צו טאָטן גרויסע, האָט ער דאָך צוזאַמען דערמיט שטענדיק געהאַט דאָס געפיל, אַז „עס פעלט אים נאָך עפּעס[2], אַז ער איז נאָך נישט אין גאַנצן פאַרטיק, ער זאָל זיך קענען נעמען פאַר דעם רעאַליזירן אין לעבן דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט אויפן געדאַנק זײַנעם, אַז ווי גרויס זיי זײַנען נישט, די מדרגות, צו וועלכע ער האָט שוין דערגרייכט, זײַנען זיי דאָך נאָך נישט אין גאַנצן פולקאָם.

און וואָס ווײַטער, איז אַלץ מער קלאָר געוואָרן פאַר אים, אַז נאָר דאָרטן, אין ארץ־ישראל, וועט ער קענען אָפּזוכן אָט דאָס, וואָס עס פעלט אים נאָך; אַז נאָר דאָרטן וועט ער קענען זוכה זײַן צו די השגות, צו וועלכע ער האָט נאָך ביז איצט נישט זוכה געווען; אַז נאָר דאָרטן וועט ער קריגן די שלימות, צו

[1] פון די נסיעה פון רבי נחמן בראסלאווער קיין ארץ־ישראל, נ״י 1928, ז״ 25—29. — [2] זע: סיפורי־מעשיות, מעשה בר׳ ובן יחיד.

וועלכער ער גאַרט, די לעצטע הכנה, וואָס וועט אים מסוגל מאַכן פאַר דעם מנהיג הדור זיך צו פראָקלאַמירן.

זײַן באַגער צו קומען קיין ארץ־ישראל איז, ווירקלעך, געגאַנגען האַנט אין האַנט פאַר אים מיט דער פּראָבלעם פון זײַן אָט דאָס, וואָס ער האָט געגלויבט, אַז ער באַדאַרף זײַן אָט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זײַן.

און העריבער — דערפאַר וואָס ער האָט געזען אין זײַן געפינען זיך אין ארץ־ישראל די איינציקע מעגלעכקייט, ער זאָל קענען פאַרווירקלעכן די לעבנס־מיסיע זײַנע — האָט זײַן גלוסטן און גאַרן צו קומען קיין ארץ־ישראל אַזוינע שאַרפע פאָרמען אָנגענומען, איז אין דעם דאָזיקן גאַרן צו קומען קיין ארץ־ישראל אַזוי פיל לײַדנשאַפטלעכקייט געווען, האָט ער אין אים אַזוי פיל נשמה, אַזוי פיל האַרץ פאַרקערפּערט.

זײַן באַגער צו קומען אין ארץ־ישראל איז זײַן אידייע פיקס געוואָרן, זײַן אידייע פיקס פון וועלכער ער האָט זיך נישט געוואָלט באַפרײַען, פון וועלכער ער האָט זיך אויך נישט געקענט באַפרײַען קיין מאָל.

דער דאָזיקער באַגער זײַנער, איז דער צענטראַלסטער לעבנס־אידעאַל זײַנער געווען, פאַר וועלכן ער איז גרייט געווען די גרעסטע קרבנות ברענגען. ער איז גרייט געווען אַ קאַמף אונטערצונעמען קעגן די גרעסטע שטערונגען. ער איז גרייט געווען צוליב דער דערגרייכונג פון דער פאַרווירקלעכונג פון דעם דאָזיקן באַגער גרויסע אַכזריות נישט נאָר צו זיך אַליין, נאָר אויך צו זײַן פאַמיליע אַרויסווײַזן. „ער האָט ממש זײַן לעבן מפקיר געווען — שרײַבט רבי נתן אין דער הקדמה זײַנער צום ספר לקוטי מהר״ן — ווען ער האָט אונטערגענומען זײַן נסיעה קיין ארץ־ישראל — ער איז געפאָרן אַהין אין שעת מלחמה. וואָרעם עס זײַנען געווען שטאַרקע מלחמות [3] דעמאָלט, אין יענע מדינות. און וואָס פאַר אַ נסיונות ער האָט דאָס געהאַט אויסצושטיין דורך דעם גאַנצן וועג! וואָרעם עס האָבן אים אַרומגערינגלט אין יענע טעג כמה מינים צרות און סכנות, גרויסע און שווערע".

און רבי נחמן בראַצלעווער אַליין האָט וועגן דעם פאָלגנדיקס געזאָגט: „אין יעדן טריט, וואָס איך האָב געמאַכט אויף פאָרן קיין ארץ־ישראל, האָב איך געהאַט מסירות־נפש".

ווען זײַן פרוי איז געוויר געוואָרן — ווערט דערציילט אין סיפור המעשה וועגן דער נסיעה זײַנער קיין ארץ־ישראל — אַז ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט זי געשיקט די טאָכטער אים פרעגן, ווי אַזוי וועט ער זיי איבערלאָזן, ווער וועט זיי מפרנס זײַן. האָט ער איר געענטפערט:

[3] די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות.

— דו וועסט אָפּקאַפּאָרן צו דײַן מחותן, דײַן עלטערע שוועסטער וועט ווערן אַ דינסט, דײַן קלענערע שוועסטער וועט אײנער צונעמען צו זיך פֿאַר רחמנות. דײַן מוטער וועט ווערן אַ קעכין. אַלצדינג, וואָס איך האָב אין שטוב, וועל איך פֿאַרקויפֿן אויף הוצאות פֿון דער נסיעה.

און אַז די בני־בית — ווערט דערציילט ווײַטער דאָרטן — האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי כמה טעג זייער שטאַרק געוויינט. ער האָט אָבער אויף זיי גאָר קיין רחמנות נישט געהאַט; ער האָט געזאָגט, אַז עס קען אַנדערש נישט זײַן:

— איך מוז פֿאָרן, וואָרעם די גרעסטע העלפֿט מײַנע איז שוין דאָרט. און דער מיעוט גייט נאָך דעם רוב נאָך.

ער האָט געזאָגט:

— איך ווייס די גרויסע מניעות, וואָס איך וועל האָבן אויף דער נסיעה, נאָר כּל־זמן עס וועט נאָך זײַן אין מיר אַ לעבעדיקער אָטעם, וועל איך מיך מוסר־נפֿש זײַן און פֿאָרן קיין ארץ־ישראל, און זאָל גאָט טאָן, וואָס ער וויל.

„כּל־זמן עס וועט נאָך זײַן אַ לעבעדיקער אָטעם אין מיר״! אָט אַזוי רעדט מען נאָר וועגן זאַכן, וועלכע מע פֿילט אַזוי, אַז מע קען אָן זיי נישט לעבן.

און צוזעענדיק, ווי רבי נחמן בראַצלעווער איז גרייט געווען זײַן פֿאַמי־ליע אין גרעסטן קלעם צו שטעלן, אַבי ער זאָל קענען דורכפֿירן זײַן באַגער אין ארץ־ישראל צו זײַן, מוז מען ווירקלעך צום געדאַנק קומען, אַז דאָס פֿאָרן זײַנס קיין ארץ־ישראל איז פֿאַר אים אַ לעבנס־פֿראַגע געווען; אַז ער וואָלט ממש לעבן נישט געקענט, ווען ער זאָל געווען זײַן געצווּנגען זיך אָפּצוזאָגן פֿון זײַן ארץ־ישראל־נסיעה.

וואָרעם שטאַרק איז געווען די ליבע, די צוגעבונדנקייט פֿון רבי נחמן בראַצלעווער צו די אַלע מיטגלידער פֿון דער פֿאַמיליע זײַנער. אַלץ, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אין פֿאַמיליע־קרײַז זײַנעם, האָט אויף זײַן טיף פֿילנדיקער, יעדע זאַך טיף דורכלעבנדיקער נשמה אַ שטאַרקע ווירקונג געהאַט. יעדע טרויעריקע פּאַסירונג אין קרײַז פֿון זײַן פֿאַמיליע האָט אים צעבראָכן אין גאַנצן. דער צער פֿון יעדן איינציקן מיטגליד פֿון זײַן פֿאַמיליע איז ביז צו די טיפֿסטע טיפֿענישן פֿון זײַן נשמה אויך זײַן אייגענער צער געווען.

דער טויט פֿון זײַן פֿרוי האָט אויך זײַן אייגענעם טויט דערנענטערט. דער קלאַפּ איז פֿאַר אים צו שטאַרק געווען, ער זאָל אים קענען אַריבערטראָגן. דער צער, וואָס ער האָט געהאַט פֿון זײַן פֿרויס טויט, האָט פֿיל גורם געווען צו זײַן פֿריצײַטיקן טויט.

אַלף כ״ץ

ר׳ נתן דער סופֿר[1]

מיט ווערטער, וואָס גליִען אין נאַכטיקן שוואַרץ,
ער האָט מיט זײַן פֿעדער פֿון שטערן און האַרץ
פֿאַרשריבן פֿאַר אונדז אַ ירושה אויף שטענדיק
די רייד פֿון דעם רבין, וואָס האָט ניט געענדיקט
דערציילן די מעשיות, וואָס ער האָט צעפֿליגלט,
און האָט זיי בײַ אים אין מחשבה פֿאַרשפּיגלט.

דער טינט פֿון זײַן פֿעדער געווען איז די טיף,
דער ים פֿאַר דעם רבינס צעשטורעמטער שיף,
וואָס האָט זיך געטראָגן, צעררישט און צעצונדן,
געפֿינען די בת־מלכה, וואָס איז פֿאַרשוווּנדן
און איבערגעלאָזן פֿאַרוואָלקנט מיט יאָרן
דעם בן־מלכּס בענקענדיק האַרץ און זכרון.

זײַן פֿעדער געווען איז דער פֿליגל, וואָס האָט
דעם רבינס דיבורים, פֿאַרקליידטע מיט סוד,
דערטראָגן צו אונדז, אַז עס זאָל אונדז זײַן העיון
אין טאָל פֿון דעם אָוונט כּסדר באַגײַען,
אונדז אָנטאָן מיט חידוש אַזוי ווי מיט קליידער
און פֿירן צו נײַע פֿאַרטאָגן כּסדר.

פֿאַר אַלע, וואָס ליגן אין גרוב פֿון דער נאַכט,
ער האָט מיט זײַן פֿעדער אַ לייטער געמאַכט
מיט שטאַפּלען פֿון מעשיות, וואָס ברענען און שוועבן

[1] פֿון בוך די אמתע חתונה, נ״י 1964, זז׳ 67—68.

און פירן־אַרויף צו דעם ליכט פון דעם רבין —
צום פײַער וואָס רעדט מיט אַן אייביקן לשון,
וואָס טליִעט כסדר און ווערט ניט פאַרלאָשן.

און ווען ס׳איז בעקומען דער חושך צו גיין
און האָט זיך געשטעלט אים אין וועג ווי אַ שטיין,
געזאָגט אים „עד כאַן״... איז דער פשוטער שפּראַכמאַן
אַרײַן אין די מעשיות פון רבין ר׳ נחמן
און וואַנדערט אין זיי דאָרט אַרום מיט דעם רבין,
פאַרהוילן אין סוד פון דעם אייביקן לעבן.

שמעון דובנאָוו

ר׳ נחמן בראַצלעווער און דער צדיקיזם [1]

...ר׳ נחמן שטעלט־אַוועק דעם צדיקיזם אין צענטער פון דער חסידישער טעאָריע, אָבער ער שיידט־אונטער פון אַן אמתן צדיק ביז אַ געפעלשטן. „אַלע השפּעות און אַלע זאַכן קומען נאָר פון אמתן צדיק (מה־צדיק האמת), און דערפאַר, אַז מע איז מקורב צום אמתן צדיק, קאָן מען קריגן גרינג וואָס מע דאַרף האָבן, סײַ עשירות סײַ קינדער, אָבער אַז מע איז ווײַט פון צדיק, דעמאָלט קומט דאָס אַלץ אָן מיט גרויס שוועריקייט, וואָרעם איטלעכער קריגט עשירות אָדער קינדער ווערליק זײַן מזל, און דאָס מזל קריגט השפּעה פון צדיק, און דערפאַר איז ווען ער איז ווײַט פון צדיק — מוז דאָס מזל זיך אָנטאָן אַ גרויסן כוח, כדי מקבל צו זײַן די השפּעה״ [2].

עס פאַרשטייט זיך ממילא, אַז זיך גופא רעכנט ר׳ נחמן אַרײַן אין דער צאָל פון די בעסטע צווישן די צדיקי הדור; ער רעכנט זיך שיִער נישט פאַרן איינציקן אין זײַן דור, און ער שטערט זיך נישט צו באַרימען זיך מיט דעם פאַר זײַנע תלמידים: „מיך דאַרף האָבן גאָר די וועלט... אַפילו די צדיקים, וואָס

[1] פון 2טן באַנד געשיכטע פון חסידיזם, ב״א 1957, זז׳ 224—227.

[2] ליקוטי מוהר״ן, דף קכ״ה, עמוד ג׳ און ד׳, אויך דף י״ז און ו׳ (דרוק אוסטראָה, תקס״ח); ז׳ ליקוטי מוהר״ן תנינא, דף א׳ (מאהליב, תקע״א).

קאָנען שוין תפילה טאָן, קאָן איך זיי באַווײַזן, אַז זיי ווייסן גאָר נישט וואָס דאָס איז אַזוינס תפילה״. „פון ר׳ שמעון בן יוחאי אָן איז די וועלט געווען רויִק ביז דעם אַר״י ז״ל, דאָס הייסט, עס זײַנען נישט נתגלה געוואָרן קיין נײַסן, ביז עס איז געקומען דער אַר״י ז״ל. און פון אַר״י ז״ל ביזן בעש״ט ז״ל איז אויך די וועלט געווען רויִק אָן אַ נײַס, ביז דער בעש״ט איז געקומען... און די וועלט האָט זיך געפירט נאָך דער התגלות, וואָס דער בעש״ט האָט מגלה געווען, ביז איך בין געקומען, און איצט הייב איך אָן צו אַנטפּלעקן אין גאַנצן נײַע ווונדערלעכע זאַכן״ [3]. אין דער דאָזיקער באַרימערײַ איז נישטאָ קיין שום גאַווה אָדער פאַלשקייט; דאָס איז נישט מער ווי תמימות ביז צום לעצטן גראַד און פולער גלויבן אין זײַן הויכער באַשטימונג. אָבער די אַנדערע צדיקים, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַרן בעש״טס יורשים, האָבן געהאַט פאַראיבל, ווען זיי האָבן געהערט אָט די גאַווהדיקע און באַרימערישע רייד פון זײַן יונגן אייניקל, וואָס איז אין דער וועלט נאָך נישט געווען מפורסם. דערפון נעמט זיך יענע שנאה צו ר׳ נחמנען, וואָס האָט פאַרביטערט זײַן לעבן און האָט אַרויסגעשטויסן זײַנע פאַרערערס מחוץ די גרענעצן פון אָפיציעלן חסידיזם.

אין יאָר 1800 האָט ר׳ נחמן זיך באַזעצט אין דער שטאָט זלאָטאָפּאָל (קיִעווער גובי׳), נישט ווײַט פון זײַן פריִערדיקן זיצאָרט מעדוועדעווקע. דאָ האָבן גענומען זיך קלײַבן אַרום אים חסידים פון די שטאָטלײַט און פון אַרום, וואָס פלעגן פריִער פאָרן צו אַנדערע צדיקים. איינער פון די נענטערע צדיקים איז געווען דער זקן ר׳ לייב אַריה פון שפּאָלע, וואָס איז באַוווּסט אונטערן נאָמען דער שפּאָלער זיידע. אַמאָל איז ער געווען אַ שמש פון דער קהילה אין זלאָטאָפּאָל, און אויף דער עלטער איז ער באַרימט געוואָרן צווישן דער מאַסע ווי „אַ הייליקער מאַן און אַ ווונדערלעכער בעל־יועץ אין וועלטזאַכן״. דעריִן, וואָס דעם בעש״טס יונגער אייניקל איז געוואָרן זײַנער אַ נאָענטער שכן, האָט דער אַלטער שוין אײַנגעזען אַ שטיק הסגת גבול פאַר זיך, און נאָך מער איז ער אַרײַן אין כעס, ווען ער האָט דערהערט, אַז דער דאָזיקער יונגער מאַן האַלט זיך גרעסער פאַר אַלע צדיקים פון זײַן דור און האָט נישט קיין דרך־ארץ, אַפילו פאַר די עלטערע פון זיי. די חסידישע לעגענדע דערציילט [4], אַז בעת ר׳ נחמן איז געקומען קיין זלאָטאָפּאָל, האָט ער איבערגעמאַכט אייניקע מנהגים אין שול, וואָס דער שמש לייב האָט אַמאָל געהאַט אײַנגעפירט, און דערפאַר האָט יענער

[3] חיי מוהר״ן, חלק ח׳, ז׳ 65; חלק ב׳, ז׳ 14.

[4] אין דער זאַמלונג פון שפּעטערע לעגענדעס תפארת מהרא״ל משפּאָלי פון יהודה ראָזענבערג, לאָדזש, ז׳ 91 א״וו (נײַער דרוק אָן אַ יאָר). — זע חיי מהר״ן, חלק א׳; זז׳ 55—58.

פאַראיבל געהאַט אויף דעם יונגנמאַנס חוצפּה. עס האָבן זיך אויך געפונען חסי־דים רכילותניקעס, וואָס האָבן איבערגעגעבן דעם שפּאָלער זיידן ר׳ נחמנס ווער־טער מיט אַ צוגאָב פון אייגענע גוזמאות. פון דעם איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקת. דער שפּאָלער זיידע האָט געזאָגט וועגן ר׳ נחמנען: „ווער האָט אים געבעטן, ער זאָל זיך פּעדערן צו קומען אויף דער וועלט אין אונדזער דור? זײַן נשמה איז דאָך פון די לעצטע דורות!". און אַז מע האָט דאָס דערציילט דעם יונגן זלאָטאָפּאָלער צדיק, האָט ער געענטפערט: „ער וואַרפט מיר אויף, וואָס איך בין צו־פרי געקומען, און איך קאָן אים אויפוואַרפן, וואָס ער איז געקומען מיט דרײַ דורות צו־שפּעט". איין מאָל האָט דער שפּאָלער זיידע אַרויסגעזאָגט זיך גאָר אָפן: „איבער גאַנץ אוקראַיִנע האָב איך די דעה אין הימל, און אויב ער (ר׳ נחמן) וואָלט נישט געווען דעם בעש״טס אייניקל, וואָלט איך שוין געוווּסט וואָס צו טאָן מיט אים". אָט אַזעלכע שטעכווערטלעך פון ביידע צדדים האָבן אויפגע־רייצט די חסידים, וואָס האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי לאַגערן, און טייל מאָל איז דערגאַנגען ביז צו געשלעגן צווישן די זלאָטאָפּאָלער און די שפּאָלער. ר׳ נחמן האָט אַפילו אין דער מחלוקת געפונען פאַר זיך אַ גוטן סימן: „ווי קאָן דאָס געמאָלט זײַן, מע זאָל קעגן מיר נישט קריגן — פלעגט ער זאָגן צו זײַנע מענטשן — ווי באַלד אַז איך גיי אין אַ נײַעם וועג, וואָס קיין איין מענטש איז אויף אים נישט געגאַנגען?". אָבער דאָ האָט ער אַ טראַכט געטאָן און האָט מוסיף געווען: „הגם דאָס איז זייער אַן אַלטער וועג, פון דעסט וועגן איז ער גאָר אַ נײַער"[5]. און אין דער אמתן איז קיין שום נײַס נישט געווען אין ר׳ נחמנס שיטה, חוץ איר עקסטרעמקייט, איר הייליקע הענה.

[5] חיי מוהר״ן, חלק ב׳, ד׳ 33: די מעשה מיט דער מחלוקת.

הלל צייטלין

שקרים, בילבולים אויף ר׳ נחמן בראַצלעווער און דער מקור פון די רדיפות [1]

... ביזוויליקע שקרים וועגן ר׳ נחמנען זײַנען דאָ סײַ אין סיפורי־חסידים און סײַ אין מאָדערנע מאָנאָגראַפיעס, שקרים וועלכע מען מוז באַקעמפן און באַזײַטיקן, ווײַל זיי זײַנען שטויב, וואָס פאַלט אויפן הייליק־ליכטיקן אָנדענק פונעם גרויסן זעער. מען מוז אָט דעם שטויב מיט אַ בעזעם אויסקערן.

קודם־כל מוז איך אויפמערקזאַם מאַכן, אַז עס הערשט סײַ אין סיפורי־חסידים, סײַ אין אייניקע היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס אַן ערוב־פּרשיות צווישן ר׳ נחמן האָראָדענקער, ר׳ נחמן בראַצלעווער, ר׳ נתן נעמיראָווער (נתן שטערנ־האַרץ) און ר׳ נחמן טשעהערינער. עס ווערן דערין אײַנגעמישט אויך אַנדערע תלמידים, ר׳ נחמנס, ווי צום בײַשפּיל, ר׳ נפתלי און ר׳ יצחק אײַזיק, און אויך שפּעטערדיקע בראַצלעווער חסידים, וואָס זײַנען דעם ברייטערן עולם נישט באַ־קאַנט. אַלץ ווערט אויסגעמישט אין איין קאַשע און אַלץ ווערט צוגעשריבן אים, ר׳ נחמן בראַצלעווער.

און אַ מאָל געשעט גראָד פאַרקערט: מען זאָגט, אַז ר׳ נחמן בראַצלעווער אַליין איז לגמרי נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלעם דעם, וואָס איז דאָ אין ליקוטי מוהר״ן, סיפורי־מעשיות וכדומה, ווײַל אָט די אַלע ספרים זײַנען גע־שריבן געוואָרן פון ר׳ נחמנס תלמידים, און זיי, אָט די תלמידים און חסידים, האָבן אין יענע ספרים אַרײַנגעשריבן אַלץ, וואָס עס האָט זיך זיי געגלוסט.

אויך אָט די באַהויפּטונג איז אַ פאַלשע דורך און דורך.

ר׳ נחמן האָראָדענקער, איינער פון די שענסטע תלמידים פון ר׳ ישראל בעש״ט, איז נפטר געוואָרן אין ארץ־ישראל. ר׳ נחמן בראַצלעווער איז געווען זײַנס אַן אייניקל. ר׳ נחמן האָראָדענקער האָט נישט געשריבן קיין ספרים און נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין מעשיות. עס זײַנען פון אים דאָ נאָר איי־

[1] פון בוך ר׳ נחמן בראַסלאַווער, דער זעער פון פּאָדאָליע, נ״י 1952, זז׳ 173—181.

ניקע ווערטלעך אין ספרים. ס׳איז דעריבער קאָמיש, ווען ע. ג. פרענק צערעדט זיך ברייט, אין זײַן מאָנאָגראַפֿיע היהודים בימי מלחמת נפוליון, וועגן ר׳ נחמן האָראָדענקערס מעשיות און וועגן ר׳ נחמן האָראָדענקערס „מעשה בבן מלך ובן שפחה שנחלפו“. עס אַרט אים נישט, וואָס ר׳ נחמן איז נפטר געוואָרן בעת די וועלט האָט נאָך פֿון נאַפּאָלעאָנען מיט זײַנע מלחמות קיין אָנונג נישט געהאַט, און דאָס, וואָס די „מעשה בבן מלך וכו׳“ איז דערציילט געוואָרן דורך ר׳ נחמן האָראָדענקערס אייניקל — ר׳ נחמן בראָצלעווער און נישט דורך ר׳ נחמן האָראָדענקער גופא.

אַזוי שרײַבט אויך גאַנץ זיכער הרב ר׳ יקותיאל קאַמעלהאַר אין זײַן דור דעה (בילגורייַ תרצ״ג, צד, קפ״ג), אַז דער שפּאָלער זיידע איז שטאַרק בייז געווען אויף ר׳ נחמנען פֿאַר דעם, וואָס ער, ר׳ נחמן, טײַטשט־אויס אין ליקוטי הלכות דינים פֿון שלחן ערוך נאָך דער קבלה, אין דער צייט וואָס דער ספר „לקוטי הלכות“ איז גאָר נישט געשריבן געוואָרן פֿון ר׳ נחמנען, נאָר פֿון זײַן תלמיד ר׳ נתן נעמיראָווער אַ היפּש ביסל יאָרן סײַ נאָך דער פּטירה פֿונעם שפּאָלער זיידן, סײַ נאָך דער פּטירה פֿון ר׳ נחמנען. (אַגב: ר׳ נתן איז נישט געווען דער ערשטער אין אויסטײַטשן דינים פֿון שולחן ערוך נאָך דער קבלה. דאָס האָט שוין לאַנג געטאָן דער תלמיד פֿון ר׳ חיים וויטאַל, ר׳ חיים הכהן, אין זײַן טור ברקת, וכו׳ — זע שם גדולים פֿון רחיד״א, מערכת סופרים, ח׳ ל״ג).

הרב ר׳ יודל ראָזענבערג (מחבר פֿון פֿיל סיפּורי חסידים און איבערזעצער פֿון געקליבענע שטעלן פֿון זוהר אויף לשון קודש) שרײַבט זיך גאַנץ ברייט און זיכער, אַז דער שפּאָלער זיידע האָט געצאָרנט אויף ר׳ נחמנען, פֿאַר וואָס ער, ר׳ נחמן, באַציט זיך גינציק צו די געזעצן, וואָס די דעמאָלטיקע רוסישע רעגירונג האָט געפּלאַנט וועגן ייִדן. ר׳ נחמן זאָל, הייסט עס, האָבן געזאָגט: „ס׳שאַדט נישט, וואָס מען וועט נעמען ייִדן פֿאַר זעלנערס; זיי וועלן דערפֿאַר אין אַ צײַט, וואָס איז פֿרײַ פֿון סלוזשבע [2], דינען דעם אייבערשטן מיט מער התלהבות און וועלן קענען דורך דעם מעלה זײַן מער ניצוצי קדושה. דורך דער סלוזשבע וועלן ייִדן אויך מוצא חן זײַן בײַ דער ממשלה“. דער שפּאָלער זיידע פֿון זײַן זײַט זאָל האָבן שטאַרק זיך צעבײַזערט דערויף: „ווער בעט אים זיך צו מישן אין אַזעלכע זאַכן און צו זאָגן דערין דעות? ווי קומט עס, אַ יונגער מאַן זאָל זיך אין דעם אַרײַנמישן“? דערנאָך זאָל דער שפּאָלער זיידע האָבן אָנגענומען זײַן באָרד אין דער רעכטער האַנט און זאָל האָבן געזאָגט: „איך שווער בנקיטת חפץ, אַז כל־זמן מײַן ווײַסע באָרד וועט זײַן אויף דער

[2] (רוסי) מיליטער־דינסט.

וועלט, וועט מען ייִדן פֿאַר קיין זעלנער נישט נעמען“. (תפארת מהרא״ל, מ״ן ע״ב, פּעטריקוב, תרע״ב).

די גאַנצע זאַך הייבט זיך נישט אָן. גאַנץ שבחי מוהר״ן און חיי מוהר״ן, ווי אויך פֿאַרשיידענע שיחות, זײַנען פֿול מיט סיפּורים וועגן ר׳ נחמנס וויינען און קלאָגן אויף די „פּונקטן“, וואָס די רוסישע ממשלה גייט גוזר זײַן אויף ייִדן. מער פֿון אַלץ האָט ר׳ נחמנען געאַרט גראָד דער פּונקט וועגן ייִדישער זעלנערײַ. דער אַמאָליקער רוסישער סאָלדאַט איז געווען כמעט אויף זײַן גאַנץ לעבן אָפּגעריסן פֿון משפּחה, פֿון סביבה, פֿון אַלעם דעם, וואָס אַ מענטשן איז ליב און טײַער. ער איז געווען אין אייביקן פּחד און אייביקער הכנעה, אייביק אַ צעבײַלטער, אַ געשמיסענער, אַ דערנידעריקטער, אַ פֿאַרשפּיגענער. דער ייִדישער סאָלדאַט איז דערצו נאָך געווען אַ געשלאָגענער, געשמיסענער און פֿאַרפּײַניקטער אין אַלערליי קאַרצערס און טורמעס בלויז דערפֿאַר, וואָס ער האַלט זיך בײַ זײַן ייִדישקייט און וויל זיך נישט שמדן. קליינע ייִדישע קינדערלעך פֿלעגן פֿון דער מוטערס הענט אַרויסגעריסן און אַוועקגעשיקט ווערן צו אַלערליי „דיאַדקעס“ [3] אין די ווײַטע רוסישע גובערניעס, צו דערציִען זיי און פֿאָרבערייטן צו דער אייגנטלעכער סלוזשבע, וואָס האָט געדויערט גאַנצע פֿינף און צוואַנציק יאָר. זייער פֿיל (אויב נישט די גרעסטע מערהײַט) פֿון אָט די קינדערלעך פֿלעגן אָפּגעשמדט ווערן נאָך איידער זיי זײַנען רײַף געוואָרן צו מיליטער־דינסט. פֿיל פֿון זיי פֿלעגן אָפּגעשמדט ווערן שפּעטער, שוין בעת דער מיליטער־דינסט, ווײַל זיי האָבן נישט געקענט אַריבערטראָגן די שרעקלעכע עינויִים, וואָס מע פֿלעגט זיי אָנטאָן פֿאַר זייער נישט וועלן אָננעמען פּראַוואָסלאַוויע [4].

אין ר׳ נחמנס יאָרן זײַנען די געזעצן, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט געהאַט בדעה אַרויסצוגעבן וועגן ייִדן, געווען בלויז פּײַנלעכע קלאַנגען. ווידער... קיין אַנדערער, אויסער ר׳ נחמנען, האָט נישט געשריבן נישט ר׳ נחמנס ספרים, נישט ר׳ נחמנס מעשיות און נישט ר׳ נחמנס שיחות. ר׳ נפתלי, ר׳ נתנס חבר, און אַנדערע תלמידים האָבן פֿאַר זיך געצייכנט ר׳ נחמנס תורות. געדרוקט איז אָבער נאָר ר׳ נתנס נוסח, און האַנדלען האַנדלט זיך דאָ וועגן דעם, וואָס עס איז געדרוקט אין ר׳ נחמנס נאָמען.

די סיפּורים, ווידער, וואָס ווערן דערציילט וועגן ר׳ נחמנען אין פֿאַרשיידענע ספרים און ספרימלעך, וואָס זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך בראַצלעווער חסידים אין פֿאַרשיידענע צײַטן, דאַרף מען אײַנטיילן, נאָך מײַן איבערצײַגונג, אין דרײַ קאַטעגאָריעס:

[3] פּעטערס, קלאַמפּערשט. — [4] גלויבן פֿון פּראַוואָסלאַוונעם, ביזאַנטישן קלויסטער.

פֿאַראיבל געהאַט אויף דעם יונגנמאַנס חוצפּה. עס האָבן זיך אויך געפֿונען חסידים רכילותניקעס, וואָס האָבן איבערגעגעבן דעם שפּאָלער זיידן ר׳ נחמנס ווערטער מיט אַ צוגאָב פֿון אייגענע גוזמאות. פֿון דעם איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקת. דער שפּאָלער זיידע האָט געזאָגט וועגן ר׳ נחמנען: „ווער האָט אים געבעטן, ער זאָל זיך פֿעדערן צו קומען אויף דער וועלט אין אונדזער דור? זײַן נשמה איז דאָך פֿון די לעצטע דורות!״. און אַז מע האָט דאָס דערציילט דעם יונגן זלאַטאָפּאָלער צדיק, האָט ער געענטפֿערט: „ער וואַרפֿט מיר אויף, וואָס איך בין צו־פֿרי געקומען, און איך קאָן אים אויפֿוואַרפֿן, וואָס ער איז געקומען מיט דרײַ דורות צו־שפּעט״. איין מאָל האָט דער שפּאָלער זיידע אַרויסגעזאָגט זיך גאָר אָפֿן: „איבער גאַנץ אוקראַיִנע האָב איך די דעה אין הימל, און אויב ער (ר׳ נחמן) וואָלט נישט געווען דעם בעש״טס אייניקל, וואָלט איך שוין געוווּסט וואָס צו טאָן מיט אים״. אַט אַזעלכע שטעכווערטלעך פֿון ביידע צדדים האָבן אויפֿגערייצט די חסידים, וואָס האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי לאַגערן, און טייל מאָל איז דערגאַנגען ביז צו געשלעגן צווישן די זלאַטאָפּאָלער און די שפּאָלער. ר׳ נחמן האָט אַפֿילו אין דער מחלוקת געפֿונען פֿאַר זיך אַ גוטן סימן: „ווי קאָן דאָס געמאָלט זײַן, מע זאָל קעגן מיר נישט קריגן — פֿלעגט ער זאָגן צו זײַנע מענטשן — ווי באַלד אַז איך גיי אין אַ נײַעם וועג, וואָס קיין איין מענטש איז אויף אים נישט געגאַנגען?״. אָבער דאָ האָט ער אַ טראַכט געטאָן און האָט מוסיף געווען: „הגם דאָס איז זייער אַן אַלטער וועג, פֿון דעסט וועגן איז ער גאָר אַ נײַער״ [5]. און אין דער אמתן איז קיין שום נײַס נישט געווען אין ר׳ נחמנס שיטה, חוץ איר עקסטרעמקייט, איר הייליקע העזה.

[5] חיי מוהר״ן, חלק ב׳, ז׳ 33: די מעשה מיט דער מחלוקת.

הלל צייטלין

שקרים, בילבולים אויף ר׳ נחמן בראַצלעווער און דער מקור פֿון די רדיפֿות[1]

... בייזווייליקע שקרים וועגן ר׳ נחמנען זײַנען דאָ סײַ אין סיפּורי־חסידים און סײַ אין מאָדערנע מאָנאָגראַפֿיעס, שקרים וועלכע מען מוז באַקעמפֿן און באַזײַטיקן, ווײַל זיי זײַנען שטויב, וואָס פֿאַלט אויפֿן הייליק־ליכטיקן אָנדענק פֿונעם גרויסן זעער. מען מוז אָט דעם שטויב מיט אַ בעזעם אויסקערן.

קודם־כל מוז איך אויפֿמערקזאַם מאַכן, אַז עס הערשט סײַ אין סיפּורי־חסידים, סײַ אין אייניקע היסטאָרישע מאָנאָגראַפֿיעס אַן ערוב־פּרשיות צווישן ר׳ נחמן האָראָדענקער, ר׳ נחמן בראַצלעווער, ר׳ נתן נעמיראָווער (נתן שטערנ־האַרץ) און ר׳ נחמן טשעהערינער. עס ווערן דערין אײַנגעמישט אויך אַנדערע תלמידים, ר׳ נחמנס, ווי צום בײַשפּיל, ר׳ נפֿתלי און ר׳ יצחק אײַזיק, און אויך שפּעטערדיקע בראַצלעווער חסידים, וואָס זײַנען דעם ברייטערן עולם נישט באַקאַנט. אַלץ ווערט אויסגעמישט אין איין קאַשע און אַלץ ווערט צוגעשריבן אים, ר׳ נחמן בראַצלעווער.

און אַ מאָל געשעט גראָד פֿאַרקערט: מען זאָגט, אַז ר׳ נחמן בראַצלעווער אַליין איז לגמרי נישט פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אַלעם דעם, וואָס איז דאָ אין ליקוטי מוהר״ן, סיפּורי־מעשיות וכדומה, ווײַל אָט די אַלע ספֿרים זײַנען געשריבן געוואָרן פֿון ר׳ נחמנס תלמידים, און זיי, אָט די תלמידים און חסידים, האָבן אין יענע ספֿרים אַרײַנגעשריבן אַלץ, וואָס עס האָט זיך זיי געגלוסט.

אויך אָט די באַהויפּטונג איז אַ פֿאַלשע דורך און דורך.

ר׳ נחמן האָראָדענקער, איינער פֿון די שענסטע תלמידים פֿון ר׳ ישראל בעש״ט, איז נפֿטר געוואָרן אין ארץ־ישראל. ר׳ נחמן בראַצלעווער איז געווען זײַנס אַן אייניקל. ר׳ נחמן האָראָדענקער האָט נישט געשריבן קיין ספֿרים און נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין מעשיות. עס זײַנען פֿון אים דאָ נאָר איי־

[1] פֿון בוך ר׳ נחמן בראַסלאַווער, דער זעער פֿון פּאָדאָליע, נ״י 1952, זז׳ 173—181.

א) סיפּורים, וואָס זײַנען דערציילט געוואָרן פון ר׳ נתנען ווי אַן עד־ראיה; ב) סיפּורים, וואָס ר׳ נתן גיט זיי נישט איבער ווי אַן עד־ראיה, נאָר ווי געהערטע פון חברים; ג) סיפּורים, וואָס זײַנען פאַרשריבן געוואָרן דורך בראַצלעווער חסידים שוין נאָך ר׳ נתנס הסתלקות.

דאָס, וואָס ר׳ נתן דערציילט ווי אַן עד־ראיה, איז נאָך מײַן איבערצײַגונג דער אמת אַליין, ווײַל די יראה פון ר׳ נתנען פאַר דער קדושה פון זײַן רבין איז געווען אַזוי גוואַלדיק, אַז ער וואָלט זיך נישט דערלויבט מגזם צו זײַן דאָס מינדסטע. אין טיטלען און לויב־געזאַנגען צו זײַן רבין האָט ער אפשר געקאָנט מגזם זײַן (אייגנטלעך, הייסט עס אויך נישט „מגזם זײַן״, ווײַל ער האָט ווירקלעך געהאַלטן, אַז ר׳ נחמן שטייט העכער פון אַלץ און פון אַלעמען אין אַ משך פון פיל דורות, נאָר אין אונדזערע אויערן קלינגען אָט די טיטלען אַ מאָל ווי אַ גוזמא), אָבער נישט אין איבערגעבן מעשים שהיו אָדער אין איבערגעבן די אומשטענדן, ווען עס זײַנען געזאָגט געוואָרן די אָדער יענע תורות, שיחות, אָדער סיפּורי־מעשיות. דאָרט איז ר׳ נתן דער גרעסטער דייקן און — דער רויִקער עפּיקער. ער דערציילט געשיכטע און עס איז טאַקע דורכויס געשיכטע.

פאַראַן אָבער סיפּורים, וואָס ר׳ נתן דערציילט זיי טאַקע, נאָר ער זאָגט בפירוש, אַז ער האָט זיי נאָר געהערט פון חברים, ווײַל ר׳ נתן האָט זיך מתקרב געווען צו ר׳ נחמנען ערשט אין אלול פון יאָר תקס״ב, ממילא האָט ער געמוזט שעפּן די ידיעות וועגן ר׳ נחמנס לעבן און מעשים ביז יענער צײַט נאָר מפּי חברים, מיט עטלעכע אויסנאַמען פון אַזעלכע סיפּורים, וואָס ער האָט געהערט פון ר׳ נחמנען גופא. דאָס, וואָס ער האָט געהערט פון ר׳ נחמנס מויל, געהערט געוויס צו דער ערשטער קאַטעגאָריע.

...ר׳ נתן האָט, אויסער די אַלעמען באַקאַנטע ספרים זײַנע, אָנגעשריבן אַ מאָל אַ מגילת חסידי ברסלב. די מגילה האָט זיך געפונען בײַ זײַן, ר׳ נתנס, ברודער, ר׳ יהודה ליב מושיקס אין ווינניצע.

...פונעם דאָקומענט ווערט קלאָר, אַז עס האָט זיך אין בראַצלעוו געפונען אין ר׳ נחמנס צײַטן אַ גרעסערע אָהער קלענערע צאָל פראַנקיסטן; אַז אין די ברייטערע יידישע קרײַזן האָט מען זיך דאַן ווייניק אָריענטירט אינעם אמתן מהות פון חסידות און מע האָט עס צונויפגעמישט מיטן פראַנקיזם; אַז נאָכן חרם, וואָס דער ווילנער גאון האָט מחרים געווען די „כת״ (ווי מ׳האָט די חסידים גערופן), האָט מען נאָך מער אָנגעהויבן צונויפמישן דעם פראַנקיזם מיט חסידות. אַז ר׳ נחמן איז שטאַרק נישט צופרידן געווען מיט פאַרשיידענע חסידים אין זײַן געגנט, דערפאַר וואָס זיי פלעגן זיך דערלויבן צו פיל שמחה (סעודהלעך, טענץ אין די גאַסן, טרינקען „תיקון״ אאַד״וו), און אַז גראָד דאָס, וואָס ר׳ נחמן האָט געהייסן דינען דעם אייבערשטן, טאַקע בשמחה, אָבער שטאַרק דערבײַ האָ־

רעווען אויף לערנען און לעבן אין פרישות, גראָד דאָס האָט געגעבן זײַנע שונאים די מעגלעכקייט אויסצוטראַכטן אויף אים, אַז ער גייט־אַוועק פונעם בעש״טס חסידות און קומט־צו צו שבתאות, מחמת אַ טייל ערשטע שבתאים האָבן געפּאַסט הפסקות און אָנגעטאָן זיך גרויסע סיגופים. אין דער אמתן האָט ר׳ נחמן פײַנט געהאַט די שבתאים, און אַ פשיטא שוין די פראַנקיסטן, נאָך מער ווי אַלע אַנדערע רביים. ער האָט אָבער באמת געמאַכט אַן אָפּנייג פון דעם אַרומיקן חסידות, צוריקקערנדיק אין אייניקע פרטים צו דער אורשפּרינגלעכער קבלת האר״י, און איבער הויפּט — צו דער אַלט־ייִדישער נזירות און פרישות, צוזאַמען מיט דער אמונה פשוטה, עכטקייט און ריינקייט פון האַרץ און השתפכות הנפש פאַר דעם אייבערשטן, וואָס איז דאָ אין דער נבואה און אין תהילים.

אַזוי אַרום דערוויסן מיר זיך, וואָס אייגנטלעך ר׳ נחמנס קעגנערס האָבן געטענהט, און מיר הייבן־אָן דערבײַ צו פאַרשטיין, אין וואָס עס איז באַשטאַנען דער חילוק צווישן ר׳ נחמנס דרך און דעם דרך החסידות פון זײַן סביבה. מיר דערגייען עס אַ דאַנק ר׳ נתנס מגילת חסידי ברסלב.

לייב פיינבערג

נחמן בראַצלעווער

אַ שפּעטער שבויסעונאַכטס [1] אין אומאַן.
ר׳ נחמן בראַצלעווער ליגט קראַנק.
בײַם בעט קוקט נתן [2] צו מיט אומעט,
ווי מ׳רבינס [3] לעבן צאַנקט און צאַנקט.

אויף חולהס שטערן שטאַרבט אַ רעיון.
ער עפנט־אויף די אויגן ברייט:
— אײַ, נתן, זײַ זיך ניט מייאש
כל־זמן עס טלי׳עט נאָך דער קנויט.

— כ׳האָב ערשט געזען פאַר זיך דעם משחית,
האָט ער באַקומען שוין זײַן פּסק:

[1] שבת־צו־נאַכטס. — [2] ר׳ נחמנס סעקרעטאַר. — [3] (פאַרקירצט) דעם רבינס.

ער וויל רק שלעפּן מיך אין חשכות,
האָב איך פֿאַרפֿאָרן אים אין באַק.

— איך פּלעם אין באַק אים: — כופר, נאַ דיר!
און ער — וויל לערנען מיט מיר פּשט.
— כ׳האָב לאַנג שוין אויף אַזאַ מין צדיק
קיין שליטה, זאָגט ער, ניט געהאַט.

— אַ צדיק — זאָגט ער — דאַרף פֿאַרזוכן
דעם טעם פֿון גיהנום און דערנאָך
דערדינען זיך צו שבת־מנוחה
פֿון עדנס שטראַלנדיקער וואָך.

— פֿאַרשרײַב זשע מיט בוונה, נתן,
לדורות בלײַבן זאָל מײַן וואָרט:
איך שענק מײַן חלק פֿון לוויתן
פֿאַר מעשׂה־חלום אויף דער וואָר.

— און זאָלן לאַכן אַלע שפּעטלערס,
די קנאה זיסער איז פֿון ווײַן.
נאָר ס׳מעשׂה־בוך בז׳ בעטלערס
איך וויל פֿאַרענדיקן נאָך הײַנט.

— כ׳בין מיד פֿון סוגיות און מדרשים:
איז פֿלי צום שטראַליקן אחד
אויף פּראָסט און פּשוט מאַמע־לשון
איך בין מתיחד זיך מיט גאָט.

שמואל ניגער

די ליטעראַרישע ווערטן אין „סיפּורי־מעשׂיות״ *

...די בראַצלעווער חסידים האָבן אין די מעשׂיות אַרײַנגעלייגט טיפֿע רע־ליגיעזע כוונות. פֿאַר זיי זײַנען די „סיפּורי־מעשׂיות״ געווען לויטער סודות התורה. ר׳ נחמנס גרעסטער מקורב, ר׳ נתן, האָט אויף אַ טייל פֿון זיי געמאַכט אַ לאַנגן פּירוש אין זײַן ספֿר „לקוטי הלכות״; דער פּירוש שטיצט זיך אָפּט אויף פּערזענלעכע שמועסן מיטן רבין און איז פֿול מיט רעיונות וועגן חסידות און קבלה. ר׳ נתנס אַ תּלמיד, ר׳ נחמן טשיהרינער, האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט אויסטײַטשן די „סיפּורי־מעשׂיות״ און האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצן חיבור מיטן נאָמען „רמזי המעשׂיות״.

די חסידים האָבן צוגעגעבן, אַז דער גרויסער ווערט פֿון די מעשׂיות ליגט נישט נאָר אין דעם רמז, דרוש און סוד פֿון פּרד״ס. אויך אינעם פּשט, האָבן זיי געוווּסט, איז דאָ עפּעס אַ כּוח וואָס קען ווירקן אויפֿן עולם. „אַפֿילו פּראָסטע מענטשן, לייענען מיר אין דער הקדמה אויף טײַטש, קאָנען זיך אויך אַרויסנע־מען גרויס מוסר פֿון די מעשׂיות, ווײַל זיי האָבן אַ גרויסן כּוח אויפֿצוּוועקן דעם מענטשן ער זאָל חס־ושלום נישט פֿאַרשלאָפֿן זײַנע יאָרן אומזיסט״, אאַז״וו. „אַפֿילו פּראָסטע מענטשן — קאָן זיי אויך עפּעס אַ בלישטש טאָן ווינקען פֿון מוסר צו זען וואָס דער תּכלית איז פֿון דער וועלט״, אאַז״וו... נישט נאָר, הייסט עס, יודעי־חן, „פּראָסטע מענטשן, לייענען מיר דאָרט ווייטער, באַדאַרפֿן אויך וויסן פֿון די מעשׂיות, כאָטש זיי וועלן גאָר קאַרג פֿאַרשטיין, וואָס מע מיינט, איז דאָך פֿאַר זיי אַ גרויסע טובֿה צום תּכלית״, אאַז״וו... די חסידים האָבן אָבער געוואָלט גוט „פֿאַרשטיין, וואָס מע מיינט״, האָבן זיי זיך נישט באַנוגנט מיט דעם גוף פֿון די מעשׂיות, זיי האָבן געהאַלטן פֿאַר זייער הייליקן חובֿ צו דערגראָבן זיך ביז צו די טיפֿסטע כוונות און צו פֿאַרטיפֿן זיך אין די סודות התורה, אין די רמזים פֿון קבלה, וואָס ליגן טיף באַהאַלטן הינטער יעדן סיפּור־המעשׂה. זיי

* פֿון „ר׳ נחמן בראַסלאַווער און זײַנע סיפּורי־מעשׂיות״, אין בלעטער גע־שיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור, נ״י 1959, זז׳ 155—159.

האָבן יעדן טאָג געלייענט, געלערנט די מעשיות — געזאָגט זיי ביחידות און בציבור — אַזוי ווי דאָס זאָל זײַן עפּעס אַ מין שיעור אין גמרא אָדער הייליקע קאַפּיטלעך תהלים. מיט די קינדער האָבן זיי אויסגעחזרט די מעשיות אויף אויסוויניק. עס איז פאַרפאַסט געוואָרן אַ באַזונדערע תפילה פון ר׳ נתנען און מע פלעגט זי זאָגן יעדעס מאָל נאָכן לימוד פון די מעשיות. אין דער תפילה האָבן די חסידים געבעטן גאָט, אַז זיי זאָלן „זוכה זײַן אונטערצושיידן צווישן ליכט און פינצטערניש, ביז זיי זאָלן באמת וויסן אָפּצוטיילן און אַן אונטערשייד צו מאַכן צווישן סיפּורי־מעשיות פון רשעים״... אַזוי פאַרהייליקט האָבן די בראַצלעווער חסידים זייער רבינס מעשיות. מיר, הײַנטיקע מענטשן, קוקן אויף זיי אַנדערש. פאַר אונדז זײַנען זיי נישט קיין סודות התורה. פאַר אונדז זײַנען זיי נישט קיין ענין פון רעליגיעזן גלויבן. מיר זוכן — און מיר געפינען — אין זיי ווונקען פון שיינקייט, נישט נאָר „ווונקען פון מוסר״. מיר גייען צו זיי אָן מורא און אָן פּחד... מיר פאַלן נישט אַרײַן אין אַזאַ התלהבות, אין אַזאַ רעליגיעזן עקסטאַז, דערפאַר האָבן מיר אַן עסטעטישע הנאה. מיר לייענען זיי נישט צוליב זייערע סודות און רמזים. מיר האָבן סתם אַזוי ליב צו זען, צו הערן אַ שעפּעדיקע פאַנטאַזיע, ווען זי צעשפּילט זיך אויף אַלע כלים. עס איז אונדז אַ פרייד צוצוקוקן זיך, ווי וועלטן ווערן באַשאַפן, ווען אַפילו זיי בלײַבן פאַרשלאָסן און מיר קאָנען נישט אַרײַן אין זיי.

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אונדזער קוק אויף די סיפּורי־מעשיות, נישט ר׳ נחמנס. ר׳ נחמן אַליין האָט זיך געשראָקן פאַר פאַנטאַזיע סתם אַזוי. דאָס זײַנען געווען פאַר אים „לערע זאַכן״. ער האָט אָפט איבערגעריסן דעם סיפּור־המעשה, אין רעכטן מיטן און אַרײַנגעלאָזט זיך אין פּסוקים, אין שטיקער זוהר, כדי איבערצוגיין פון משל צום נמשל. פאַר אונדז איז געגנוג אָפט די שיינקייט פון משל. מיר פרעגן נישט: וואָס איז דער מיין, דער מוסר־השכל. מיר האָבן פאַרגעניגן פון די אויסטערלישע בילדער, מיר קוויקן זיך מיט די פאַנטאַסטישע געשטאַלטן, מיר ווערן באַצויבערט פון די ווילדע און ווונדערלעכע געשעענישן, אַזוי ווי בײַם לייענען, זאָגן מיר, די מעשיות פון „טויזנט און איין נאַכט״... די רײַכקייט, די שפע פון ר׳ נחמנס פרישע און פרײַ זיך שפּילנדיקע כוחות, די מעכטיקע אויסשפּרייטונג פון זײַנע פליגלען פאַרשאַפט אונדז פאַרגעניגן, ווונדערלעכן געגוס. און ווען עס טרעפט אַפילו, אַז מיר ווייסן נישט דעם סוד און פאַרשטייען נישט דעם פּשט פון אַ מעשה, שמייכלען מיר, זײַנען אַנטציקט ווי קינדער, און וואָלטן נאָך און נאָך ווען הערן אַזעלכע טשיקאַווע זאַכן.

...מיר זוכן נישט דווקא קלאָרקייט. די עצם בילדער, דער קינדישער, פאַנטאַסטישער אופן, ווי זיי ווערן געמאָלן, די אומגעריכטיקייט, די שנעלקייט,

מיט וועלכער די פּאַסירונגען קומען איינע נאָך דער אַנדערער — מאַכן אונדז נײַגעריק, פאַרכאַפּן אונדז, און מיר הערן די מעשה מיט דעם טיפסטן אינטערעס.

אָבער דאָס איז נישט די איינציקע מעלה. דער „דימענט״, וואָס בלישטשעט אַרויס פון אונטער דעם „וואָרצל״ פון די מעשיות, האָט נאָך אַנדערע „זײַטן״ מיט אַנדערע „סגולות״...

ווען מיר זאָלן שפּירן אין די מעשיות נאָר דעם חן פון זייער פאַנטאַסטישן פלאַנטער, נאָר די אויסטערלשע שיינקייט פון זייער מאָדנער, אָפט גראָטעסקער פאַבל, וואָלטן זיי נישט געמאַכט אויף אונדז קיין דויערדיקן אײַנדרוק. דער אמת איז, אַז זיי האָבן אָפט, אויב נישט אַלע מאָל, אַ טיפן זין, אַן אוניווערסאַלע, סימבאָליש־קינסטלערישע כוונה, און נישט נאָר זייער אייגנאַרטיקער פאַרביק־בילדלעכער לבוש, אויך זייער נשמה רעדט צו אונדז, לײַכט אונדז, פאַנגט אונדז אַן אירע כישופדיקע נעצן. דאָס איז דער הויפּט ריכטיק וועגן די מער פאַרענדיקטע מעשיות, אַזעלכע, ווי די מעשה מיט דער פאַרלוירענער בת־מלכה, די מעשה מיט אַ בן־מלך, די מעשה מיטן חכם און תם. אָבער אַפילו אין די צו סודותדיקע און צו פאַרפלאָנטערטע געשיכטעס זײַנען דאָ טיילן, עפּיזאָדן, פון וועלכע עס לײַכט־אַרויס אַ ליטערער, פּאָעטישער זין.

...מאַכט נישט אויס וואָס די שפּראַך איז אָרעם („אַ ווילד חידוש״, „אַ ווילד גרויסער תענוג״ און נאָך אַ מאָל „ווילד״ און ווידער אַ מאָל „ווילד״) — הינטער דער דרויסנדיקער אָרעמקייט פון מיטלען ליגט אַ הויכער ציל, אַ שפע פון רעיונות, אַן אַנטפּלעקונג פון פאַנטאַסטישע זעונגען...

„אָרעמקייט אין מיטלען״... אָבער נישט אַלע מאָל זײַנען ר׳ נחמנס אויסדרוק־מיטלען אָרעם. עס זײַנען דאָ פאַלן, ווען זיי זײַנען רײַך, פונקט אַזוי רײַך און כישופדיק, ווי דער אינהאַלט. דאָס איז דער הויפּט דער פאַל מיט דער מעשה מיט די זיבן בעטלערס, דער שענסטער און פאַנטאַסטישער פון די אַלע סיפּורי־מעשיות.

ר' נחמן בראצלעווער־ביבליאגראפיע

ביכער וועגן ר' נחמן בראַצלעווער

BUBER, MARTIN

1. Die Geschichte des Rabbi Nachman, Frankfurt a/m. 1907.

ווײַס, יוסף

2 מעגלי־שיח, לקט שיחות והנהגות של ר' נחמן מברסלב, 97 זײַטן, ירושלים תש"ח.

זעצער, ש. צ.

3 די נסיעה פון רבי נחמן בראסלאווער קיין ישראל, 128 זייטן, נ"י 1928.

4 ספורי־מעשיות, וווּנדער־מעשיות, אַ ווּיסנשאַפטלעכע אויסגאַבע לויט די פאַרשיידענע טעקסטן אין העברעיִש און יידיש, מיט אַן אײַנלייטונג, באַמערקונגען, דערקלערונגען און באַלײַכטונגען, שמ"ב זײַטן, נ"י 1929.

ספּיוואַק, יונה

5 ר' נחמן בראסלאווערס געשטאַלט פון זײַן מעשה מיט די זיבן בעטלערס, מיט אַן אַרײַנפיר פון ש. ניגער, 161 זײַטן, ווילנע 1932.

צייטלין, הלל

6 ר' נחמן בראסלאַווער, דער זעער פון פּאָדאָליע, 302 זײַטן, נ"י 1952.

שטיינמן, אליעזר

7 כתבי רבי נחמן, מגוסחים ועֲרוּכים, 364 זײַטן, תל־אָביב תשי"א.

וועגן ר' נחמן בראַצלעווער אין ביכער

ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.

8 עסייען, מיר און אונדזערע ברידער, ז' 231, ניו־יאָרק 1933.

ביק, אַברהם

9 וואָרט און צײַט, ז' 178, 183, 185, ב"א 1951.

בעל־מחשבות

10 שריפטן, באַנד 3, ז' 89, ווילנע 1923.

הורודצקי, ש. א.

11 החסידות והחסידים, ספר שלישי, זז' י"ח—פ"א, ת"אָ תשי"ג.

הערבסט, מרדכי

12 ציוניסטישע פיגורן, ב"א 1953, ז' 25.

ווינער, מ.

13 צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט, ב' 1, נ"י 1945, זז' 33—38.

ווײַנרײַך, מאַקס

14 בילדער פון דער יודישער ליטעראַטור־געשיכטע, ווילנע 1928, ז' 275, 289.

לעשצינסקי, ש.

15 ליטעראַרישע עסייען, נ"י 1938, ז' 85.

מאַרק, יודל

16 די געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור, קאָנספּעקט, נ"י 1943, זז' 33—36.

מײַזיל, נחמן

17 נאָענטע און ווײַטע, ב' 2, ווילנע 1926, ז' 147.

18 קעגנזײַטיקע השפעות און וועלטשאַפן, וואַרשע 1965, ז' 123.

ניגער, ש.

19 די צווייִשפּראַכיקייט פון אונדזער ליטעראַטור, דעטראָיט 1941, ז' 70, 84, 91, 92, 93, 97.

20 וועגן דעם אָנהייב פון דער נײַער יידי' ליטעראַטור, יאָרבוך 44־1945, נ"י, ז' 38, 40.

21 דערציילער און ראָמאַניסט, נ"י 1946, ז' 22, 23, 24, 25.

ספּקטור, מ.

22 עולם נעלם, הוצאת א. ניומן, ת"אָ תשי"ד, זז' 47—51.

פײַנבערג, ל.

23 יודיש, פּאָעמע, נ"י 1950, זז' 11—19.

פרידקין, א.

24 אַברהם־בער גאָטלאָבער און זײַן עפּאָכע, ווילנע 1925, זז' 124—133.

צינבערג, ד"ר ישראל

25 די געשיכטע פון דער ליטעראַטור בײַ יודן, באַנד 7, בוך 2, נ"י 1943, ז' 108, 202, 203, 278.

קעניג, לעאָ

26 פאָלק און ליטעראַטור, לאָנדאָן 1947, ז' 37.

ראָבאַק, א. א.

27 דער פאָלקסגײַסט אין דער יודישער שפּראַך, פּאַריז 1964, ז' 311.

רינגעלבלום, עמנואל

28 כתבים, וואַרשע 1961, ז' 215.

רייזען, זלמן

29 פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע, וואַרשע 1923, זז' 105—124.

שולמאַן, אליהו

30 געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, נ"י 1943, ז' 43, 48.

31 יונג־ווילנע, נ"י 1946, ז' 13.

שמן, נ.

32 דאָס געזאַנג פון חסידות, ב"א 1959, ב' 1, ז' 53, 66, 87, 88, 89, 104, 139, 159.

33 דאָס געזאַנג פון חסידות, ב' 2, ב"א 1959, זז' 17—33.

34 באַציונג צו אַרבעט און אַרבעטער, ב' 1, טאָראָנטאָ 1963, זז' 320—322, 326.

שערמאַן, אליעזר

35 שעפער און בויער, פילאַדעלפיע 1941, ז' 116.

וועגן ר' נחמן בראַצלעווער אין לעקסיקאָנען און ענציקלאָפּעדיעס

ז. ד.

36 ר' נחמן בראַצלעווער, לעקסיקאָן פון דער נייער יודישער ליטעראַטור, ב' 1, נ"י 1956, שפּאַלטן 446—448.

ניגער, ש.

37 יידישע ליטעראַטור פון מיטן 18 ביז מיטן 19טן י"ה, אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, יידן ג', נ"י 1942, שפּאַלטן 66, 68.

פּיעטרושקאַ, שמחה

38 נחמן פון בראַצלעוו, יודישע פאָלקס־ענציקלאָפּעדיע, ב' 2, מאָנטרעאַל 1943, שפּאַלטן 376—379.

BINDER, A. W.

39. Jewish Music, **The Jewish People**, Vol. III, N.Y. 1952, P. 367.

LIPTZIN, SOL

40. **The Flowering of Yiddish Literature**, N. Y. - London 1963, P. 17.

MINKIN, JACOB S.

41. **The Universal Jewish Encyclopedia**, Vol. 5, N. Y. 1941, P. 240.

NIGER, SAMUEL

42. Yiddish Literature in the Past Two Hundred Years, **The Jewish People**, Encyclopedia Handbook, Vol. III, N. Y. 1952, P. 166, 167, 168.

W[IERNICK], P[ETER]

43. The Jewish Encyclopedia, Vol. VI, N. Y. 1904, P. 255.

THE JUNIOR JEWISH ENCYCLOPEDIA

44. N. Y. 1957, P. 129.

THE JUNIOR JEWISH ENCYCLOPEDIA

45. N. Y. 1957, P. 138, Yiddish Literature.

THE STANDARD JEWISH ENCYCLOPEDIA

46. N. Y. 1959, Col. 850.

Еврейская Энциклопедия

47. Том 4, Столбы 928-929, С. Петербург.

וועגן ר' נחמן בראַצלעווער אין יידישע זשורנאַלן

אויערבאַך, אפרים

48 שלמה ביקלס „שרײַבער פון מײַן דור", יודישער קעמפער, נ"י 10 יוני 1966, ז' 19.

אָפּאַטאָשו, י.

49 איז טאַקע פּרץ אַ קינסטלער?, ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע 10 אַפּריל 1925, ז' 2.

ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.

50 מיר און אונדזערע ברידער, דער אויפקום, נ"י אַפּריל 1930, ז' 15.

ביקל, שלמה

51 וועגן געשטאַלט פון ר' נחמן בראַצלעווער, די צוקונפט, נ"י יולי־אויגוסט 1961, זז' 251—253.

בעז, ח.

52 דיכטונג, מאַסקע און דיכטערישער סימבאָל, קולטור און דערציונג, נ"י מאַרץ 1960, ז' 13.

בעל־מחשבות

53 דאָס דרום־יידנטום און די יודישע ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט, די צוקונפט, נ"י יאַנ' און פעבר' 1922, ז' 54 און 117.

דײַטש, מאַטעס

54 דער בראַצלעווער רײַט אויף אַ פערד, אונדזער קיום, ב' 24, יאַנ' 1963, ז' 15.

וויטיעס, משה

55 דער גאָלדענער פאָדעם, פרײַע אַרבעטער־שטימע, נ"י 18 אויג' 1950.

ווערגעליס, אַהרן

56 די גאָלדענע קייט פון דער יידישער ליטעראַטור, סאָוועטיש היימלאַנד, נ' 4, מאָסקווע, יולי־אויג' 1963, ז' 101.

טענענבוים, ש.

57 ר' נחמן בראַצלעווער, ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, 28 יוני 1946; אויך אין יוד' זשורנאַל, טאָראָנטאָ, 14 מאַרץ 1947.

טשובינסקי, ב.

58 „אַ משוגענע מויד אָדער דער בראַצלעווער אין סטאַמבול, פרײַע אַרבעטער־שטימע, נ"י, 18 אָקט' 1957.

ליבערמאַן, ח.

59 ר' נחמן בראַצלעווער און די אומאַנער משכילים, יוואָ־בלעטער, נ"י 1947, זז' 201—219.

ליכטשטיין, ראובן

60 די משיח־אידעע אין דער יידישער ליטעראַטור, פרײַע שריפטן, נ' 12, וואַרשע אָקט' 1931, ז' 114.

מינקאָוו, נ. ב.

61 יידישקייט־מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור, געדאַנק און לעבן, ב' 4, נ"י יולי־סעפט' 1946, זז' 128—130.

מלאָכי, א. א.

62 72 יאָר פּאַ"ש, פרײַע אַרבעטער־שטימע, נ"י, 15 פעב' 1963.

63 ר' נחמן בראַצלעווער און זײַנע „מעשיות", די צוקונפט, נ"י, אָקט' 1921, זז' 602—606 און נאָוו' 1921, זז' 657—663.

64 וועגן דעם אָנהייב פון דער נײַער יידישער ליטעראַטור, די צוקונפט, נ"י, יוני 1944, ז' 380, 381.

65 אַ נײַע אויפגאַבע פון דעם בראַצלעווערס מעשיות, די צוקונפט, נ"י סעפט' 1930, זז' 654—660.

66 נאָך וועגן ר' נחמן בראַצלעווערס מעשיות, די צוקונפט, נ"י, יאַנ' 1631, זז' 54—56.

67 די ליטעראַטור אויף יידיש און דאָס יידישע פאָלקסלעבן, יודישער קעמפער, נ"י, 28 סעפט' 1954, ז' 35.

68 ר' נחמן בראַצלעווער און זײַנע

סיפורי־מעשיות, דווקא, נ׳ 45, ב״א, יולי־אָקט׳ 1961, ז׳ 95, 110.

פייגין, ד״ר שמואל

69 יונה ספיוואַקס ר׳ נחמן בראַצלעווער, די צוקונפט, נ״י, אַפּריל 1933, זז׳ 239—241.

ראַוויטש, מלך

70 ר׳ נחמן בראַצלעווער — דער זעער פון פּאָדאָליע, די צוקונפט, נ״י, אַפּריל 1955, זז׳ 182—183.

ראַפּאַפּאָרט, י.

71 פּאַטאַלע אוצרות, וועטער, נ״י, מאַרץ־אַפּריל 1957, ז׳ 5.

שולמאַן, אליהו

72 ש. ניגערס מאָנאָגראַפיעס וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, די צוקונפט, נ״י, אָקט׳ 1959, ז׳ 426, 527.

שטענצל, א. נ.

73 איבער ליריק, יידיש, לאָנדאָן 1942, ז׳ 109.

שטריגלער, מרדכי

74 ר׳ נחמן בראַצלעווער, יידישער קעמפער, נ״י, 17 אָקט׳ 1952, זז׳ 5—12.

וועגן ר׳ נחמן בראַצלעווער אין פרעמדע שפּראַכן

BAYON, LEIB

75. Literatura Idish, **Vida de México**, Sept. 1958.

BUBER, MARTIN

76. **Die Geschichte des Rabbi Nachman**, Frankfurt a/m. 1907.

77. La Tierra de Israel, Morada de Dios, El Sionismo de Rabi Najman, **Davar**, Buenos Aires, Enero-Abril 1952, Pp. 5-23.

COOPERMAN, Dr. HASYE

78. Folk Pattern of Yiddish Literature, **Freeland**, New York, April-June 1960, P. 8.

GRAYSEL, SOLOMON

79. The Legacy of hasidism, **A History of the Jews**, Philadelphia 1947, P. 533.

GUINSBURG, JACO

80. Introdução, **Judias do Conto Idiche**, São Paulo 1948, P. 23.

HORODETZKY, S. A.

81. Rabbi Nachman von Braslaw, Berlin 1910.

82. **Religiose Strömungen im Judentum**, Berlin - Leipzig 1920, Seite 142.

LASTIK, SALOMON

83. Nachman z Braclawa, **Z Dziejów Oswiecenia Zydowskiego**, Warszawa 1960, Str. 70-77.

LEFTWICH, JOSEPH

84. Encyclopedic view of the world of literature, **The Jewish Quarterly**, London 1954, P. 40.

LIBERMAN, KHAIM

85. Rabbi Nakhman Bratslaver and the maskilim of Uman.

Yivo Annual of Jewish Social Science, Vol. VI, N. Y. 1951, P. 287-301.

LIPTZIN, SOL

86. **The New Dawn**, The Flowering of Yiddish Literature, N. Y. - London 1963, P. 18.

MINKOFF, N. B.

87. Yiddish Pioneer poets in the United States, **Judaism**, N.Y. July 1952, P. 247.

MULLER, ERNST

88. Nachman Ben Simcha aus Brazlaw, **Judischer Lexicon**, Band IV/1, Berlin 1930, S. 372-373.

WEINER, HERBERT

89. The dead hasidism, **Commentary**, Vol. 31, № 5, N. Y., May 1961, P. 420-427.

Дубнов, С. М.

90. Новейшая История Еврейского Народа, Берлин 1923, Том I, стр. 286.

Рапопорт, О.

91. Борьба против собственной души, **На Привале**, Шанхай 1943, стр. 87.

נאָכבאַמערקונגען

◈ דאָס דאָזיקע בוך, דער 30סטער באַנד מוסטערווערק פון דער ייִדישער ליטעראַטור, אַרויסגעגעבן דורכן יוסף ליפשיץ־פאָנד, טראָגט דעם אָריגינעלן טיטל פון **ר׳ נחמן בראַצלעווערס** דערציילונגען: **סיפורי־מעשיות.**

◈ די רעדאַקציע האָט זיך באַנוצט מיטן טעקסט פון **ש. צ. זעצערס** „סיפורי־מעשיות״, אַן אויסגאַבע פון 1929. פון די 13 מעשיות גענומען 10. אָבער נישט גענומען די באַמערקונגען און צוגאָבן, וואָלכע זײַנען דורכויס טעאָלאָגישע באַלײַכטונגען, געשריבן פון זײַן חסידישן תלמיד, **ר׳ נתן.**

◈ פונקט ווי וועגן גליקל **האַמיל,** איז וועגן ר׳ נחמנס **נאָמען** פאַראַן אַ שטענדיקער בילבול־המוחות. טייל לייגן אים אויס „בראַסלאַווער״, אַנדערע „בראַצלאַווער״. בעת מײַן באַזוך אין ניו־יאָרק אָנהייב 1966 האָב איך וועגן דעם פּרט זיך מתווכח געווען מיט אייניקע פון אונדזערע פּראָמינענטע פילאָלאָגן. און דער אויספיר איז: אַלע ריידן־אַרויס ר׳ נחמנס נאָמען **בראַצלעווער.** אַזוי איז עס **ייִדישלעך.** שיקט זיך, אַז מ׳זאָל איין מאָל פאַר אַלע מאָל דרוקן: **בראַצלעווער.**

◈ דער דאָזיקער באַנד **ברייטערט־אויס** דעם היקף פון דער **מוסטערווערק־טעמאַטיק.** אויב גליקל האַמיל איז די אשת־חיל פון **צאינה וראינה** און **תחינות,** איז ר׳ נחמן **בראַצלעווער** די גרויסע וועלט פון **חסידות** אין דער לויטערסטער פאָרעם, מיט אומדערשעפלעכער פאַנטאַזיע, פון וועלכער עס האָבן געגאָסן, און געניסן עד־היום, אַ סך ייִדישע **שעפערישע מענטשן.** הלוואַי זאָל די **דאָזיקע** אויסגאַבע אויך צוהעלפן אין אָט דעם זין.

◈ די רעדאַקציע דאַנקט פ׳ **זלמן וואַסערצוג** פאַר איבערזעצן אייניקע פראַגמענטן.

ש. ר.

Joseph Lifshitz Fund

ביז איצט דערשינען פאַר דער ביבליאָטעק

מוסטערווערק פון דער ייִדישער ליטעראַטור

אונטער דער רעדאַקציע פון שמואל ראָזשאַנסקי

1) שלמה עטינגער — **אויסגעקליבענע שריפטן**
2טע אויפלאַגע (312 זײַטן)

2) מאַרק וואַרשאַווסקי — **ייִד׳ פאָלקסלידער, 2טע אויפלאַגע (216 זײַטן)**

3) ה. ד. נאָמבערג — **אויסגעקליבענע שריפטן**
2טע אויפלאַגע (256 זײַטן)

4) מענדעלע מוכר ספרים — **מסעות בנימין השלישי**
2טע אויפלאַגע (256 זײַטן)

5) לייב נײַדוס — **אויסגעקליבענע שריפטן (208 זײַטן)**

6) יעקבֿ דינעזאָן — **יאָסעלע, קריזיס, 2טע אויפלאַגע (256 זײַטן)**

7) משה בראָדערזאָן — **אויסגעקליבענע שריפטן (272 זײַטן)**

8) אליהו בחור — **בבֿא־בוך (256 זײַטן)**

9) דוד פינסקי — **אויסגעקליבענע שריפטן, 2טע אויפלאַגע (352 זײַטן)**

10) שמעון פרוג — **אויסגעקליבענע שריפטן (216 זײַטן)**

11) י. ל. פּרץ — **אין 19טן יאָרהונדערט, 2טע אויפלאַגע (272 זײַטן)**

12) י. ל. פּרץ — **אין 20סטן יאָרהונדערט, 2טע אויפלאַגע (272 זײַטן)**

13) מאָריס ראָזענפעלד — **אויסגעקליבענע שריפטן (240 זײַטן)**

14 דוד האָפשטיין, איזי כאַריק, איציק פעפער — **שריפטן (272 זײַטן)**

15) מרדכי ספעקטאָר — **דער ייִדישער מוזשיק, ראָמאַן (272 זײַטן)**

16) ה. לייוויק — **אויסגעקליבענע שריפטן (352 זײַטן)**

17) שלום עליכם — **מנחם־מענדל , 2טע אויפלאַגע (272 זײַטן)**

18) אַבֿרהם גאָלדפאַדען — **אויסגעקליבענע שריפטן (256 זײַטן)**

19) י. י. שוואַרץ — קענטאָקי, א. ראַבאָי — **הער גאָלדענבאָרג**
(פּיאָנערן אין אַמעריקע) **(312 זײַטן)**

20) חיים־נחמן ביאַליק — **אויסגעקליבענע שריפטן (384 זײַטן)**

21) ש. אַנ־סקי — **אויסגעקליבענע שריפטן (296 זײַטן)**

22) מענדעלע מוכר ספרים — **פישקע דער קרומער (256 זײַטן)**

23) יוסף אָפּאַטאָשו — אין פּוילישע וועלדער (416 זײַטן)
24) זלמן רייזען — אויסגעקליבענע שריפֿטן (304 זײַטן)
25) יהואָש — אויסגעקליבענע שריפֿטן (320 זײַטן)
26) גליקל האַמיל — זכרונות (352 זײַטן)
27) שלום עליכם — טבֿיה דער מילכיקער (288 זײַטן)
28) אַבֿרהם רייזען — אויסגעקליבענע שריפֿטן (320 זײַטן)
29) די פּרוי אין דער ייִדישער פּאָעזיע (416 זײַטן)
30) ר׳ נחמן בראַצלעווער — סיפּורי־מעשׂיות (224 זײַטן)

פֿאַר דעם יאָר 1967 זיינען באַשטימט די דאָזיקע 4 ביכער:

31) מרדכי אַלפּערסאָן — אין אַרגענטינע
32) פּרץ הירשביין — אויסגעקליבענע שריפֿטן
33) אַנטאָלאָגיע — ייִדיש אין ליד
34) מנחם באָרײַשאָ — זאַוול רימער

REB NACHMEN BRATZLEWER

STORIES

AND STUDIES ON THE JEWISH LITERATURE

★

1967

ATENEO LITERARIO EN EL INSTITUTO CIENTIFICO JUDIO

Pasteur 633 - 3º Buenos Aires